STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00659

LIDER FUN DER MILHOME

Permanent preservation of this book was made possible by
Ruth I. Gordon
in memory of
Charlotte Blank Gordon & Samuel M. Gordon

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער פון דער מלחמה

אַנטאָלאָגיע

צוזאַמענגעשטעלט
פון
י. קיסין

ביבליאָטעק פון
פּאָעזיע און עסייען
ניו יאָרק, 1943

POETRY OF THIS WAR

Compiled by I. KISSIN

Copyright, 1943, by G. K. Gorn

Published by Library of Poetry and Essays
c/o Dr. M. Sudarsky, 57 West 57th Street, N. Y. C.

הויפטפאַרקויף :

MAX N. MAISEL, 424 Grand Street, New York, 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

לידער פון דער מלחמה

אַנטאָלאָגיע

אָפּטײלן:

הימנען
די מלחמה גייט
דער שונא ביי די טויערן
איך בין די שווערד, איך בין דער פלאַם
גיס אויס דיין צאָרן; דאָס ליד פון האַס
אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט
אין שלאַכט; די הייליקע מלחמה
פאָלק און לאַנד; אַמעריקע
היים און וואָגלער
דער אייביקער איד
געטאָ, געלע לאַטע
ווי בישט וועלן זיי ווערן
העלדן און קדושים
לעבן און טויט; רעקוויעם
שטימען פון עבר
פרייהייט, מלחמה און שלום
והיה באחרית הימים

פון דעם צוזאַמענשטעלער

די זאַמלונג „לידער פון דער מלחמה" איז אַ פּאָעטישער רעקאָרד פון אונזער צייט, יעדנפאַלס אַן אָנהויב פון אַזאַ רעקאָרד. דער קערן פון דער זאַמלונג, איר הויפּט־אינהאַלט, באַשטייט פון לידער, וואָס האָבן צו טאָן דירעקט מיט דער איצטיקער היטלער־מלחמה. אָבער די טעמע פון דער זאַמלונג איז אַ ברייטערע. אין אַ ריי אָפּטיילן האָבן מיר דאָ אַ קליינע סכעמע פון דער עפּאָפּייע פון אונזער דור און אַ קווער־שניט פון דער היינטצייטיקער פּאָעזיע: פאַרשיידענע ליטעראַרישע שולן, סטילן, טראַדיציעס; אַלערליי פאָרמען, שטרענגע און פרייע, און מאָדערנע פּאָעטישע פּראָזע; טענער הויכע און שטילע, הימנען, לידער פון גלויבן און פון לעבן, פון קאַמף און צאָרן און פון ליבשאַפט צום מענטשן, פון בייענקשאַפט צו אייגענער ערד; לידער לירישע, פּאָליטישע, פילאָסאָפישע, פּובליציסטישע, לידער־תפילות און מוסטערן נאָענטע צו „ריינער פּאָעזיע", צו סוביעקטיווער ליריק און אָביעקטיווע בילדער. אין אָט דער פילטאָניקייט פאַרנעמען מיר דעם קול פון אונזער צייט און פון דער היינטיקער דיכטונג. אָבער לעבן שטימען פון גלויבן, בטחון און שטרייט פאַרנעמען מיר אויך אַמאָל טענער פון פּעסימיזם, פון צווייפל, רעזיגנירטקייט אָדער ביטערן סאַרקאַזם. אין אָט דער פילשטימיקייט באַגעגענען זיך פּאָעט און נביא, — אין נייע אָפּרופן אויף דערשיינונגען פון טויט און לעבן, פראַגן פון מענטשלעכן גורל, און פון דער שליחות פון נביא און קריגער און פון דעם באַרוף און מיסיע פון פּאָעט. אין אָט דער פילשטימיקייט זיינען די פּאָעטן פון דער וועלט איינשטימיק, אַז פּאָעזיע קאָן ניט זיין אָן פרייהייט. די ירושה פון דער פריערדיקער מלחמה איז געווען: פאַרצווייפלונג, אומגלויבן, ציניזם. אויף אָט די נעגאַטיווע יסודות קאָן מען קיין זאַך ניט בויען, זיכער ניט קיין פּאָעזיע. פּאָעטן ציען זיך דעריבער צו אַ גלויבן, וואָס דער מאָרגן קאָן אונז איצט ברענגען.

אין 1933 האָט געבעלס דערקלערט ביי אַ מיטינג אין בערלינער ספּאָרטפּאַלאַסט פאַר צען טויזנט שוואַכזיניקע נאַציס: „די רעכט פון מענטשן זיינען אָפּגעשאַפט". און די צען טויזנט שוואַכזיניקע נאַציס האָבן אָט די דעקלאַראַציע פון קנעכטשאַפט אויפגענומען מיט אַ שטורעם פון פרייד־געשרייען; און צענדליקער מיליאָנען דייטשע מיכעלס האָבן דאָס אָנגענומען אָן טענות. אין יענעם טאָג האָט די היטלער־רעוואָלוציע אויפגעהויבן אַ שווערד אויף דער פרייהייט פון מענטשן, אויף דער גאַנצער מערב־ציוויליזאַציע. אין די „אַקס"־לענדער איז די פּאָעזיע טויט. אַלץ, וואָס האָט זיך פון אָט דעם טויט געראַטעוועט, איז מיט אונז, אין דער באמת הייליקער מלחמה קעגן דעם ערגסטן שונא פון דעם

מענטשלעכן מין, — אַ שונא, וואָס איז באַזונדערס געפערלעך מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרבונדן די נידעריקסטע אינסטינקטן מיט די העכסטע דערגרייכונגען פון מאָדערנער טעכניק; טאָמאָס מאַן האָט דאָס אָנגערופן „מעכאַניזירטער מיסטיציזם״.

קעגן אָט דעם „מעכאַניזירטן מיסטיציזם״ פון אַ פאָלק, וואָס וויל זיין אַ קין אין דער מענטשלעכער משפחה, זיינען אויפגעשטאַנען די פעלקער פון דער וועלט, די ציוויליזירטע מענטשהייט; קעגן דעם איז אויך אויפגעשטאַנען די פּאָעזיע פון די פעלקער, דער גאַנצער פּאָעטישער אינטערנאַציאָנאַל. אַ באַזונדערן אָרט אין אָט דעם פּאָעטישן אינטערנאַציאָנאַל פאַרנעמען די פּאָעטן פון דעם אידישן פאָלק, וואָס שטייט מער פון אַנדערע פעלקער אינמיטן פון דעם היטלער־פייער. די פּאָעזיע פון די „אַקס״־לענדער איז פון דעם פּאָעטישן אינטערנאַציאָנאַל אויסגעשלאָסן. דאָס, וואָס גילט דאָרטן פאַר פּאָעזיע, איז פּראָפּאַגאַנדע אין דעם ערגסטן, נידעריקסטן און גראָבסטן זין פון דעם וואָרט. יעדע מענטשלעכע און פּאָעטישע לאָגיק ווערט דאָרטן אויסגעראָט, עס דאַרף נאָר שרייען דאָס נאַצישע, פאַשיסטישע, מיליטאַריסטישע „האַרן־בלוט״. פאַרקערט, די היינטיקע פּראָפּאַגאַנדע־פערזן אין די פרייע לענדער, חוץ דעם מענטשלעכן און פּאָעטישן אמת, וואָס זיי האָבן, מוזן אַלעמאָל באַפרידיקן אַ מינימום פון ריין־פּאָעטישע פאָדערונגען.

די היטלער־רעוואָלוציע האָט קודם־כל פּראָקלאַמירט אַ פולשטענדיקן איבעררייס מיט דער גאַנצער היסטאָרישער און קולטור־פאַרגאַנגענהייט פון אייראָפּע. פאַרקערט, די פרייע פעלקער און זייערע פירער אין דעם איצטיקן אַלוועלטלעכן קאַמף האָבן דרינגלעך פאַרזאָגט און הערן ניט אויף צו דערמאָנען, אַז מען מוז דורכאויס אָנהאַלטן אַן ענגע פאַרבינדונג מיט דעם קולטור־עבר און ווייטער אָנפירן דאָס קולטור־לעבן. מיר דאַרפן אויך האָבן אין זינען, אַז די איצטיקע מלחמה איז פאַר אונז אויך ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, נאָר איז דער העכסטער פונקט, דער אָנהויב פון אַ „לעצטן אַנטשיידנדיקן שטרייט״ אין אַ לאַנגן קאַמף פאַר פרייהייט. אין דעם ליכט פון אָט דעם קאַמף, וואָס איז אין פאַרשיידענע פאָרמען אָנגעגאַנגען אין פאַרשיידענע לענדער און צייטן, קאָנען מיר בעסער, טיפער באַנעמען דעם פולן זין פון דעם איצטיקן טויט־קאַמף מיטן שונא פון מענטשלעכער פרייהייט.

פאַר אונז, אידן, איז אָט דער קאַמף דער אינהאַלט פון אונזער גאַנצער היסטאָרישער עקזיסטענץ. ער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין פרימאָרגן פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן און ציט זיך ביז איצט; און אין דער נייער צייט און אין איצטיקן מאָמענט איז ער ענג צונויפגעבונדן מיטן קאַמף פון אַלע פעלקער. פאַר אונז איז דער קאַמף פאַר פרייהייט, גלייכהייט, פרידן און יושר אויף דער וועלט אַ סך עלטער פון די רעוואָלוציעס אין פראַנקרייך, אַמעריקע, ענגלאַנד, אַ סך עלטער פון דעם רענעסאַנס, און אַזוי אַלט אָדער נאָך עלטער פון דער גאַנצער מערב־ציוויליזאַציע. אין דער לאַנגער געשיכטע אונזערער, וואָס איז אַזוי פול מיט פיין און צער, האָבן מיר געגעבן דער מענטשהייט „אז ישיר״

און „שירת דבורה", די עלטסטע געזאַנגען פון דער באַפרייאונג פון אַ פאָלק, וואָס מיר האָבן אין דער מערב־ליטעראַטור. מיר האָבן אויך געגעבן דער מענטשהייט די זעאונג פון גרויסן נביא־פּאָעט ישעיה וועגן אַ וועלט פון פרידן, ווען מען וועט מער ניט לערנען די קונסט פון מלחמה.

היטלער און דער ערגערער טייל פון דייטשטום ווילן אויסראָטן דעם „והיה באחרית הימים" צוזאַמען מיטן אידישן פאָלק, וואָס טראָגט אָט די אידעאַלן פון מענטשלעכער ברידערלעכקייט. זיי ברענגען דער וועלט אַ שווערד, אייביקע מלחמה, אַנשטאָט אייביקן פרידן. די פרייע פעלקער וועלן מוזן איצט מקיים זיין דעם „והיה באחרית הימים" אָדער אונטערגיין. אָבער אונטערגיין וועלן זיי ניט; דעריבער גלויבן מיר, אַז עס איז אָנגעקומען די צייט, ווען די אידעאַלן פון די נביאים און גרויסע פּאָעטן און זעער פון אַלע צייטן וועלן מוזן דורכגעפירט ווערן צווישן מענטשן. דאָס וועט ניט געשען באַלד אויף מאָרגן נאָך דער איצטיקער מלחמה; עס וועט אויך זיין אַ לאַנגער און קאָמפּלי־צירטער קאַמף צו „געווינען דעם פרידן" און צו געווינען און באַפעסטיקן די פרייהייט, זיכערקייט און גערעכטיקייט צווישן מענטשן.

דאָס גיט דעם בלוטיקן אומזין פון דער איצטיקער וועלט־שחיטה אַ טיפן היסטאָרישן זין. מיר שטייען אין קאַמף מיטן געזעץ פון אורוואַלד, אין אַ גאָט'ס מלחמה מיט דער מאַכט פון שטן, אין אַ געראַנגל מיט אַ גלויבן פון „בלוט", פון חושך און טויט. מיר גלויבן אין דעם זיג פון לעבן.

אָט דער גלויבן איז די גרונט־אידייע פון דער זאַמלונג „לידער פון דער מלחמה". דאָ האָבן מיר אָפּרופן פון היינטיקע פּאָעטן אויף דער איצטיקער מלחמה, וואָס איז אַנדערש פון סתם מלחמות פון אַמאָל, און אויפן היינטיקן חורבן און פאַרשיידענע זייטן פון היינטיקן לעבן אונטער דעם אַקאָמפּאַ־נימענט פון אַ נייעם גיהנום, וואָס איז פון דער טיף פון דער ערד אַרויס אויף דער ערד'ס פלאַך, אין די טיפענישן פון ימים און אין די הויכע הימלען איבער אונז. מיר האָבן דאָ אויך שטימען פון פּאָעטן פון נעכטן און פון אַמאָל. זיי גיבן אונז אַ באַלייכטונג, אַ פאַרגלייך אָדער אינטערעסאַנטן קאָנ־טראַסט; און אַמאָל באַטאָנען זיי, באַזינגען דאָס, וואָס געשעט אין אונזערע טעג. מיר האָבן דאָ אויך אַ צאָל לידער פון דעם קאַמף פאַר פרייהייט פון אַמאָל. אָפּטמאָל באַקומען פערזן און זעאונגען פון אַן אַמאָליקן פּאָעט אַן אומגעריכט טיפן מיין אין דעם רויטן שיין פון אונזערע טעג. אין דער באַגלייטונג פון מלחמה און פרייהייט־פערזן פון אַמאָל באַקומען לידער פון דער היינטיקער מלחמה אַ פולערן רעזאָנאַנס און טיפערן זין. די איצטיקע זאַמלונג איז אָבער ניט קיין אויפזאַמלונג פון גרוילן. אַ ווי ווייט מעגלעך פולערן צעטל פון דעם שונא'ס פאַרברעכן וועט מען דאַרפן צושטעלן פאַרן טריבונאַל פון די פעלקער, אָבער פּאָעזיע אָפּערירט ניט מיט צאָלן: עס איז פאַראַן אַ גרענעץ, וויפיל דאָס מענטשלעכע געפיל און די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָנען פאַרנעמען און באַנעמען. חוץ דעם: דאָרטן, וואו קוואַנטיטעט גייט ניט אַריבער אין קוואַליטעט, איז פאַרן פּאָעט, ווי פאַרן בעמיקער, געגוג איין טראָפּן.

„דויטשלאַנד איבער אַלעס" האָט צייטווייליק פאַרטריבן די „מאַרסעליעזע" פון איר אייגענער ערד. אָבער מיר גלויבן, אַז די „מאַרסעליעזע" וועט באַלד קומען צוריק און וועט פאַרניכטן „דויטשלאַנד איבער אַלעס", — די „מאַר־סעליעזע" אין אַ בונד מיטן „סטאַר־ספּענגלד בענער", מיטן „לאַנד פון רום און האָפענונג" (ענגלאַנד), מיטן „אינטערנאַציאָנאַל" און די אַנדערע הימנען פון די פרייע פאַראייניקטע פעלקער, וועלכע וועלן אָפּווישן פון דער ערד אַלע בלוטיקע „האָרסט וועסעל" געזאַנגען.

אָט דעם גלויבן נעמט אַן אַלץ מער און טיפער די דיכטונג פון דער וועלט. אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער, וואו עס זיינען נאָך טיף איינגעוואָרצלט דער פּאַסיפיזם און די אַנטוישונג פון דער לעצטער מלחמה, גייט אַן אַ פרייע דיסקוסיע וועגן דער מלחמה גופא און וועגן דעם אָרט און דער אַרבעט פון דער דיכטונג. פאַר אַלעמען ווערט דאָ אָבער אַלץ קלאָרער, אַז „פּאָעטרי עז יוזשועל" איז איצט אַ פוסטער רוף. פּאָעטן, ווי עדנא סט. ווינסענט מילעי, סטיווען ווינסענט בענעי און אַנדערע האָבן אין אָפן פּובליציסטישע פּאָעטישע שריפטן גערופן דאָס פאָלק און די פּאָעטן צו פרייוויליקער זעלבסט־מאָביליזאַציע און זעלבסט־דיסציפּלין אין נאָמען פון דעם גלויבן אין לעבן. אין רוסלאַנד, וואָס שטייט אינמיטן פון דעם גרעסטן און העלדישסטן געראַנגל מיט דער היטלער־חיה, איז די גאַנצע דיכטונג אַ פּאָעזיע פון שלאַכט. אידישע פּאָעטן זיינען, נאַטירלעך, פאַרנומען מיט דעם איצטיקן גרעסטן חורבן אין אונזער געשיכטע. אָבער דער גלויבן אין לעבן דאַרף ביי אונז ניט פּראָפּאַגאַנדירט ווערן. פילאָסאָפיע, רעליגיע און פּאָעזיע פון טויט האָט זיך ביי אונז קיינמאָל ניט געקאָנט איינביר־גערן. דער גלויבן אין לעבן איז ביי אונז אין בלוט, — דער גלויבן אין אַ ריין און שיין און גערעכט לעבן, — און מיר טראָגן אים אַן אויפהער צו דער גאַנצער איבעריקער וועלט.

אַנטקעגן דעם „איין ווילן", אַ טיראַנישן, פינצטערן, פאַרברעכערישן ווילן, פון די טאָטאַליטאַרישע לענדער ווערט אין די לענדער פון פאָלקס־הערשאַפט מאָבי־ליזירט דער פרייער ווילן פון פאָלק צו זעלבסט־טעטיקייט און זעלבסט־דיסציפּלין פון פרייוויליקער אייניקייט. מיטן פאָלק מאָביליזירט זיך די אינטעליגענץ פון די מערב־לענדער. אין דער דאָזיקער מאָביליזאַציע פון דעם ווילן צום לעבן זוכט אויך די היינטיקע דיכטונג אַ נייע פעסטע אָריענטאַציע. מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי עס וועט אויסזען די ליטעראַטור און פּאָעזיע פון מאָרגן, אָבער ביז־איצטיקע טעאָריעס ווערן רעווידירט, פּאָעטן קערן זיך אום צו די גרויסע „אַלטע ווערטער", פּאָעטישע ווערטן פון נעכטן ווערן איבערגעשאַצט. מיר קאָנען אָננעמען, אַז די דיכטונג פון מאָרגן וועט זיין טיף־עטיש, מיט אַ פעסטערן און ברייטערן און מער וויסנשאַפטלעכן סינטעז צווישן יחיד און כלל, מיט אַ דערנענטערונג צום פאָלק און געזעלשאַפטלעכן לעבן; און אַז זי וועט זיין אינערלעך באַלויכטן מיט אַ נייער „רעליגיע פון לעבן", ווי דער ענגלישער פּאָעט סטיוון ספּענדער דערוואַרט דאָס פון די פּאָעטן אין באַפרייטן פראַנקרייך.

אין אַן אָפּרוף אויף אַ בוך וועגן די פּאָעטן־סימבאָליסטן האָט ספּענדער גע־

שריבן: „אויב די מאָדערנע פּאָעזיע קאָן זיך ניט איינשפּאַנען אין יאָך פון די דאָגמעס פון אַלטע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, האָט זי די ברירה צו ווערן דער אויסדרוק פון דער גייסטיקער און רעליגיעזער זייט פון דעם מענטשנ׳ס נאַטור, דורך אויסגעפינען אַלץ נייע סימבאָלן און מיטן. דער פּאָעט וועט אויף אַזאַ אופן ווערן דער פּריסטער פון אַ רעליגיע פון לעבן, אַ רעליגיע, וואָס וועט זיך נאָכאַנאַנד אַנטוויקלען. דער וואוקס פון גייסטיקייט, וואָס פירט ניט געוויינלעך צו אַן אומקער צו דאָגמאַטישער רעליגיע, איז אַ מערקווירדיקער צייכן פון אונזער צייט. און עס קען גריילעך זיין, אַז נאָך דער מלחמה וועלן מיר אויסגעפינען, אַז אָט דער וואוקס פון גייסטיקייט איז אַוועק אַ סך ווייטער אין פראַנקרייך, איידער אין אַנדערע לענדער; אַז די פראַנצויזישע פּאָעטן, דיסציפּלינירט דורך פאַרצווייפלונג, ליידן און דער אַנטפּלעקונג, וואָס עס מיינט צו זיין מענטשלעך, וועלן ווערן די גייסטיקע פירער פון אַ „ליטעראַטור צו ראַטעווען די מענטשהייט״.

די אידישע פּאָעטן, ניט ווינציקער „דיסציפּלינירט פון פאַרצווייפלונג און ליידן״ און מיט אַ קלאָרן באַוואוסטזיין „וואָס עס מיינט צו זיין מענטשלעך״, זיינען שוין לאַנג באַזעלט מיט אָט דער רעליגיע פון לעבן; און ביי די היינטיקע אידישע פּאָעטן איז דער סאָציאַלער אידעאַליזם שטאַרק, — אַזוי שטאַרק, ווי ער איז אַלעמאָל געווען ביי אידן. די אידישע פּאָעזיע איז גייסטיק גרייט צו פאַרנעמען אַן אָרט מיטן אַוואַנגאַרד פון דער דיכטונג פון מאָרגן.

דער עלפנביין־טורעם פון „ריינער פּאָעזיע״ איז איצט כמעט אינגאַנצן פאַרלאָזן. די מוזע פון דיכטונג איז אַוועק אין מלחמה, — ווי אַ קעמפערין־אַמאַזאָן, צי ווי אַ קראַנקן־שוועסטער. אַ היבשע צאָל יונגע פּאָעטן פון ענגלאַנד, אַמעריקע און רוסלאַנד זיינען אויף די פראָנטן. דעם עלפנביין־טורעם וועט קיינער ניט אָנטאָן קיין שאָדן. ער וועט וואַרטן ביז דער צייט, ווען דאָס אומנאַטירלעכע וועט אויפהערן זיין נאָרמאַל, ווען טויט וועט באַזיגט ווערן, און לעבן וועט צוריק ווערן לעבן. די פּאָעזיע פון מאָרגן וועט מוזן זיין נעענטער צום פאָלק, מער סאָציאַל, מער נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל, און זי וועט געפינען איר געהעריקן אָרט ערגעץ צווישן רעליגיע און דער מאָדערנער וויסנשאַפט.

*
**

איך וויל דאָ אין מיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון דעם קאָמיטעט, וואָס גיט אַרויס דאָס בוך, דאַנקען די אָרגאַניזאַציעס און יחידים, קאָלעגן־שריפטשטעלער און כלל־טוער, וואָס האָבן מיט זייער מאַטעריעלער און טעכנישער הילף מעגלעך געמאַכט דאָס בוך אַרויסצוברענגען.

איך וויל אויך בעטן אַנטשולדיקונג ביי אייניקע קאָלעגן, באַזונדערס פון אונזערע „פּראָווינצן״, וועמעס זאַכן האָבן ניט געקאָנט אַריין אין בוך, צי ווייל זיי זיינען אָנגעקומען צו שפּעט, אָדער צוליב אַנדערע טעכנישע און רעדאַקציאָנעלע סיבות.

י. קיסין.

איר וועט ניט קעמפן אומזיסט

(פון אַ רעדע סעפּטעמבער, 1942)

מיר דאָ אין דער היים פילן טיף אונזער התחיבות צו אייך, אונזערע יונגע קעמפער, איצט און אין דער צוקונפט. מיר וועלן אייך ניט פאַרראַטן.

זיג איז דאָס וויכטיקסטע. אָבער זיג אַליין איז ניט גענוג ניט פאַר אייך, ניט פאַר אונז. מיר מוזן זיין זיכער, אַז ווען איר וועט האָבן דעם זיג געוואונען, וועט איר ניט דאַרפן זאָגן אייערע קינדער, אַז איר האָט געקעמפט אומזיסט, אַז מען האָט אייך פאַרראַטן. מיר מוזן זיין זיכער, אַז אין אייערע היימען וועט ניט זיין קיין נויט; אַז אין אייערע שולן וועט מען לערנען אָן מורא דעם לעבעדיקן אמת; אַז אין אייערע קירכעס וועט מען פּריידיקן אָן מורא די אמונה, אין וועלכער מענשן ווילן גלויבן.

מיר ווייסן גוט, אַז לייכט קאָנען מיר אונזערע צילן ניט דער־גרייכן. מיר קאָנען ניט איבערנאַכט פאַרווירקלעכן פולשטענדיק אַלע אונזערע אידעאַלן. מיר ווייסן, אַז דאָס וועט מוזן זיין אַ לאַנגער און שווערער און ביטערער קאַמף, און אַז מיר וועלן האָבן זייער אַ סך צו טאָן לאַנג נאָכדעם, ווי מען וועט אַרונטערשיסן דעם לעצטן דייטשן, יאַפּאַנעזישן און איטאַליענישן באָמבער.

פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט

די פאָן מיט די שטערן

אָ, זאָג, קענסטו זען אין פאַרטאָגיקער פּראַכט,
וואָס מיר גריסן מיט שטאָלץ אין דעם דעמער־ליכט גליען?
וועמעס שטערן און שטרייפן דורך שרעקלעכער שלאַכט
איבער טורעמס און ווענט אַזוי הערליך דאָ פליען?

און די שיין פון ראַקעט איבער ברענענדן פּאַרט
האָט געוויזן דורך נאַכט: אונזער פאָן איז נאָך דאָרט.
זאָג, וויהט נאָך די פאָן, מיט די שטערן באַהעלט,
איבער לאַנד פון דער פריי, איבער היים פון דעם העלד?

אויפן טונקעלען ברעג דורכן טיפן טומאַן,
וואו די מחנה פון פיינט רוט אין פינסטערע שפּאַלטן, —
וואָס באַוועגט דאָרט דער ווינט אויפן פעלזיקן שטאַנג,
און וואָס פלאַטערט דאָרט הויך, האַלב־אַנטפּלעקט, האַלב־באַהאַלטן?
און עס גליט און עס שאַלט אין באַגיניקן שטראַל,
און עס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם שטראָמיקן קוואַל.
ס'איז די פאָן מיט די שטערן, זאָל זי לאַנג וויען העל
איבער לאַנד פון דער פריי, איבער היים פון דעם העלד.

און וואו איז די באַנדע, וואָס באַרימעריש שווערט,
אַז דער חורבן פון קריג און דער תל פון געפעכטן
ביט קיין היים, ביט קיין לאַנד זאָל נישט לאָזן אונז מער?
זייער בלוט האָט פאַרשווענקט זייער טראָט דעם פאַרשוועכטן.
און אפילו אין גרוב פאַר דעם נאַימיט און שקלאַף
איז קיין רעטונג נישטאָ אין זיין ווילדן געלאַף.
און די פאָן מיט די שטערן וויהט זיגרייך און העל
איבער לאַנד פון דער פריי, איבער היים פון דעם העלד .

אָ, זאָל עס זיין אייביק, ווען אויפשטיין וועט מאַן
צו באַשיצן זיין היים פונם אָנפאַל פון שונא.
זאָל מיט פרידן און זיג זיין געבענשט אונזער לאַנד,
און דער כח, וואָס האָט אין אַ פאָלק אונז פאַראייניקט.
מיר זיגן, ווייל יושר אין אונזער געבאָט.
זאָל זיין אונזער מאָטאָ: „מיר טרויען אין גאָט!”
זאָל די פאָן מיט די שטערן וויען זיגרייך און העל
איבער לאַנד פון דער פריי, איבער היים פון דעם העלד.

פרענסיס סקאָט קי

כינעזיש מלחמה־ליד

שטייט אַלע אויף, ווער ס'וויל ניט זיין קיין קנעכט.
לאָמיר מיט דער שווערד אין האַנט
בויען אונזער נייע וואַנט.
כינע'ס פאָלק האָט דערקענט דעם טאָג פון געפאַר.
ס'האַרץ פון מענשן פשוטע איז אָנגעפילט מיט צער.
שטייט אויף, שטייט אויף. מיט איין גייסט
גייט אַנטקעגן שונא דרייסט. — פאָראויס!
גייט אַנטקעגן שונא דרייסט. — פאָראויס!

אינטערנאַציאָנאַל

שטייט אויף, איר קנעכט פון אַלע לענדער,
פון קלעם, פון הונגער און פון נויט;
רוימט אָפּ דעם שינדער און דעם שענדער,
צום קאַמף אויף לעבן און אויף טויט.
די אַלטע וועלט פון גוואַלד אוןליידן
צעשטערן וועלן מיר ביז גרונט,
און פריי, און גלייך אין גליק און פריידן
פאַרשניידן וועלן מיר אַ בונד.
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנשיידנדער קריג,
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
וועלן מיר גיין און קומען צום זיג.

מיר אַלע, אַרבעטער אַרמייען,
מיר קומען אָן מיט גבורה טריט;
דער רייכער שניידט וואָס מיר פאַרזייען,
איצט מאָנען מיר אויך אונזער שניט.
דער רוף פון קאַמף גיט מוט דעם מידן,
און מאַכט אים שטאַרק צום אַלעם גרייט;

צעבלאָזט דעם פלאַם און לאָמיר שמידן,
כל־זמן דאָס אייזן פלאַקערט רויט.
דאָס וועט זיין א. אז. וו.

איידשען פאטיע

לאַנד פון רום און האָפנונג (ענגלישער הימן)

לאַנד פון רום און האָפנונג,
פרייהייט׳ס מוטער־ערד,
וואו נעמט מען די שבחים
פאַר דער, וואָס אונז געבערט?
שפרייטסט זיך ברייט און ברייטער
אין אַלע עקן פיר.
גאָט, וואָס גיט דיר גבורה,
זאָל וואַכן איבער דיר.

אַרטור קריסטאָפער בענסאָן

פוילישער נאַציאָנאַלער הימן

נאָך איז פוילן ניט פאַרפאַלן,
פויליש בלוט וועט סטאַיען.
וואָס עס האָט פאַרכאַפּט דער תליון,
וועט דאָס שווערד באַפרייען.
מאַרש, מאַרש, דאָמבראָווסקי,
ביז פוילן אַזש פון וולאסקע.
אונטער דיין באַפעלן
אויפלעבן וועט פוילן.

שוין דעם בונט, וואָס שרעקט דעם קיסר,
מיר מיט בלוט באַפאַרבן.

זאָל דאָס פאָלק אין שלאַכט אין הייסער
זיגן אָדער שטאַרבן.
מאַרש, מאַרש . . . א. אז. וו.
פריי זאָל אין די הויכן פליען
אונזער אָדלער ווייסער,
און אין גליק און פרייהייט בליען
אונזער פאָלק דאָס דרייסטע.
מאַרש, מאַרש . . . א. אז. וו.

התקוה

כל זמן הערצער זיך נאָך רעגן,
הערצער אידישע נאָך גליען,
און צו ציונ׳ס מזרח־ברעגן
אויגן בענקענדיק זיך ציען,
איז די האָפענונג און שטרעבן
פון אַמאָל נאָך ניט פאַרגעסן
ס׳לאַנד פון אבות צו באַלעבן
וואו ס׳איז דוד׳ס הויז געוועזן.

כל זמן שטאָלצע ירדנ׳ס אינדן
אין די ברעגן זיינע שטראָמען
און זיי זינקען מיט געפילדער
אין דעם ים־כנרת תהומען,
איז די האָפענונג, א. אז. וו.

הערט, פון גלות־לענדער ברידער,
הערט די שטים פון נביא׳ס שטראָפן,
אַז בלויז מיט דעם לעצטן אידן
קומען וועט דאָס לעצטע האָפן.
איז די האָפענונג, א. אז. וו.

נפתלי הערץ אימבער

די שבועה

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט, —
צוזאַמען! צוזאַמען! די פאָן איז גרייט,
זי פלאַקערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!
צו שבועה, צו שבועה אויף לעבן און טויט!
הימל און ערד וועט אונז הערן,
עדות — די ליכטיקע שטערן,
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן.
מיר שווערן! מיר שווערן!

מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט.
מיר שווערן באַזיגן די פינצטערע מאַכט
אָדער מיט העלדנמוט פאַלן אין שלאַכט.
הימל און ערד, א. אז. וו.

מיר שווערן צו פירן דעם הייליקן שטרייט,
ביז וואַנען די וועלט וועט ניט ווערן באַנייט.
קיין קבצן, קיין נגיד, קיין האַר און קיין שקלאַף,
גלייך זאָלן ווערן ווער שטאַרק איז און שלאַף.
הימל און ערד, א. אז. וו.

ש. אנ־סקי

די שבועה

מיר הויבן די הענט קעגן מזרח און שווערן
ביי ציון, איר פאָן, ביי דער הייליקער ערד;
ביי אַלץ, וואָס מיר ליבן, וואָס הייליק מיר ערן;
ביי אונזערע העלדנס צעבראָכענעם שווערד.

ברידער און שוועסטער, געבוג שוין צו ליידן,
געבוג שוין, געבוג שוין אין גלות צו זיין!
מוטיק, מוטיק אין קאַמף פאַר פרייהייט!
מוטיק, מוטיק צום הייליקן קאַמף!

ביי אונזער געשיכטע, וואָס איז אָנגעשריבן
מיט אונזערע טרערן, מיט אונזער בלוט, —
ביי אַלעס מיר שווערן דאָס פאָלק הייס צו ליבן
און קעמפן פאַר אים מיט ענערגיע, מיט מוט.
ברידער און שוועסטער . . . א. אז. וו.

מיר שווערן צערייסן די קייטן אויף שטיקער
פון זיינע געבונדענע, וואונדיקע הענט;
אַרונטערצוואַרפן דעם יאָך פון די דריקער,
פאַרלאָזן דעם גלות, די פינצטערע ווענט.
ברידער און שוועסטער . . . א. אז. וו.

יהושע פעלאָוויץ

נעמט אָן זיך מיט מוט

נעמט אָן זיך מיט מוט! שעפּט אָן זיך מיט מוט!
אין וועלדער געדיכטע, אין פעלזיקע שפּאַלטן,
דאָרט האָט זיך דאָס הייפל מאַקאַבייער באַהאַלטן:
דאָס קלינגען פון שווערדן און תהלים־געזאַנגען
געוועקט האָבן וועלדער און פעלזן מיט קלאַנגען;
אין פינצטערע וועלדער און היילן פאַרלאָרן —
איז צייטיק די גרויסע ישועה געוואָרן!
און מיר היינט — אַ פאָלק, וואָס איז שוואַך און צעבראָכן —
קומט, שלאָגט אויף די הערצער פון אונדזערע קינדער;
און זיין זאָל גאָט'ס וואָרט אונדזער טרייסט און בטחון
און מאַכטיקער האַמער אַצינדער!
— נים גאָר אונדזער קראַפט איז געוואָרן פאַרשוואַכט —
אין גאָט אונדזער מאַכט!

חיים נחמן ביאַליק

אַ תפילה פון די פאַראייניקטע פעלקער

גאָט פון די פרייע! מיר גיבן היינט אָפּ אונזערע הערצער און לעבנס פאַר דער זאַך פון אַלע פרייע מענטשן.

באַוויליק אונז אַ נצחון איבער די טיראַנען, וואָס ווילן פאַרשקלאַפן אַלע פרייע מענטשן און לענדער. באַוויליק אונז דעם גלויבן און דאָס פאַרשטענדניש טייער צו האַלטן אַלע די, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט, ווי אונזערע אייגענע ברידער. באַוויליק אונז ברידערלעכקייט און האָפנונג און פאַרבינדונג, נישט נאָר פאַרן משך פון דער ביטערער מלחמה, נאָר אויך פאַר די קומענדיקע טעג, וואָס וועלן און מוזן פאַרבינדן אַלע באַוואוינער פון דער ערד.

אונזער ערד איז נאָר אַ קליינער שטערן אינם גרויסן אוניווערז, אָבער מיר קענען זי מאַכן, אויב מיר זאָלן נאָר וועלן, פאַר אַ פּלאַנעט, נישט געשטערט פון מלחמה, נישט צעריסן פון הונגער אָדער שרעק, נישט צעטיילט פון די אומזיניקע גרעניצן צווישן ראַסע, קאָליר אָדער גלויבן. באַוויליק אונז דעם מוט און די וויטזיכטיקייט אָנצוהייבן די דאָזיקע אַרבעט היינט, אַז אונזערע קינדער און אונזערע קינדס־קינדער זאָלן קענען טראָגן שטאָלץ דעם נאָמען מענטש.

דער גייסט פון דעם מענטשן האָט דערוואַכט און די נשמה פון דעם מענטשן האָט זיך אויפגעהויבן. באַוויליק אונז די וויזיע און די חכמה צו באַגרייפן די גרויסקייט פון דעם מענטשנס גייסט, דעם מענטשן, וואָס ליידט און טראָגט איבער אַזוי פיל צו דערגרייכן אַ ציל, וואָס איז וייטער פון זיין אייגענעם קורצן לעבנס־דויער. באַוויליק אונז צו ערן אונזערע געפאַלענע, וואָס זיינען געשטאָרבן מיט גלויבן, און אונזערע לעבעדיקע, וואָס מיען זיך פאַרן דאָזיקן גלויבן, אַז אַלע אונטערדריקטע לענדער און פעלקער וועלן צוריקגעשטעלט ווערן אין זיכערקייט. באַוויליק אונז געדולד צו די פאַרפירטע און רחמנות צו די פאַרראַטענע. באַוויליק אונז די גענייטקייט און די העלדישקייט, וואָס זאָל אויסלייטערן די וועלט פון אונטערדריקונג און פון דער לערע, אַז די שטאַרקע מוזן אויפעסן די שוואַכע, דערפאַר וואָס זיי זיינען שטאַרק.

און מער פון אַלץ, באַוויליק אונז ברידערלעכקייט, נישט נאָר פאַר היינט, נאָר פאַר אַלע יאָרן, אַ ברידערלעכקייט נישט פון ווערטער, נאָר פון מעשים. מיר אַלע זיינען קינדער פון דער ערד — באַוויליק אונז אָט דאָס איינפאַכע וויסן. אויב אונזערע ברידער זיינען אונטער־דריקט, זיינען מיר אויך אונטערדריקט. אויב זיי הונגערן, הונגערן מיר אויך. אויב זייער פרייהייט איז צוגערויבט, איז אונזער פרייהייט אומזיכער. באַוויליק אונז דעם געמיינשאַפטלעכן גלויבן, אַז דער מענטש דאַרף האָבן ברויט און פרידן, — אַז דער מענטש זאָל לעבן אין יושר און גערעכטיגקייט, פרייהייט און זיכערקייט, אַז דער מענטש זאָל האָבן אַ גלייכע מעגלעכקייט אויסצולעבן דאָס בעסטע אין זיך, נישט נאָר אין אונזערע לענדער, נאָר איבער גאָר דער וועלט. און אינם דאָזיקן גלויבן וועלן מיר גיין צו אַ ריינער וועלט, וואָס מיר אַליין קענען שאַפן. אמן.

סטיוון ווינסענט בענעי

נאָרוועגיש פרייהייט-ליד

זין פון נאָרוועגיע, לאַנד גרוי מיט געשיכטעס,
זינגט ביי די האַרפן מיט פריידיק געמיט.
ס׳ליד הויבט וואָס העכער, צום הימל־רוים ריכט עס —
פאָטערלאַנד, ס׳איז דאָך פאַר דיר אָט דאָס ליד.
זיסע זכרונות, אַלץ וואָס נאָר שיין איז,
וואַכט אין אונז אויף, ווען מיר אָנען דיין רום,
ס׳האַרץ קלאַפּט מיט ציטער, ס׳אויג ווערט צעגליטער,
דיין הייליק נאָמען דערמאָנענדיק פרום.

אין די דמיונות טויכט אויף אונזער עבר,
אונזערע אורפאָטערס שטאָם פול מיט גלאַנץ,
ריזן, וואָס זיינען אין פעלדער פון דאָווער
מוטיק געגאַנגען צום קאַמף ווי צום טאַנץ.

ווייט האָבן שיפער דורך ים'ען טיפע
מוטיק צעטראָגן נאָרוועגיעס שם.
יעדער זיין לעבן וואָלט גערן געגעבן
זי צו באַפרייען פון פיינטלעכן קלעם.

ביערנסטיע־נע ביערנסאָן

טשעכישער נאַציאָנאַלער הימן

וואו איז מיין היים? וואו איז מיין היים?
טייכן איבער לאָנקעס ברומען,
וועלדער אויף די פעלזן זשומען,
סעדער ווי אין פרילינג־בלום —
אַ גן־עדן אומעטום.
און דאָס אַלץ איז מיין שיין לאַנד,
טשעכיש לאַנד מיינס, ליבע היים,
טשעכיש לאַנד מיינס, ליבע היים.

יאָזעף קאַיעטאַן טיל

סערבישער נאַציאָנאַלער הימן

הויב זיך אויף צום קאַמף, דו סערב,
פרייהייט מיטן שווערד דערוואַרב.
ס'פאָדערט דיך דאָס פאָטערלאַנד,
נעם דיין ביקס אין האַנט.
שטייט אויף, סערבן, קעגן שונא,
פרייהייט פאָדערט איך ביז אײנעם.
פריי מאַכט סאווע און דונאַי,
לאָמיר גיין אָן קייטן, פריי
איבער ווילדע בערג מאַראַווער.
זאָל דאָס סערבן־פאָלק דאָס בראַווע
אויפלעבן אויפסניי.
שטייט אויף, סערבן, א. אז. וו.

סערביע

פאָלקס-ליד

האָב רחמנות, גאָט, אויף אונזער סערביע!
אונז פאַרפרעסן וועלף און חיות רעות,
אָהן חטאים שניידט מען אונז די העלזער,
און די ווייבער יאָמערן פון בושה . . .
און די זין פאַרנעמען זיי אין קנעכטשאַפט,
און די טעכטער אונזערע, די מיידלעך,
טרייבן זיי מיט גוואַלד אויף לייטס-געלעכטער,
טאַנצן טענץ פון ווילדע בוסורמאַנער,
זינגען פריילעכע און ניט קיין שיינע לידער.
און די זקנים זיינען שטום געוואָרן, —
ניט זיי קומען אונז אין אומגליק טרייסטן, —
אַז אַפּנים זיי איז אויך ניט פריילעך . . .
און די הוסלי-שפּילער שטעכן אונז די אויגן:
— לאַנג, נאָך לאַנג וועט איר די שאַנד פאַרטראָגן? —
און אין דעם פנים לאָזן זיך פון שונא שפּייען?
זייט איר ניט קיין סערבן — נאָר ציגיינער?
זייט איר ניט קיין מענער — נאָר זקנות?
— העי, פאַרלאָזט די קליינע ווייסע הייזער!
קלייבט זיך אויף צוזאַמען אין די היילן,
דאָרטן וואַקסט די שנאה פאַר די שונאים,
דאָרטן זאַמלט אונזער פירער מילאָש
זיינע יונגע העלדישע חיילות
אונזער סערביע פון דעם יאָך באַפרייען.

פאַראייניקטע פעלקער

די זון און די שטערן — זיי זינגען
אַ ליד וואָס שלאָגט שטאַרק פון דער ערד,
דאָרט מענטשלעכע האָפנונגען קלינגען,
אַ הימן צו דער פרייהייט זיך הערט.

פאַרייניקט, פעלקער, שפאַנט, די פאָנען נעמט,
אין לעצטן שטרייט צוזאַמען קעמפט, פאַר פרייהייט קעמפט.

געוואָגט זייט, איר פעלקער פאַרקנעכטע
אין יאָך פון אַ פינצטערן שטאַם,

זאָל קוואַלן דער צאָרן גערעכטער,
ווי צייט, ווי דער צופלוס פון ים.

ווי זיכער די זון גריסט דעם מאָרגן,
דער טייך אין דעם ים פאַלט אַריין,
אַזוי וועט דער דור וואָס וועט קומען
אַ פרייער און גליקלעכער זיין.

דזש. ראָום

אָז ישיר

א דעמאָלט האָט געזונגען משה און די בני־ישראל דאָס דאָזיקע געזאַנג
צו גאָט, און זיי האָבן געזאָגט אַזוי צו זאָגן:
איך וויל זינגען צו גאָט, וואָרן הויך איז ער דערהייכט.
פערד און זיין רייטער האָט ער געשליידערט אין ים.
ב מיין מאַכט און אויפשפיל איז גאָט,
און ער איז געוואָרן פאַר מיר אַ ישועה.
דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען,
דער גאָט פון מיין פאָטער, און איך וועל אים דערהייבן.
ג גאָט איז אַן איש־מלחמה,
גאָט איז זיין נאָמען.

ד פרעה׳ס רייטוועגן און זיין חייל האָט ער געשליידערט אין ים,
און די אויסדערוויילטקייט פון זיינע באַוואָפנטע
זיינען געוואָרן דערטרונקען אין ים־סוף.
ה תהומות באַדעקן זיי,
זיי האָבן אַראָפּגענידערט אין דיווירבלען אַזוי ווי אַ שטיין.
ו דיין רעכטע האַנט, ג א ט , מעכטיקער אין כוח,
דיין רעכטע האַנט, ג אָ ט , צעשמעטערט דעם פיינט.
ז און אין דער גרויס פון דיין דערהייכונג
צעפירסטו דיינע אויפשטענדיקע;
דו שיקסט אַרויס דיין גרימצאָרן — פאַרצערט ער זיי ווי שטרוי.
ח און מיט דעם ווינט פון דיינע נאָזפליגל זענען געוואָרן אויפגעהויפט
די וואַסערן,
פלוטן זיינען געבליבן שטיין ווי אַ שטויס,
תהומות האָבן געגליווערט אין דעם האַרץ פון ים.
ט דער פיינט האָט געזאָגט: איך וועל נאָכיאָגן, איך וועל דערגרייכן,
איך וועל צעטיילן זאַקרויב,
מיין נפש וועט זיך אָנפילן מיט זיי!
איך וועל אַרויסציען מיין שווערד — וועט זיי אומברענגען מיין האַנט!
י דו האָסט געבלאָזן מיט דיין ווינט — האָט דער ים זיי באַדעקט,
זיי זענען געזונקען ווי בליי אין די מעכטיקע וואַסערן.
יא ווער איז אַזוי ווי דו, ג אָ ט , צווישן די געוואַלטיקע?
ווער איז אַזוי ווי דו, מעכטיק אין דער הייליקייט,
פאָרכטיק אין לויבנגעזאַנגען, טוער פון וואונדער?
יב דו האָסט גענייגט דיין רעכטע האַנט —
האָט זיי איינגעשלונגען די ערד.
יג דו האָסט געטאָן לייטן מיט דיין חסד דאָס פאָלק, וואָס דו האָסט
אויסגעלייזט,
דו האָסט געפירט מיט דיין מאַכט צו דיין הייליקער וואוינונג.
יד געהערט האָבן פעלקער — זענען זיי געוואָרן צעטרייסלט,
אַ קרייסן האָט אָנגעכאַפּט די באַזיצערס פון פלשת.
טו דעמאָלט זענען געוואָרן געפלעפּט די פירשטן פון אדום,
די געוואַלטיקע פון מואב האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש;
עס זענען געוואָרן צעגאַנגען די באַזיצערס פון כנען.

טז געפאַלן אויף זיי איז אַן אימה און אַ פחד;
דורך דער גרויסקייט פון דיין אָרעם זענען זיי געבליבן שטום ווי
אַ שטיין,
ביז סע טוט איבערפאָרן דיין פאָלק, גאָט,
ביז סע טוט איבערפאָרן דאָס פאָלק, וואָס דו האָסט אויסגעקניפּט.
יז דו וועסט זיי ברענגען און וועסט זיי איינפלאַנצן אין דעם באַרג
פון דיין אַרבטייל,
דאָס וואוינאָרט, וואָס דו האָסט געמאַכט פאַר דיין זיצונג, גאָט,
דאָס מקדש, גאָט, וואָס דיינע הענט האָבן אָנגעברייט.
יח גאָט וועט קיניגן אויף אייביק און אייביק.

שירת דבורה

(דאָס געזאַנג פון דבורהן)

א און געזונגען האָט דבורה און ברק, דער זון פון אבינועם, אין יענעם
טאָג, אַזוי צו זאָגן:
ב ווען קריג־לאָקן האָבן זיך געלאָקט אין ישראל,
ווען דאָס פאָלק האָט זיך געוויליקט,
בענטשט גאָט!
ג הערט אויס, איר מלכים, פאַרנעמט, איר ראָטהאַרן,
איך, צו גאָט וויל איך זינגען,
איך וויל אופשפּילן צו גאָט, דעם גאָט פון ישראל.
ד גאָט, ווען דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פון שעיר,
ווען דו ביסט אַרויסגעטרעטן פון דעם פעלד פון אדום,
האָט געציטערט די ערד, אויך געטריפט האָבן די הימלען,
יאָ, דיקע וואָלקנס האָבן געטריפט וואַסערן.
ה בערג זענען געוואָרן צעפלאָסן פאַר גאָט,
דאָס איז דער סיני פאַר גאָט, דעם גאָט פון ישראל.
ו אין די טעג פון שמגר, דעם זון פון ענת,
אין די טעג פון יעל, זענען געוואָרן פאַרמיטן די וואַנדער־צוגן,
און די גייערס פון די פוסשטעגן גייען אָפּ אויף קרומע שטעגן.
ז פאַרמיטן זענען אָפענע פלעצער אין ישראל, זיי זענען פאַרמיטן,
ביז איך, דבורה, בין אופגעשטאַנען,
ביז אופגעשטאַנען — אַ מוטער אין ישראל.

ח מ'האָט זיך אויסדערוויילט נייע געטער —
דעמאָלט האָבן טויערן מלחמה געהאַלטן.
צי איז אַ שילד געווען צו זען און אַ שפּיז
צווישן פערציק טויזנט אין ישראל?
ט מיין האַרץ איז צו די געזעצגעבער פון ישראל,
די, וואָס ווילִיקן זיך צווישן דעם פאָלק.
בענשט ג אָ ט!
י איר רייטער אויף ווייס־געפלעקטע אייזלען,
איר זיצערס אויף טעפּעכער,
און איר גייערס אויפן וועג, שמועסט פון דעם!
יא מער ווי ס'קול פון די פיילנשיסערס צווישן די שעפּרינעס —
גיבן זיי אַרויס דאָרטן גערעכטיקייטן פון ג אָ ט,
גערעכטיקייטן פון זיינע אָפענע פלעצער אין ישראל.
דעמאָלט האָט געניִדערט צו די טויערן דאָס פאָלק פון ג אָ ט.
יב וואַך אויף, וואַך אויף, דבורה,
וואַך אויף, וואַך אויף, רעד געזאַנג!
שטיי אויף, ברק, פאַנג דיין געפאַנג, זון פון אבינועם!
יג דעמאָלט האָט אַראָפּגעניִדערט אַן איבערבלייב מיט די מעכטיקע פון
פאָלק.
ג אָ ט, ניִדער מיר אַראָפּ צווישן די גיבורים.
יד פון אפרים זענען די, וואָס וואָרצלען קעגן עמלק,
נאָך דיר — בנימין מיט דיינע פעלקער,
פון מכיר האָבן אַראָפּגעניִדערט די געזעצגעבער,
און פון זבולון די, וואָס פירן מיט דער רוט פון אַ שרייבער.
טו און מיינע האַרן פון יששכר זענען מיט דבורהן,
יאָ, יששכר ווי ברק,
ער האָט זיך געלאָזט אין טאָל אַראָפּ נאָך זיינע פיס.
ביי די בעכן פון ראובן זענען געווען גרויס די איבערלייגונגען פון
האַרץ.
טז וואָס ביסטו געזעסן צווישן די שאָף־געהעפטן,
צו הערן דאָס מעקען פון הערטן?
ביי די בעכן פון ראובן זענען געווען גרויס די אויספאָרשונגען פון
האַרץ.

יז גלעד האָט געררוט אין עבר־הירדן,
און דן, פאַרוואָס ווילט ער ביי די שיפן?
אשר איז געזעסן ביי דעם באָרטן פון ימים,
און ביי די אויסגוסן רוט ער.
יח זבולון איז אַ פאָלק, וואָס שטעלט איין זיין נפש דעם טויט,
און נפתלי — אַף די הויכן פון דעם פעלד.
יט מלכים זענען געקומען, האָבן מלחמה געהאַלטן,
דעמאָלט האָבן מלחמה געהאַלטן די מלכים פון כנען,
אין תענך, ביי די וואַסערן פון מגידו,
קיין געווינס פון זילבער האָבן זיי נישט גענומען.
כ פון הימל האָט מען מלחמה געהאַלטן,
די שטערן פון זייערע לויפשטעגן האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סיסראן.
כא דער באַך קישון האָט זיי אַוועקגעפלייצט,
דער פאַרצייטיקער באַך, באַך קישון. —
טרעט מעכטיק, מיין נפש!
כב דעמאָלט האָבן געשטאַמפּט די טריט פון פערד
פון די האָפן, די האָפן פון זיינע אַגערס.
כג פלוכט, מרוז, האָט געזאָגט דער מלאך פון ג א ט,
פלוכן פלוכט אירע באַזיצערס,
„ווען קריג־לאָקן האָבן זיך געלאָקט אין ישראל,"
וואָרן זיי זענען נישט געקומען צו הילף ג א ט,
צו הילף ג א ט די גיבורים.
כד געבענטשטער פון ווייבער זאָל זיין יעל,
דאָס ווייב פון חבר דעם קני,
פון ווייבער אין געצעלט זאָל זי זיין געבענטשטער!
כה וואַסער האָט ער פאַרלאַנגט, מילך האָט זי אים געגעבן,
אין אַ שאָל פון די מעכטיקע האָט זי געגעבן פוטערמילך.
כו איר האַנט האָט זי אויסגעשטרעקט צום פלאָקן,
און איר רעכטע האַנט — צום אַרבעטער־שטאַמפּ,
און זי האָט געשטאַמפּט סיסראן, האָט געפּלעט זיין קאָפּ,
און זי האָט געשפּאָלטן און צעהאַקט זיין שלייף.
כז צו אירע פיס האָט ער אַ קני געטאָן, ער איז געפאַלן, איז געבליבן ליגן,
צו אירע פיס האָט ער אַ קני געטאָן, איז געפאַלן,

אוּן וואו ער האָט אַ קני געטאָן, דאָרט איז ער געפאַלן
אָן איבערגעוואַלטיקטער.
כח דורכן פענצטער האָט געקוקט און געיאָמערט
די מוטער פון סיסראָן, דורכן גיטער:
פאַרוואָס זאַמט זיך זיין רייטוואָגן צו קומען?
פאַרוואָס פאַרשפעטיקן די טריט פון זיינע רייטוועגן?
כט די קליגסטע פון אירע האַרנטעס ענטפערן איר,
יאָ, זי, זי חזרט איבער אירע זאָגן זיך אַליין:
ל צי געפינען זיי נישט, צעטיילן זיי דאָס זאַקרויב?
אַ טראַכט, צוויי טראַכטן פאַר אַ קאָפּ פון אַ מאַנספאַרשוין,
זאַקרויב פון בונטע טיכער פאַר סיסראָן,
זאַקרויב פון בונט־געשטריקטע טיכער,
אַ טאָפּלט־שטריקעריי, אַ בונטס, פאַר אַ זאַקרויבערס האַלז?
לא אַזוי זאָלן ווערן פאַרלוירן אַלע דיינע פיינט, ג א ט!
דאָך די, וואָס האָבן אים ליב, זאָלן זיין ווי דער אופגאַנג פון דער זון
אין איר שטאַרקייט.

נפתלי גראָס

דער קריגער

ניט קרעכצנדיק, די ברעם אַראָפּגעצויגן,
האָט ער געטרונקען דאָרשטיק. מידע אויגן
דאָס וואַסער האָט געוויזן ווי אַ שפּיגל
און בלוט פון באָרד געטריפט האָט אינם קריגל.

ניט פון׳ם טויט און שונא זיך באַהאַלטן
איז ער געגאַנגען דורכן ווילד־וואַלד אַלטן.
אַזוינע גייען שטיל אין פלאַם פון שטרייטן
און טוען וואונדער אויף דורך אַלע צייטן.

א. סורקאָוו

דייטשלאַנד זינגט

שלאָגט אין די פּויקן
פון מענטשישער הויט!
דער הימל איז רויט.
גרייט אָן וואָס מער
געלערנטע קעפּ, —
צו שפּאַלטן ווי קירבעס,
צו ברעכן ווי טעפּ.
און אַרבעטער־פינגער
פון דאַנציג ביז ברענער, —
צו שניידן ווי קראַפּיווע,
צו האַקן ווי שפּענער.
די מלחמה גייט,
דער הימל איז רויט.

קלינגט אין די גלאָקן,
וואָס שטומען שוין לאַנג
וואָס שטומען שוין לאַנג
איבער קלויסטערס אָן גאָט,
איבער זייגערס אָן גאַנג!
און זאָגט אָן דער וועלט
מיט קופּערנעם ברום:
וואָס פול וועט זיין פּוסט;
וואָס גלייך — וועט זיין קרום!
צעטראָטענע מוטערס,

פאַרהונגערטע קינדער,
געפאַלענע פערד
און משוגע'נע שינדער . . .
די מלחמה גייט!
דער הימל איז רויט.

פאַראויס אַלע שטאַמען,
מיט קרוין און רוט, —
רייט אויף אַ חזיר,
די פאַלעס אין בלוט, —
דער פאַטערלאַנד־אָפּגאָט,
דער העלד פון טאָג;
אַ הוראַ באַגלייט אים,
אַ כריוקען, אַ קלאָג.
טאָ מאַכט אים אַ ווארע
מיט קנעכטישן רוקן;
מיט הינטישע ווײדלען,
מיט חיה'שע שנוקן.
די מלחמה גייט!
דער הימל איז רויט.

לעבן קלויסטער

לעבן קלויסטער שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן;
היינגט אויף אים דער רב פון שטעטל
מיט אויסגעפיקטע אויגן.

אָ, גאָט, גאָט, דו גוי'אישער גאָט,
צי שלאָפסטו אין די הימלען?
דיין זון איז טויט, זיין צלם פוילט,
און דיינע קלויסטערס שימלען.

קום, נעם דעם איד אַראָפּ פון בוים
און קרוין אים פּאַר אַ פּירעך!
און זאָל די ניי־געטויפטע וועלט
זיך בוקן צום מאַרטירער.

ז. שניאור

ער

— איז'ם פֿאָלק איז נאָך אַליי אַזוי רואיק?
— ניין, דער קעניג איז טויט פון אַ קויל . . .
און אַ מורמלען פון פריקהייט אַ נייער
אין דער שטאָט גייט פון מויל אום צו מויל.

— זייגען אַלע דען גרייט פאַר אַן אויפשטאַנד?
— ניין, זיי וואַרטן געדולדיק און שטום;
אימיץ האָט זיי געהייסן צו וואַרטן:
גייט מען אום און מען זינגט אומעטום.

— און ווער שטייט עס דערוויילּ ביי דער הערשאַפט?
— ניין, דאָס פאָלק וויל קיין הערשאַפט שוין ניט.
שלאָפט דערווייל נאָך אין בירגער דער צאָרן.
שאַ . . . דאָרט גייט אימיץ . . . הער זיינע טריט . . .

— ער . . . ווער איז ער פון פאָלק דער באַצווינגער?
— ער איז בייז, ער איז שוואַרץ ווי די זינד:
איינער האָט אים דערזען ביי זיין קומען,
איז ער תיכף געוואָרן שטאָק־בלינד . . .

צו די תהום'ען, צו אָפּגרונטן שוואַרצע
טרייבט ער מענטשן אַזוי ווי די שאָף,
טרייבט זיי בייז מיט אַן אייזערנעם שטעקן . . .
— אוי, קום לויפן, פאַרמיידן גאָט'ס שטראָף!

אַלעקסאַנדער בלאָק

ניטאָ קיין אינזלען שוין ניט מער

מיין ליבער איזאָלאַציאָניסט,
ווי שרעקלעך אינזלדיק דו ביזט!
האָב קיין פאַריבל ניט — דעם מיין
פון וואָרט פאַרשטייסטו דאָך אַליין.
דו זאָגסט, דאָס ביזטו — און ניט איך
לייג אויף דעם וואָרט אַזאַ געוויכט.

זיין אויף אַן אינזל, ניט אין ים,
איז גוט און זיכער און געראַם.
(כאָטש דאָ ניט לאַנג צוריק נאָך בייז
געזאָגט האָט עמיצער, וואָס ווייסט, —
דער דייטשער רייכסקאַנצלער, צי ווער, —
„ניטאָ קיין אינזלען שוין ניט מער".)

כ'בין דיר מקנא, אינזלמאַן:
פון יעדער פרייד, וואָס איז פאַראַן,
אויך מיר איז ליבער זיין אַליין.
אינזל — ווי רואיק און ווי שיין.
נאָר זאַכן פרעמדע און פון ווייט
צערייסן מיר מיין איינזאַמקייט:
אַ וואַלד, וואָס ברענט, אַ משוגענער הונט,
אַ מענטש, באַשווינדלט ביזן גרונט,
אַ רוף נאָך הילף, נאָר מער געוועער,
פון פאָלקס־הערשאַפט געמאָרדעטער.
איך לויף אַרויס און בין מיט זיי,
מיט בעזים, לאָפּעטע אין ריי;
כאַפּן די חיה ביי אַ טויער;
הערן דעם אומגליקלעכן פויער;
טרייסטן און כח זיי צו געבן
אויף ווייטער האָפן, ווייטער לעבן;
און וואו פאָלקס־הערשאַפט שטייט אין קאַן,

צו געבן מערער ווי איך קאָן;
און מיט באַדויער־שמייכל זען —
ס'איז אייגן וואָס איז פרעמד געווען.

(צעברויזטער ים דעם ברעג פאַרצערט:
ניטאָ קיין אינזלען שוין ניט מער.)

מיט אַטעם־שלוכץ, מיט וואונדיקע הענט,
צוזאַמען לעשן וואַלד, וואָס ברענט;
פאַררעטעריש־שוואַרצע שורות יאָגן,
מיט בעזים, סאָסנע־צווייג זיי שלאָגן;
פון ווינט זיך אָן אַ זייט פאַרנעמען,
מיט פנים שוואַרץ, צעברענטע ברעמען;
מיט שוויס אויף ברוסט אין טונקעלן שטראָם
זען, ווי דער ווינט לויפט מיטן פלאַם
אויף באַרג, ווי מיט אַ פאָן אַ ברייטער,
און קאָן ניט מער . . . און מוז נאָך ווייטער.
ניי לעבן! — הערן איבער'ן פעלד
שטימען פון שכנים האַלב־פאַרשטעלט
פון רויך — באַלד הויך: „האַלט אָן! מיר קומען!
אַט האָבן מיר עס איינגענומען!"

(צעברויזטער ים דעם ברעג פאַרצערט:
ניטאָ קיין אינזלען שוין ניט מער.)

ווי ענג ס'איז אונזער לעבן דאָ.
ווער האָט דען היינט אַ זיכערע שעה?
דיין רו, מיין אינזלדיקער פריינט,
שיצט מער שוין ניט דיין פעלז דיר היינט.
ווען כוואַליעס, קיינמאָל ניט געזען,
שטורמען דעם זאַמד פון וואָס־געווען,
און פון דיין העכסטן בוים, דיר שיינט,
קומט אָן אַלץ נאָענטער וואָס־וועט־זיין.

(צעברויזטער ים דעם ברעג פֿאַרצערט:
ניטאָ קיין אינזלען שוין ניט מער.)

ווי שיין צו זען צעברויזטן ים
און וויסן, אַז ער האָט אַ צאַם;
אַז ברעג־געוויקס, כאָטש אָפּט באַשפּריצט,
בלייבט גלייך, און פֿעסט אין באָדן זיצט.
די לבֿנה האָט געזאָגט דיר אָפּט:
„שלאָף, כוואַליעס שטערן ניט דיין שלאָף.
זיי טרעטן אָפּ אויף מיין באַפֿעל.
שלאָף, מידער זין; טרוים, וואונש פֿון זעל.”
דאָך האָט געמיינט אַ דענער קעניג,
זיין וואָרט מאַכט אַלצדינג אונטערטעניג.
האָט ער דעם ים באַפֿוילן: „שטיין!”
ים פֿאָלגט ניט — קאָן ער ניט פֿאַרשטיין.
קיין מענטש, קיין פֿאָלק ווערט פֿריי ניט מער,
ווען ס'רופֿט נאָר אויס אַזאַ באַגער.
דער לץ וויל זיין אַליין אין שטאָט
און ווערט געשטופּט ביי יעדן טראָט.
ווילסט אָדער ניט — ס'איז אונז באַשערט,
ס'איז אונזער היים אַן ענגע ערד.
נאָר מוט און העלדישער געהירן
קאָן אויך צוריק אַהיים אונז פֿירן.

(ניטאָ קיין אינזלען שוין ניט מער.
אויף שלומער־ברעג דער ים פֿאַלט שווער.
ניט ים, ס'איז מענטשן־ים, — צו ענג
פֿאַר כוואַליעס אין אַזאַ געדרענג.)

זאָל פֿלייצן הילף, ווי לאַנג ס'איז צייט,
צו שטרייטער אויך פֿון אונזער שטרייט;
צו די פֿאַרשמירטע הענט, וואָס וועלן
— זיי זיכער — קיינמאָל ניט פֿאַרפֿעלן

דעם ציל, עס זאָל נאָר זיין געלאָדן
די ביקס (פאַרדרוסן, שטאָלץ און שאָדן,
חובות צעריסענע פאַרשייט
לאָמיר פאַרגעסן — ביז אַ צייט,
ווען רעכנונג וועט מען קאָנען געבן
פאַר זאַכן קלענערע פון לעבן.
זאָל דעמאָלט שמאַרצן, אויב עס מוז,
דער איצט פאַרגעסענער פאַרדרוס;
זאָל דעמאָלט גרילצן פון דאָס ניי
די אַלטע פוסטע קריגעריי).
אויף ענגלאַנד'ס ערד, אויף פראַנקרייך'ס ערד
פאָלקס־הערשאַפט הויבט אויף פיינד דאָס שווערד,
אויף פיינד, וואָס וועט פאַרטיליקן נאָר, —
ניט שוינען איצט, דען אַלץ איז קלאָר.
ניט וועגן לאַנד דער שטרייט גייט אָן,
עס שטייט אַ וויכטיקערער קאַן —
לעבן פון פרייע מענטשן אַלע:
ווערט פרייהייט לעבן? וועט זי פאַלן?

(דערווייל דער ים דעם ברעג פאַרצערט:
ניטאָ קיין אינזלען אויף דער ערד.)

איז לאָמיר בויען, זאַמלען, געבן,
פאַר זייער און פאַר אונזערט וועגן,
נאָך ביז היינט נאַכט, ביז ס'איז נאָך צייט,
צו די, וואָס פעכטן אונזער שטרייט.
פינגער פאַרצווייפלט זוכן וואָפן:
מיר דערבאַטירן — לאָמיר שאַפן!
אַלץ, וואָס מיר קאָנען, מער, און באַלד!
גאָט, וועט די שטראַליקע געשטאַלט
פון פרייהייט אומקומען אין שמוץ?
וואו איז דען אונזער מאַרך און גוטס,

בלוט, שאַפונגס־גייסט, וואָס אָפּט באַזונגען
מיר האָבן און אַזוי צעקלונגען?
וואו זיינען זיי אין שעה פון נויט,
אין שטרייט פאַר פרייהייט, קעגן טויט?

אַן שלאָף און אַן געוועהר געשטריטן
האָבן פאַר אונז פראַנצויזן, בריטן.
זיי וועלן אַן אונז אונטערגיין
און לאָזן אונז אין שטרייט אַליין.

עדנא סט. ווינסענט מילעי

אַ נבואה

אַ טאָג וועט קומען, רוסלאַנדס טאָג פון טרערן,
ווען פון די צאַרן פאַלן וועט די קרוין;
צו זיי די ליבשאַפט וועט פאַרגעסן דער המון;
ווען טויט און בלוט וועט דאָרט ניט איינעם נערן;
ווען קליינע קינדער און די שוואַכע ווייבער
וועט דאָס געזעץ שוין ניט באַשיצן מער;
און ווען די פּלאָג פון טויט־צעפוילטע לייבער
וועט דורך די וויסטע דערפער שפּאַנען שווער,
צו רופן מיט אַ טיכל פון די שוועלן;
ווען הונגער וועט זיך שפּרייטן דורכן לאַנד;
ווען שריפות וועלן מיט דעם רויטן בראַנד
באַפאַרבן טייכן אין דעם שטראָם פון וועלן: —
אין יענעם טאָג אַ שטאַרקער מענטש וועט קומען,
און דו וועסט אים דערקענען — און פאַרשטיין,
פאַרוואָס אַ מעסער האָט זיין האַנט גענומען, —
און וויי צו דיר! — דיין קרעכץ און דיין געוויין
וועט נאָר אין אים געלעכטער קאַלטן וועקן;

און ווי זיין בייזער, פינצטערער פּאַרנעם,
און ווי זיין פלאַשטש און ווי זיין הויכע ברעם,
וועט אַלץ אין אים מיט חושך בייזן שרעקן.

מ. י. לערמאָנטאָוו

1935

אַ גאַנצע נאַכט מאַרשירט האָבן די זעלנער שווער און האַרט.
הויל־ביינערדיקע הענט אָבער די ביקסן קרעמפּן־איין,
און אויגן־לעכער האָבן אַזוי פּוסט און שוואַרץ געשטאַרט
אין דער לבנה׳ס שיין.

אויף פלאַכער ברוסט די גאַז־מאַסקע געהאַנגען איז צעדרייט,
די העלמס פאַרזשאַווערטע — געלעגן אויף אַ זייט.
זיי האָבן אָבער ס׳בערגל פאַר מאַשין־ביקס צוגעגרייט,
ווי גאָר אין יענער צייט.

און ביקס און טאַנק האָט זיך געקייקלט, אָבער אַן גערויש;
קיין מינדסטער זיפץ פון לעבעדיקע מענשן, קיין שום קלאַנג,
וואו די סקעלעטן האָבן דראָטן אויסגעלייגט פּאַראויס . . .
אַ, כ׳קען זיי שוין פון לאַנג!

„שוין זיבעצן יאָר!” גיב איך אַן אויסגעשריי. „נישט קיין צוריק!
מיר ווייסן אייך. מיר האָבן אייער טויט שוין לאַנג באַקלאָגט.
מוזט איר מאַרשירן אַלץ פון פראַנקרייך און פון לעצטן, בלינדן קריג?”
„דו נאַר! פון קומענדיקן”, — האָבן זיי געזאָגט.

סטיווען ווינסענט בענעט

פאַר ד. ל., וואָס איז געפאַלן אין דער לעצטער מלחמה

מיר מוזן זיך איצטער שלאָגן, — ניט צו באַקרוינען זיך מיט דעם רום
פון די מענער, וועלכע מיר הרג'ענען, און ניט מיט כעס;
נאָר אין טרויער, וואָס מענטש מוז ווידער הרג'ענען און ווערן
גע'הרג'עט,
איידער די וועלט, אויף וועלכער דו האָסט געהאָפט, קען אויך ווערן
עפּעס מער ווי אַ חלום פאַר מענטשן אויסגעמאַטערטע,
עפּעס מער פאַר מענטשן ווי צייטווייליקער אָפּרו פון געפאַר, —
מוזן מיר זיך איצטער שלאָגן.

מיר מוזן זיך איצטער שלאָגן, — ניט פאַר מער מיילן שטח אויף דער
לאַנדקאַרטע אין שול־צימער —
פּונקט אַזוי ווי דו. נאָר ווען די מענער האָבן גע'יובלט,
און די שרעק פאַר דעם גורל פון זייערע זין האָט פאַרלאָזט די פרויען,
האָט אימיצער געג'גנב'עט דיינע חלומות און זיי פאַרקויפט פאַר געלט.
זיי האָבן געפונען דיינע פּלענער פאַר אַ נייער וועלט און זיי צעריסן,
און די, וואָס האָבן זיי געמאַכט, זיינען געשטאָרבן — זיי זיינען
געווען קליין אין צאָל;
און מיר מוזן זיך איצטער שלאָגן.

מיר מוזן זיך איצטער שלאָגן, און מיר מוזן אָפּהיטן אונזערע פּלענער,
ווען דער קריג וועט זיך איינשטילן,
און מיר מוזן אָפּהיטן אונזערע האָפענונגען. און מיר מוזן באַשאַפן
אַ וועלט, וואו יעדער איינציקער קען קלאָר געהערט ווערן;
וואו יעדער מענטש קען האָפן, און טראַכטן, און ריידן

פריי; וואו יעדן מענטשנס גלויבן געפינט אַן אָרט.
פאַר אָט דאָס, אַז יעדער מענטש זאָל פריי זיין אויף אייביק,
מוזן מיר זיך איצטער שלאָגן.

דזשאָן באָקסטאָן

דער שונא ביי די טויערן

די שוואַרצע מוטער־נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער שונא ביי די טויערן !

פון טיף פון האַרץ
רייסט זיך אַ ווילד געשריי:
— דער שונא ביי די טויערן!

אויף גיך צום פערד,
די האַנט שטאָל אָן,
ס'היצט דער שווערד,
די שפיז — אַ פאָן —
— דער שונא ביי די טויערן !

אשר שווארצמאן

קלאַפּט, קלאַפּט, פּויקן!

קלאַפּט, קלאַפּט, פּויקן ! שאַלט, האָרנס, שאַלט !
דורך די פענצטער, דורך טירן ברעכט אַריין
ווי אום'רחמנות'דיק מיליטער,
אין דער שול, וואו דער שילער שטודירט;
לאָזט ניט אָפּ דעם חתן, קיין גליק איצט
פאַר אים מיט זיין כלה,
לאָזט ניט אָפּ דעם פּויער, וואָס אַקערט זיין
פעלד, אָדער זאַמלט דעם שניט, —

אַזוי מורא׳דיק קלאַפּט, איר פּויקן; אַזוי שרייענדיק שאַלט,
איר האָרנס.

קלאַפּט, קלאַפּט, פּויקן! שאַלט, האָרנס, שאַלט!
איבער דעם רעש פון שטעט, איבערן גערויש פון רעדער אין גאַסן;
זיינען בעטן גרייט פאַר שלאָפער היינט באַכט אין
די היימען? ס׳טאָר קיינער אין זיי ניט שלאָפן.
קיין האַנדל פון הענדלער בייטאָג, קיין אַגענטן, ספּעקולאַנטן.
ווילן די ריידער ריידן? וויל דער זינגער אָנהויבן זינגען?
און איז אויפגעשטאַנען דער אַדוואָקאַט אין געריכט
פאָרצוברענגען זיין צד פאַרן ריכטער?
איז גיכער, שווערער קלאַפּט, פּויקן! איר, האָרנס, ווילדער שאַלט!

קלאַפּט, קלאַפּט, פּויקן! שאַלט, האָרנס, שאַלט!
קיין איבעררייד, קיין אָפּשטעל צו הערן בקשות.
אַכט ניט דעם שרעקעדיקן, אַכט ניט דעם וויינער, דעם בעטער,
אַכט ניט דעם זקן, וואָס בעט רחמים ביים יונגן,
זאָל מען ניט הערן דעם קינד׳ס קול, ניט דער מוטער׳ס געבעטן,
זאָל ציטערן אפילו די מיטה מיטן מת, וואָס וואַרט אויף דער קבורה,
אַזוי שטאַרק קלאַפּט איר, אַ שרעקלעכע פּויקן, אַזוי הויך איר,
האָרנס, שאַלט.

פּויק־סיגנאַלן

צו די פּויק־סיגנאַלן, שנעל!
די יונגעלייט שטעלן זיך אין ריי און נעמען וואָפן;
די מעכאַניקער באַוואָפענען זיך,
(דעם מויערער׳ס קעלנע, דאָס שאָב־אייזן, דעם שמיד׳ס האַמער —
אַוועקגעוואָרפן אין איילעניש);

דער אַדוואָקאַט לאָזט איבער זיין ביוראָ און נעמט זיך צו וואפן;
דער ריכטער פאַרלאָזט דאָס געריכט־הויז;
דער טרייבער לאָזט איבער זיין וואָגן אין גאַס, שפּרינגט אַרונטער,
אַראָפּוואַרפנדיק אין איילעניש די לייצעס
אויף די רוקנס פון די פערד;
דער אָנגעשטעלטער פאַרלאָזט די קראָם —
דער באַלעבאָס, דער בוכהאַלטער, דער דינער, אַלע פאַרלאָזן;
אָפּטיילונגען פאַרזאַמלען זיך אומעטום,
לויט אַלגעמיינער איינשטימיגקייט, און באַוואָפענען זיך;
די נייע רעקרוטן, אינגלעך נאָך —
די עלטערע ווייזן זיי, ווי אַזוי צו טראָגן זייער אויסשטאַטונג —
זיי פאַרשפּיליען די פּאַסעקעס פאַרזיכטיק.
אינדרויסן גייט אָן באַוואָפענונג; אין די הייזער — באַוואָפענונג;
דער בליאַסק פון די ביקסן־רערן;
די ווייסעביידלעך צעלייגט אין די לאַגערס —
די באַוואָפנטע וואַך־זעלנער אַרום זיי;
קאַנאָנען פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג;
באַוואָפנטע רעגימענטן קומען אָן יעדן טאָג, גייען דורך דער שטאָט
און פאָרן אָפּ מיט די שיפן פון די האַפנס.
(ווי גוט זיי זעען אויס, ווען זיי מאַרשירן אַרונטער צום טייך,
פאַרשוויצטע, מיט זייערע ביקסן אויף די אַקסלען!
זייערע ברוינע פּנים'ער און זייערע קליידער און זייערע ראַניצעס
באַדעקט מיט שטויב!)

דאָס שטאָטישע בלוט האָט אויפגעפלאַמט —
באַוואָפנט! באַוואָפנט זיך!
הערט זיך אַ געשריי אומעטום;
די פאָנען האָבן זיך צעפלאַטערט אויף די קירכע־טורעמס,
און אויף אַלע פאַלקס־געביידעס און קראָמען;
טרערן פון צעשיידונג —
די מוטער קושט איר זון — דער זון קושט זיין מוטער;

(זי קאָן ניט פאַרטראָגן דאָס שיידן זיך —
דאָך קיין וואָרט ניט אים צו פאַרהאַלטן).

די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַן אמת;
איצט איז דאָס נישט גלאַט קיין פּאַראַד.
קריג! אַ באַוואפנט פאָלק גייט אין אַטאַקע —
באַגעגענען די שלאַכט.
קיין צוריק!
קריג, מעג עס געדויערן וואָכן, חדשים, צי יאָרן —
אַ באַוואָפנט פאָלק גייט דעם קריג אַנטקעגן.

וואָלט וויטמאַן

באָמבאַרדירטע שטעט

אַ פלוצלימדיקער ברוך, עס בייט זיך דער הימל,
באַלד זיינען צעשטערט געוואָרן די פאָלירטע שטיינער,
וואָס זייער גלאַנץ איז דורך יאָרן אָפּגעריבן און אויסגעבויגן
זייער גרינקייט, פון לאַנגע דורות׳דיקע רעגנס.
ס׳פאַלט אַ טורעם לאַנגזאַם־איין, ווי כורעים, און איצט
בלאָזט נאָר דער שטויב אַ ביסל, אויף זיין פריערדיקן אָרט.
אָבער די קופּאָלן בלאַנקען און שיינען נאָך אין זיך,
די אור־אַלטע שאָטנס גרויען נאָך אַלץ אויף די ווענט,
אויף דורות, אין אונזער בלוט, בלייבט דאָס געדעכעניש.
שטיל שאַרט זיך אַ שאָטן־בלאַט, וואו ס׳זיינען קיין ווענט נישטאָ
און דורך אַן אויסלאַג שלאָגט אָפּ די שטאָט קעגן דער זון,
ווי שטענדיק, און נאָך דעם רעגן קלינגען קלאָרער
די גלאָקן, און מיטאַמאָל ווערט דער ברוך גאַנץ.

מאַרגאַרעט סטענלי־רענטש

פון יחזקאל

עס שלייכט צו אַ שטאָט ביינאַכט
די שווערד!
נאָר אויפן טורעם דער וועכטער וואַכט —
ער הערט!
און בלאָזט טראָמפּייט,
און שמעטערט מיט מאַכט;
עס ציטערט די נאַכט.
דאָס פאָלק דערוואַכט —
דער שונא גייט, דער שונא גייט!
און עס פלאַקערט אויף די שלאַכט.

אין הויף, אין גאַס
אויף מויער און וואַנט,
פאַר ווייב און קינד,
פאַר פאָלק און לאַנד!
פאַר רעכט און פריי גייט אַלץ אין קאַן!
ווער זיגן וועט, דאָס ווייסט איין גאָט;
דער וועכטער האָט
דאָך זיינס געטאָן!
ער האָט זיין ערע נישט באַפלעקט,
ער האָט געוועקט!
ער האָט געדינט זיין פאָלק, זיין לאַנד!

נאָר ווי דעם וועכטער, — שפּאָט און שאַנד! —
וואָס האָט ביינאַכט
אַן אויג פאַרמאַכט
און אויפגעוואַכט
ערשט אין דעם בראַנד!

י. ל. פּרץ

די לעצטע מלחמה

ווייל די וועלט פאַלט, און עס קומט ניט קיין ענטפער ;
ווייל אַ צייט אַן אָפּגעלעבטע די בלעטער באַהאַלטן גיך ;
ווייל די צייט איצט איז שוין ניט פאַר קינדערשע שפּילן,
און אויף דער בינע קומט אַ פּרעמדער אַרוף אומגעריכט ;
ווייל די וועלט איז ניט די וועלט, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט,
און דאָס לעבן איז אויס שפּיל געוואָרן,
און די מערסטע געטער אונזערע פון נעכטן האָבן פאַרלוירן זייער שיין,
ווען די מוזעס האָבן זייער נאָמען אָנגעוואָרן,
ווילן מיר געדענקען די אַלטע צייטן און זייער איינגערעדטן גלאַנץ ;
פון אַ וואונדערלעכן עבר פוסטער פוץ און שיין.
און מיר זאָגן, אַז די נייע וועלט מוז איצט געבאָרן ווערן,
און אַז די מלחמה איצט וועט די לעצטע זיין.
און מיר האָפן, אַז עפּעס וועט אַנדערש ווערן
אין גרויזאַמען לייכטזיניקן גרונט־דין פון אונזער וועלט,
און מיר מוזן אַכטונג געבן ניט צו פאַרפעלן די רגע,
ווי מיר האָבן זי שוין איינמאָל פאַרפעלט.
און מיר מוזן זען, אַז פון דער רעאַלער שחיטה
זאָלן ניט אויפגיין קיין חלומות אין נעבל,
נאָר אַ וועלט מיט שפּייז פאַר יעדערן און אומגעוואָרפענע טיראַנען,
און אַז מענטשן זאָלן וויסן דעם באַדייט פון לעבן.

דזשאַק קוירל

אַלאַרם אין וואַרשע

אַכטונג, אַכטונג — שוין פאַרביי !
איבער טרעפּ איז אַ געלויף
און אין טיר — אַ קנאַלעריי.
אַ געוויש און געפּילדער
וואַקסט, שטייגט אַ ווילדער,
קרייזט אַרום מיט טיפן קרעכץ.

דאָס געוואָי פון סירענעס איז צעפּאַלן אין אָקטאָוועס
און איבער שטאָט שטייגט אויף שוין אַ זיפץ:
איך פאַראָרדן אַן אַלאַרם פאַר וואַרשע.
און שאַ! . . .
ערגעץ פון אויבן
ברומט, רוישט, ציטערט
און פּלאַצט טיף
מיט אַ געהילך אַ טויבן
איינס, צוויי, דריי —
אַ סעריע באָמבעס אויפסניי.
עס איז ערגעץ דאָ נאָענט, גאַר דערנעבן,
אָט אָ דאָ, ביי דער זייט.
אַ געשריי, ווי אַ בלוטיק שטיק פלייש.
און ווידער שטילקייט, שטילקייט, וואָס שטייגט.
אַכטונג, אַכטונג!
איך רוף אָפּ דעם אַלאַרם פאַר וואַרשע.

ניין. דעם אַלאַרם וועט שוין קיינער ניט צוריקרופן מער.
דער אַלאַרם דויערט אָן אויפהער.
ברומט סירענעס.
דונערט פויקן, קירכן־גלאָקן קלאָגט.
די מאַרשן פון אונטער וואַגראם
און יענאַ
זאָל שפּילן אָרקעסטער אין צוג.
כאַפּט אונטער דעם קרעכץ, רעגימענטן,
באַטאַליאָנען האַרמאַטן און טאַנקען
און זאָל עס שטורעמען,
זאָל עס דויערן
אין הייליקן פלאַם פון דער מאַרסיליאַנקע.
ווען מענטשן פאַרלאָזן די געבעט־הייזער בייטאָג,
ווען ווינט אויפן הימל די וואָלקנס צעיאָגט,
ווען איבער פּאַריז לאָזט אַראָפּ זיך טונקעלער שלאָף —

ווער זשע וועקט דאָס מיך און רופט,
ווער באַפעלט דאָס מיר צו וואַכן אין נאַכטיקער שעה?
איך הער דאָס געזויש פון ביינאַכטיקן אָנפלי.
זיי שווימען איבער שטאָט — אָבער ניט קיין אַוויאָנען,
עס שווימען חרובע בתי־תפלה,
געדטנער אין בית־עלמינס פאַרוואַנדלט,
רואינען, מױערן אין הויפנס אַש,
גאַסן און הייזער פון דער קינדהייט באַקאַנט.
און עס שווימט די שטאָט אויף פליגל פון רום
און ווי אַ שטיין אויפן האַרץ פאַלט זי מיר שווער.
איך פאַראָרדן אַלאַרם פאַר וואַרשע.
אָן אויפהער.

..... אנטאַני סלאָנימסקי

אַלאַרם

איל, פיל, יאָג!
שאַל הויך, וואָרט!
גיי, פלי, זאָג,
גרייך וויט אָרט!

רייד, מאָן, צונג!
מענטש רייס, וועק,
רוף אַלט, יונג,
צינד ים, ברעג!

בלוט, קלאָג בייז,
זיד ווילד, וויין!
האַרץ, שטראָם הייס,
ריר, שמעלץ שטיין!

שלינג רוים, צייט,
שטעך, ברעך ווענט,
זינג, ליד — שריי,
וועלט — וואַלד ברענט!

אלעף כץ

די בלעטער

(פאַבעל)

אַ שטורעמווינט האָט זומער אויפגעהויבן זיך אין וואַלד,
און מיט פאַרצווייפלונג האָבן באַלד
גענומען ריידן צווישן זיך די בלעטער —
ווי שווער עס איז צו ווערן אָפּגעריסן פאַר דער צייט,
און פון דעם ווינט פאַרטריבן ווערן ווייט . . .
אַ געוויס: מען מוז דאָך סיי־ווי־סיי פאַרוויאַנען שפּעטער
אין האַרבסט . . . דאָס איז דער סדר פון דער וועלט — פאַרפאַלן . . .
פאַרוואָס איז אָבער אונז באַשערט אַצינד, —
ווען אַלץ אַרום אין זומערדיקע שטראַלן
לעבט־אויף און גרינט, —
צו ליגן אויף דער ערד צעשאָטן
און ווערן אונטער יעדנס פיס
געטראָטן . . .
וואָס איז?
ווייל ערגעץ־וואו פון אויבן
האָט זיך אַ שטורעם אויפגעהויבן . . .
אַליין דער בוים איז קוים וואָס טוט זיך גאָר אַ ריר, —
נאָר מיר . . . די ערשטע זיינען מיר! . . .
אַ פויער, וואָס האָט גראד אין וואַלד געקליבן האָלץ,
האָט זיך אויף זיי צעבייזערט שטאַרק: „איר מעגט זיך שעמען!
אויב אייך האָט גאָט באַגליקט דעם שטורעם אויפצונעמען,
באַדאַרפט איר דאָך צופרידן זיין און שטאָלץ,
און דאַרפט זיך גאָר אַ האָר ניט קלעמען,
וואָס פאַר דער צייט פאַרלירט איר אייער גלאַנץ . . .
אַבי דער שטאַם! דער שטאַם וועט דאָך פאַרבלייבן גאַנץ! . . .״

נחום יוד

אַ הימן

איך בין די שווערד, איך בין דער פלאַם.

איך האָב אייך געלויכטן אין דער טונקלקייט, און אַז די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך געשטריטן פאָרויס, אין דער ערשטער ריי.

אַרום מיר ליגן די טויטע קערפּערס פון מיינע פריינט, אָבער מיר האָבן געזיגט. אין די טריאומף־געזאַנגען גיסן זיך אַריין טענער פון אל מלא רחמים, מיר האָבן אָבער קיין צייט ניט ניט צו פרייען זיך און ניט צו טרויערן. די טראָמפּייטן רופן אויפסניי, עס הייבט זיך אָן אַ נייער קאַמף.

איך בין די שווערד, איך בין דער פלאַם.

היינריך היינע

צום גולם, וואָס שלאָפט

אָ, גולם, וועק זיך אויף, די העכסטע צייט!
עס זיינען ווידער ווילד געוואָרן יענע לייט.
און די אַלע חיות האָבן זיך צעברומט אין שטייג,
(נאָר דער צדיק אין דער תפיסה וואַרט און שווייגט!)
און דער נייער הערשער אין דעם אַלטן פּראַג —
ער פּאַדערט די משכנות און פייניקט טאָג נאָך טאָג.

און ניט נאָר אין דעם אַלטן פּראָג אַליין —
פון אַלע שטעט און געטאָס טראָגט זיך דער געוויין.

אַ גולם, וועק זיך אויף און מיט דיין שווערן טראָט
גיי־אום און וואַרף די תּפיסות, די געטאָס אין דער שטאָט;
און שליידער וואַנט נאָך וואַנט פון פּאַלאַץ וואו ס׳וואוינט דאָס בייז,
און מיט דיין הייליק שמייכל דאָס אָרימע פאָלק דערלייז!

אברהם רייזען

דער גוטער מענטש

אין זיין רשות אַ כּח, אַ רעגימענט פון שטערן,
ער האַלט די וועלט אין הויפן, ווי אַ נוס,
אומשטערבלעך שוועבט אַ שמייכל אויף זיין פּנים,
זיין זיין — מלחמה, און זיין טראָט — נצחון.

און וואו ער איז און זיינע הענט צעשפּרייט נאָר,
און וואו זיין הערשער־רוף קומט נאָר אַראָפּ מיט דויער,
ווערט באַלד צעשמעטערט יעדער אומרעכט, רשעות,
און אַלע זאַכן ווערן גאָט און איינס.

עס זיינען אומבאַזיגבאַר זיינע טרערן,
זיי זיינען שטאָף און פליסיגקייט די וועלט צו בויען.
וואו זיינע גוטע טרערן קומען נאָר אַרונטער,
ווערט יעדער פאָרם פאַרצערט און קומט צו זיך.

קיין גרימצאָרן קאָן מיט זיינעם זיך ניט גלייכן.
ער שטייט אין שייטערהויפן פון זיין לעבן.
און אים צופוסן שלענגלט זיך פאַרלאָרן
דער טייוול, אַ צעטראָטענער פייער־וואָרים.

און ווען ער גייט אַוועק, ביי זיינע זייטן בלייבן
מלאכים צוויי, מיט קעפּ טיף אין די הימלען,
זיי שרייען יובל׳דיק אין גאָלד און פייער
און שלאָגן דונערדיק אין זייערע שילדן.

פראַנץ ווערפעל

זיי בראַוו, מיין טייער אינגל

זיי בראַוו, מיין טייער אינגל,
בלוט ריינער פון מיין בלוט,
אין שווערע טעג אַזוינע
געשטאַרקט זאָל זיין דיין מוט.

דיר איז באַשערט צו טראָגן
אַ ביקס מיט קאַלטן בליי,
ניט פעלקער צו פאַרקנעכטן —
באַשיצן אונזער פריי.

מיין זון, דו ביזט ניט איינער,
זע, זע, פון ראַנד צו ראַנד,
זיי זאַמלען זיך די העלדן,
די זין פון אונזער לאַנד.

די ביקסן אויף די אַקסלען,
געשלאָסן ריי אין ריי;
אַז וואויל איז צו דיין טאַטן
וואָס דו ביזט אויך מיט זיי.

און אין די שווערע שלאַכטן
דיין טאַטנ׳ס ברכה נעם;
און זיי אַ העלד מיט העלדן —
דיין נאָמען ניט פאַרשעם.

זיי בראַוו, מיין טייער אינגל,
בלוט ריינער פון מיין בלוט,
אין שווערע טעג אַזוינע
געשטאַרקט זאָל זיין דיין מוט.

די טרער פון מאַמעס

זי שפּאַנט, די מלחמה, זי שפּאַנט,
מיט פייער און שווערד אין דער האַנט,
דורך שטעט און דורך ים'ען און פליינען. —
און מאַמעס פאַרלאָזענע וויינען.

אָ, מאַמעשע טרער, פון דיין גרונט
קלאָגט אייביק בלוט פון דער וואונד,
וואָס האָט אונז אין פיינען געגעבן
דאָס לעבן און פרייד פונם לעבן.

נאָר לעבן אָן פריי — וואָס איז ווערט? —
און אויב דיינע זין איז באַשערט
צו שטאַרבן פון שווערד און דורך פייער, —
איז ווערט דאָך צו שטאַרבן אַ פרייער.

אָ, מאַמעשע טרער, צינד זיך אָן,
און שיין אויף דער הייליקער פאָן
פון אַלע די שטערן געטרייע,
צום זיג פון די בראַווע און פרייע!

מאַני לייב

אויב קריג איז קריג

אויב קריג איז קריג, פאַרוואָס קלינגט ווי אַ תפילה,
פאַרוואָס איז ווי דער מוטערס ווערטער טייער
די בשורה, ווען עס זיגן ענגלאַנדס וואָפן,
די בשורה, וואָס באַגלייט פון בלוט איז און פון פייער?

אויב בלוט איז בלוט, ווי קענען מיר נאָך לעבן,
ווען ס'טרינקט די וועלט אין בלוט זיך און אין טרערן?
פאַרוואָס אויף־דייטשן באָדן אַליאירטע וואָפן
ווילסט ליבערשט ווי משיח'ס שופר הערן?

אויב אַלץ איז איינס, פאַרוואָס ווערט ס'האַרץ פאַרציטערט
בלויז ביים געדאַנק, אַז ס'זיגן דייטשע וואָפן?
אויב אַלץ איז איינס, דאָך ווילסטו ניט דערלעבן
די שעה, ווען דייטשלאַנד וועט די וועלט פאַרשקלאַפן!

יאָ, קריג איז קריג און בלוט איז בלוט מסתמא,
דאָך זיינען אַלע אמת'ן אַ ליגן
אין אָנגעזיכט פון זיג, וואָס וועט באַלד קומען,
ווען דייטשלאַנד וועט פאַר אונז צעשמעטערט ליגן!

אַ געבעט

עס בעטן מוטער, ווייב און קינד,
עס שרייען זייערע טרערן,
דאָך ניט פאַרנעם עס, גאָט, אַצינד,
דו זאָלסט עס ניט דערהערן.

גאָר אויף דאָס ניי דיין גנאָד באַווייז
דער קעניגין פון ימען,
דער שונא זאָל מיט זיינע מייז
דעם וועג איר ניט פאַרצאַמען

און מאַכט דאָס האַרץ אונז קאַלט און טויב,
ווי שטיין, ווי שטאָל, ווי אייזן;
באַהאַלט די ווייסע פרילינגס־טויב,
זאָלסט זי אונז איצט ניט ווייזן.

וואַך אויף, וואַך אויף, דו אַלטע ערד,
דו ביסט נאָך ניט פאַרלוירן!
דו וועסט דורך בלוט, וועסט דורך דער שווערד
אַצינד אויף ס'ניי געבוירן!

מיליאָנען קעלן שרייען הויך,
מיליאָנען הערצער בעטן:
באַוויַיז זיך אין האַרמאַטן רויך,
אין קלאַנג פון באַיאָנעטן!

אַ הײנטיק וויג־ליד

קאַלט איז די לבנה־שיין —
אינגל מיינער, דרימל איין.

קיינעם גיט די נאַכט קיין רו —
אינגל, מאַך די אויגן צו.

אין דערוואַרטונג און אין שרעק
גייען אונז די טעג אַוועק.

ניט דער האַרבסטיק־בייזער ווינט
אין דעם קוימען וויינט אַצינד,

ניט פאַר הונגעריקע וועלף
הערט מען ווייטע קולות: „העלף!” —

אינגל! ווי די שטיינער שטום,
דרייען דייטשן דאָ זיך אום.

שרעק אויף יעדן וואַרפן זיי,
לאַנגע שווערדן שאַרפן זיי.

שוינען קליינע קינדער ניט,
און דער טויט גייט מיט זיי מיט.

און עס ענדיקט זיינע טעג
דער, וואָס קומט זיי אויפן וועג.

די מאַטראָזן

עס מוז איטלעכס האַרץ זיך דערפרייען,
דאָס האַרץ, וואָס קען פריילעך נאָך זיין,
ווען ס'זעט די מאַטראָזן, וואָס דרייען
ביי אונז זיך גאַס אויס און גאַס איין.

און לייכטע און יונגע אין בלויען
באַוועגן זיי זיך אַזוי פלינק,
נאָך בויגיקער, שלאַנקער פון פרויען,
ווי אינגלעך צען־יאָריקע — גרינג.

און קינדיש־פּאַר'חלומטע אויגן,
דאָך שאַרף זאָגט דער קינדישער בליק:
זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט בויגן,
זיי מאַכן קיין טראָט ניט צוריק.

און מעגן די טעג זיין ווי בלוטיק,
און לויערט דער טויט אויפן וועג,
זיי גייען זיך פריילעך און מוטיק
אַנטקעגן די קומענדע טעג.

עס וועט זיי קיין זאַך ניט דערשרעקן,
און לייכט וועלן זיי אינם קריג
מיט ערע און רום זיך באַדעקן —
זיי וועלן אונז פירן צום זיג.

אָ, לייכטע, אָ יונגע, אין בלויען
באַוועגן זיי זיך אַזוי פלינק;
נאָך בויגיקער, שלאַנקער פון פרויען,
ווי קינדער צען־יאָריקע — גרינג.

זישא לאנדוי

סאָלדאַטן און מאַטראָזן

א.

סאָלדאַטן און מאַטראָזן
אַף יעדן שפּאַן און טראָט,
סאָלדאַטן און מאַטראָזן
באַוואַכן אונזער שטאָט.

סאָלדאַטן און מאַטראָזן —
באַשירעם זיי מיין גאָט,
אַזוי ווי זיי באַשירעמען
אונז בירגער און די שטאָט.

ב.

איר שטאָלצע זין אין געלע אוניפאָרמען,
ווי שיין און שלאַנק און יונג איר זענט!
ווי בראַוו איר זעט אויס אין די אוניפאָרמען
מאַרשירנדיק מיט ביקסן אין די הענט.

ווי בייגיק זענען אייערע יונגע גלידער,
ווי איז געמאָסטן אייער יעדער טראָט;
אין לאַנגע רייען מיט געזאַנג און לידער
מאַרשירט איר אין די גאַסן פון דער שטאָט.

און הויך פאַראויס געטראָגן ווערט פון דרייען
די שטערנדיקע און געשטרייפטע פאָן,
און פריידיק גריסט דאָס פאָלק אייך מיט געשרייען
וואוהין איר שטאָלצע שיצער קומט נאָר אָן.

נפתלי גראָס

מען האָט נאָך אים געשיקט

כ׳האָב אָנגעטאָן דעם זון אין ליכטיקן כאָקי,
געזאָגט אים: ס׳איז שוין צייט, דו דאַרפסט דאָרט זיין פּאַרפרי
און אָפּגעקערט דאָס פּנים צו דער וואַנט.
געשוויגן האָבן מיר, דער זייגער האָט געטיקט,
דאָס האַרץ האָט צוגעקלאַפּט: מען האָט נאָך אים געשיקט, —
מיין זון, מיין לייטענאַנט.

די מאַמע האָט דעם לעצטן קוק געטאָן אין ראַנץ:
דו זעסט, מיין קינד, ס׳איז אויסגעפּרעסט און גאַנץ,
און אַלצדינג וועט דיר ליגן צו דער האַנט . . .
די אויגן זיינע האָבן זיך אויף אונז געוויגט
און שטומערהייט געזאָגט: מען האָט נאָך מיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לייטענאַנט.

אַז ס׳האָט אין ערגעץ אַ קלונג געטאָן דער שלאָס,
האָט עפּעס אָפּגעהאַקט זיך, ווי אַ שאַרפער שאָס,
געבליבן זיינען מיר אַ רגע, ווי ביים ראַנד.
די זון האָט דינע פּעדים אויף דער וואַנט געשטריקט,
דער טאָג האָט אָנגעזאָגט: מען האָט נאָך אים געשיקט, —
מיין זון, מיין לייטענאַנט.

אין פּנים ביי מיין זון אַזוי פיל קינד און מאַן,
די אויגן שיינען, ווי צוויי ליכט אין אַ טומאַן,
דער שמייכל זיינער ציטערט מיט פאַרשטאַנד.
איך האָב אויף אים געקוקט און ס׳האָט אין קאָפּ געפּיקט:
דו ווייסט, ווי איך, פאַרוואָס מען האָט נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לייטענאַנט.

דיין אינגל־צימער בלייבט, דיין טיש, דיין בעט,
דיין קול, ווי דו האָסט זינגעוודיג גערעדט,
ווען ס׳האָט זיך ערשט געבראָכן און געמאַנט,

דיין ערשט־געשוירן בינטל האָר נאָך ליגט,
נאָר איצטער האָט מען דאָך נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לייטענאַנט.

מיר שטייגן אויף די טרעפּ, וואָס זיינען איצטער רייד?
די זון האָט מיטן רוקן צו אונז זיך אויסגעדרייט,
אַזוי האָט אַלע מאָל אַ טאַטע לעבן זון געשפּאַנט,
אַ מאַמע האָט אַזוי דאָס וויינען אירס געשטיקט;
אַזוי איז עס אַצינד, מען האָט נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לייטענאַנט.

מיר פירן אים, און שאָטנס קומען זיך צונויף
פון אַלע די, וואָס האָבן אָפּגעצאָלט דעם חוב,
פאַר זיך אַליין, פאַר פאָלק, פאַר מענטש, פאַר לאַנד,
פאַר איד, וואָס ס'האָט אַ וועלט אויף אים געקריגט,
מיר פירן אים, מען האָט נאָך אים געשיקט, —
מיין זון, מיין לייטענאַנט.

דער לעצטער אָפּשטעל דאָ, אַ פויגל גיט אַ פלי,
בעשטרייפטע פאָסן ליכט אויפן זונס כאַקי,
אַ לייכטער ציטער גייט פון האַנט צו האַנט,
די מאַמע האָט צום האַרץ אים צוגעדריקט,
נו, פאַר געזונט, מען האָט נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לייטענאַנט.

אָדלערס אונזערע

אָדלערס אונזערע, אונטער אַלטע הימלען — יונגע,
אַנגעטאָן האָט איר די פליגלען פאַרן ערשטן פלי,
קיינער האָט אייך נאָך ביז איצטער נישט באַזונגען,
און באַזינגען אייך איז אפשר נאָך צו פרי.

אָנגעפילט האָט איר מיט קאַלטער לופט די לונגען,
ביי די וואָגלער־כמאַרעס אָנגערירט די פּאָלעס,
און נאָך העכער — צו דער זון — געטאָן אַ צי,
זעט דעם וואונדער, ווי סע פליט דער גלות.

אויסגעוואָרעמט האָט איר זיך אין היימען — שטילע נעסטן,
אייניקלעך פון ספרי רומל, ווינט־מילן און קלויז,
יונגע, קעגן אַלטע טויטן אין דער הויך זיך צו פאַרמעסטן,
פליט איר מיטן דורות'דיקן ברען און ברויז,
מיט אַ האַרץ, אַן אויסגעהאַמערטן און פעסטן,
מיט אַ האַנט, וואָס אין צעשטערן איז זי בויעריש,
אויף די פליגלען אייערע טראָגט זיך יעקב'ס הויז,
שטרעקעס שניידט איר מיטן שם המפורש.

אין אַ ציטערדיקער נאַכט אויפגעהויבן האָט זיך אליהו
אויף אַ פייערדיקן וואָגן גלייך צו גאָט,
איר, אין הייכן רייכערדיקע, בלאָע,
טראָגט אין זיך יענעם פייערוואָגן־סוד,
אייך באַשערט — דאָרטנס אונזערע מיט דאָען
אויפן ווינט, מיט פליגלען, צו פאַרקניפּן,
אויסצוקערעווען דער וועלט פאַראויס דאָס ראָד,
וואָס דער שונא האָט געוואָלט אַריבערהיפּן.

מיר, די טאַטע־מאַמעס אייערע אין דער נידער,
קוקן צו דער הויך מיט עלענטן געמיט,
ס'איז אַ זון פאַרגאַנגען, אויפגיין וועט זי ווידער
אויפן טויט און צער'דיקן לעבן פונעם איד.
איר, די אייניקלעך פון דערכגעווייקטן סידור,
טראָגט דעם טויט אויף פליגלען — לעבן אויסצושטרייטן,
ס'איז אַ טרויער און אַ וואונדער וואָס איר פליט, —
אָדלערס אונזערע, צונויפקניפּערס פון איצטער מיט פאַרצייטן.

א פ ר י ם   א ו י ע ר ב א ך

אויך מיין זון וועט מיין שטאַם ניט פאַרשעמען

ווי קאָן איך טרייסטן איך, מאַמעס —
אַז טרייסט דאַרף איך איצט אַליין ;
ווי קאָן איך טרייסטן איך, מאַמעס —
אין פלאַם גייט אויך מיין געביין.

ווי קאָן איך טרייסטן אייערע געמיטער,
מיין געמיט — איין שטיק געוויין ;
איך זע דעם ווילדן געוויטער,
וואָס יאָגט זיך נאָך מיין געביין . . .

ווי קאָן איך זינגען איצט לידער ?
בלויז בייסן אין וויטיק די ציין —
אויפן מזבח מיר שיקן אונזערע קינדער
און מיר הייסן אַליין זיי נאָך גיין.

מיטן מוח איך וויל אַלץ באַנעמען —
דאָס פייער קאָן זיך ניט לעשן אַליין ;
אויך מיין זון וועט זיין שטאַם ניט פאַרשעמען
און קעמפן פאַר אַ פרייערער היים.

מלכה לי

אַ שעה אורלויב

אין בלויען נייווי־אַנצוג, פריי פון פליכט,
איז מיין זון אין שטוב אַריינגעקומען, אומגעריכט.
די מאַמע האָט אַ הילך געטאָן אַ פרייד־געשריי,
און ליבשאַפט האָט צונויפגעבונדן ווידער צוויי . . .
איך קוש אים און איך פיל, עס ווערט מיין האַרץ געקלעמט. —
עפּעס אייגנס,
עפּעס פרעמדס.

מיין זון האָט פון זיין דינסט און פליכט דערציילט,
מיט זין דער מאַמעס טיפע וואונד געהיילט;
די שטוב האָט ליכטיק פון זיין פנים זיך צעשפּילט,
ביז אונזער הייסער נייגיר האָט זיך איינגעשטילט.
איך האָב באַטראַכט זיין הוט, זיין ראָק און איבערהעמד —
עפּעס אייגנס,
עפּעס פרעמדס.

ביים עסן האָט אַ וואָרט מיין לעפל אָפּגעשטעלט,
עס זאָגט די מאַמע שטיל, דורך טרער, וואָס העלט:
— אַזאַ אַנצוגל האָב איך דיר אַלס קינד געניית,
און זע די צייט, וואָס ווינט האָט לאַנג פאַרוויית!
אַ אינגעלע קוקט ליב אַרויף, און דער אין פרעמדן העמד —
עפּעס אייגנס,
עפּעס פרעמדס.

מיט שנעלע טריט געזעגנס־צייט האָט אָנגעקלאַפּט,
און ווידער שטייען מיר פון אים אַרומגעכאַפּט.
די דרויסן־טיר פאַרהאַקט זיך קאַלט און שווער
און ער — אַן אייגנטום, וואָס איז דיינס ניט מער,
הילכט מיט טריט אויף טרעפּ. איך צייל זיי טעמפּ —
עפּעס אייגנס,
עפּעס פרעמדס.

אַ מוטער

נישט אין כעס איז איצטער בלויז דער גרויזאַם־שלעכטער —
צופיל אויף דער וועלט איז פיין און פּלאָג;
זון מיינס, דין דער הייליקייט דער שטרענג־גערעכטער;
ווען מען דאַרף — אַ קלאַפּ גיב און דערשלאָג.

ליכטיק איז דער שטאַרקער רוף פון דער נקמה,
זיי־זשע ניט קיין מערדער נאָר פאַר לוסט;
דו דערמאָן זיך נאָר די קינדערשע נחמה,
ווען דו האָסט געזויגן מאַמעס ברוסט.

סאָפיאַ דובנאָוואַ

אַ קללה

מיין קללה זאָל פאַלן אויף דיר, ווי אַ פלאַמיקער האָגל,
דיין מזל זאָל ווערן צעבראָכן ווי אַ ליימענער לאָגל.
און וואו דו וועסט זיין, זאָל מיין קללה דיך בראָטן און בריען,
ביז ס'וועט נאָר אַ תליה דיין טריפה'נעם גאָרגל פאַרציען.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג פון דיין געבאָרן,
פאַרדאַרט און פאַרטריקנט זאָל ווערן אויף פעלדער דיין קאָרן;
נאָך איידער ס'וועט קומען עס שניידן דיין מערדערשער שניטער
זאָל ווערן דיין שטח באַשאָטן מיט נאַקעטע ריטער . . .

און אויב דו וועסט ווידער די קערנער אויף פעלדער פאַרזייען,
זאָל ווידער מיין קללה, וואָס האָט זיך דורך קינדער-געשרייען,
דורך שרפות און רויכן, דורך גוואַלדן פון פרויען געשענדטע,
דיך פאַקן און טראָגן דיין שאַנד צו די דורות די צענטע . . .

דער הימל זאָל דיר און דיין חברה קיין טראָפּן ניט שענקען,
דיין האַקנקרייץ זאָל זיך אין בלאָטיקן בלוט דיינעם שווענקען,
און וואו דו וועסט שפּאַנען זאָל ליגן אַ שטיין אויף די וועגן,
די פערד זאָלן טרעטן אויף דיר און דיין גנב'יש פאַרמעגן.

דיין ערד זאָל באַדעקט זיין מיט רייען פון הויכע קורגאַנען,
דער בוים ביי דיין פענצטער זאָל, ווי דיין מדינה, פאַרוויאַנען,
די מילך אינם בויך פון דיין קו זאָל ווערן פאַרגרינט און פאַרזויערט,
דער מלאך־המות זאָל שטענדיק באַהיטן דיין טיר און דיין טויער. . .

און וואו דו וועסט פֿרואוון זיך ווענדן, זיך שטעלן, זיך קערן,
זאָל זינקען דיין רויבעריש פֿלייש אין די טייכן פֿון טרערן,
וואָס רינען פֿון מוטערשע אויגן, פֿון קינדערשע אויגן,
און האָבן די וועלט ווי אַ וואָלקן פֿאַרדעקט און פֿאַרצויגן.

פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן דיין נאָמען, פֿאַרמעקט זאָל ער ווערן,
אַט דאָ אונטער זאַנגען פֿון זון, אונטער שנייען פֿון שטערן,
ווי שטויב זאָל פֿאַרשווינדן, אַנטרינען דיין ווילדע חבריא,
אַז ס'זאָל נאָר מיין קללה באַגלייטן דיין שוואַרצע לויה!

איציק פעפער

אָ, לערן מיך האַסן דעם שונא!

איך טראָג אין זיך ים'ען פֿון רחמים
און פֿול איז מיין האַרץ מיט בענטש:
צו אָרעמע, שטומע און שוואַכע,
צו חיה, צו ערד און צו מענטש.

איך טראָג אין מיין אומעטיק לעבן
צומאָל אַזאַ ליכטיקע פֿרייד,
אַז פֿול ווערט מיין האַרץ מיט פֿאַרגעבונג,
און קושן מיין פֿיינט בין איך גרייט.

נאָר פֿול איז מיט רשעות און שנאה
דאָס ליסטיקע האַרץ פֿון מיין פֿיינט,
וואָס לויערט אויף מיר פֿון באַגינען
און גנב'עט אין חושך מיין שיין.

אָ, גאָט פֿון מיין שטאַם, שפֿוך חמתך,
דיין צאָרן גיס אויס — און צעשטער,
דאָס ליכטיקע האַרץ פֿון די רוצחים,
וואָס שענדן דיין ליכטיקע ערד.

הער־אויס מיין צעוויטיקטע תפילה
אין די פינצטערע סוואָסטיקע־נעכט:
דערשלאָג און פאַרלענד און פאַרטיליק
די שפּרייטער פון מאָרד און פאַרברעך!

זאָל טרעפן דיין האַנט זיי אין שייער,
אין שטאָט און אין דאָרף און אין פעלד,
דורך שטורעם און שוועבל און פייער,
דורך היצן און שנייען און קעלט.

איך בעט נישט פאַר זיך קיין לוינען,
איך וויל נישט קיין טובות סתם.
אָ, לערן מיך האַסן דעם שונא,
ווי ליב איך האָב דיך און מיין שטאַם!

און ווען ס׳אומריינע בלוט וועט רינען
פון נבזה׳דיק־טויטן געץ,
אָ, רייניק מיך, גאָט, פון מיין שנאה,
ווי גערייניקט האָסט מרים פון קרעץ!

ל. פיינבערג

אל קנא ונוקם

זאָל פוילן די תבואה אין שפּייכלער פון אָקופּאַנט,
ווערמדיק זאָל ווערן דער עפּל אין זיין רויבערישער האַנט,
דאָס וואַסער זאָל עיפּושן אין זיין אָנגעשעפּטן עמער —
אונטער זיין שער זאָל אין שטויב זיך פאַרוואַנדלען די וואָל פון די לעמער.
אונטער זיין אַקער זאָל שטיינערדיק ווערן די זאַפּטיקסטע ערד,
און אויב אַ שפּראָץ וועט געדייען, זאָל ער פון הישעריק ווערן פאַרצערט.
פאַר זיינע שיפן זאָל אין די האַפנס זיך שפּאַלטן דער ברעג

און אונטער זיינע וואַגנס זאָל זומפּיק ווערן דער וועג.
אויף זיינע וואונדן זאָל פעלן דאָס היילנדע געוועב,
מיט ראָסטענדע פלעקן זאָל אים געפלעקט זיין דאָס לייב
און אַז עס זאָל קיין נאַכוואוקס נישט קומען נאָך אים,
פאַרשליס זשע דעם טראַכט פון זיין ווייב.
און אויב די עשר מכות זיינען דערין נאָך אַלץ נישט פאַראַן,
טאָ זיי אים, אל קנא ונוקם, ממלא פון דיין אייגענער האַנט!

ש. ל. שניידערמאַן

די שלעזישע וועבער

אין פינצטערן אויג קיין טרער נישט צו זען,
זיי זיצן ביים וועבשטול און קריצן די ציין:
„דייטשלאַנד, מיר וועבן דיין טויטן־טוך,
מיר וועבן אַריין דעם דרייפאַכן פלוך —
מיר וועבן, מיר וועבן!

„אַ פלוך דעם גאָט, צו וועלכן אין נויט
מיר האָבן געבעטן, געזעסן אָן ברויט:
מיר האָבן אומזיסט געהאָפט און געוואַרט,
מען האָט אונז פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט און גענאַרט —
מיר וועבן, מיר וועבן!

„אַ פלוך דעם הערשער, דעם הערשער פון רייך,
וואָס אונזער פרייד און לייד איז אים גלייך,
וואָס רויבט אונזער אַרבעט, וואָס זויגט אונז און שינדט
און לאָזט אונז אַצינדער דערשיסן ווי הינט —
מיר וועבן, מיר וועבן!

„אַ פלוך דעם פאַלשן פאָטערלאַנד,
וואו ס׳וואַקסט פאַר אונז נאָר שפּאָט און שאַנד,

וואו יעדע בלום ווערט פרי צעדריקט,
וואו מיסט און פוילעניש דעם וואָרים דערקוויקט —
מיר וועבן, מיר וועבן!

„דאָס שיפל פליט, דער וועבשטול קראַכט,
מיר וועבן פלייסיק טאָג און נאַכט —
אַלט־דייטשלאַנד, מיר וועבן דיין טויטן־טוך,
מיר וועבן אַריין דעם דרייפאַכן פלוך,
מיר וועבן, מיר וועבן!

ה י י נ ר י ך ה י י נ ע

אויף די פעלדער פון רוסלאַנד

איצט ליגן זיי טויט
אויף די פאַרשנייטע פעלדער, —
אַ גאַנצער דור — פאַרשאָלטענע פון גאָט.
און ס׳איז נישטאָ אויף אונזער אָרימען שטערן
קיין אויג, וואָס זאָל אויף זיי פאַרגיסן טרערן,
און כאָטש איין פונק זיי שענקען פון גענאָד.

זיי האָבן ניט קיין טאַטן און קיין מאַמען,
ווי אַלע מענטשן־קינדער איז באַשערט,
וואָס לאָזן איבער אין דער קינד׳ס נשמה
אַ שפור פון ליבע, אַ ציטער פון רחמנות.
ניין, זיי זיינען בלויז רציחה און נקמה,
אַ טיגער־דור מיט הערצער קאַלט, ווי שטיין.

אַ שאָד דער שניי, וואָס שימערט ווייס און ריין
דאָרט אויף די וויטע שטילע רוסישע פליינען,
וואָס ווערט באַשמוצט מיט זייער דייטשיש בלוט.
זיי האָבן ניט קיין כלות און געליבטע,

ווי אַלע מענטשן קינדער איז געשענקט,
וואָס מאַכט דעם יונגן בליק פאַר'חלומ'ט און פאַרבענקט.
ניין, בשעת זיי זיינען אינ'ם קריג אַוועק,
האָט זיך קיין פרויען הארץ ניט אויפגעדריקט פון שרעק.
ווי רויבער, וועלכע וואַרפן זיך צו מאָרד און שאַנד,
געלאָזן האָבן זיי בלויז הורען אינ'ם לאַנד.
אַ שאָד די ווייסע רוסישע בעריאָזקע,
וואָס בויגט זיך אויף אַ דייטשן גוסס דאָרט,
און הערט זיין לעסטערענדן, לעצטן, שמוציקן וואָרט.

אָ, דייטשלאַנד דו, די וועלט וועט ניט פאַרגעסן,
וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן דער מענטשהייט אויף דער ערד.
האָסט אַלץ צעשטערט, וואָס הייליג איז און טייער,
פאַרפּלייצט די וועלט מיט טרערן, בלוט און פייער,
האָס און מאָרד, רציחה און פאַרראַט.
דיך פאַרשילט דער פויגל אויפן צווייג,
פון בוים אַ יעדעס בלאַט,
די גראָזן אויף די פעלדער,
די חיות אין די וועלדער.
אַ חוץ דעם אויסוואורף, וועלכער גייט אין דיינע טריט,
איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס קריכט, וואָס גייט, וואָס פליט
אויף אונזער אָרימען פאַרפּייניקטן פּלאַנעט,
וואָס זאָל ניט אויסשרייען דיין שטראָף אין אַ געבעט!
אָ, ווי ס'וויינט מיין האַרץ אויף יעדן רוסיש קינד,
וואָס שטייט אין קאַמף מיט דיר, פאַרשאָלטענער שטאָם,
אין פייער־פלאַם, אין שטורעם און אין ווינט,
און קויפט אויס מיט זיין בלוט,
זיין הייליק־יונגן בלוט,
די אייגענע און אונזער אַלעמענס זינד.

דער דייטשער פרילינג . . .

אויסגעברענטע ערד אין פרילינג בלויז און מילד,
אויסגעברענטע ערד אין פלאַמען איינגעהילט,
ניט ציען וועט דורך דיר דער אַקער זיינע פאַסן,
ניט בענטשן וועט דער פויער דעם נייעם שניט פון יאָר, —
אַנשטאָט די גאָלדענע קערנער אין באָדן דיינס דעם נאַסן
פאַרזינקען וועט אויף אייביק אַ גאַנצער יונגער דור.

ניט פאַלן וועט אויף דיר דער ראָזער טוי פון מאָרגן,
ניט אויפגיין וועט אויף דיר דער יונגער גרינער קאָרן, —
צווישן ווילדן גראָז און שטעכעדיקן דאָרן
מיליאָנען פרישע קברים באַשיידן און פאַרבאָרגן
דערציילן וועלן שטיל פון יונג־פאַרשניטענע יאָרן.

אַ פלאַכעס לאַנד, וואו ס'איז מיין וויג געשטאַנען,
פאַרוויגט אין רויש פון הויכע שלאַנקע טאַנען,
וואו ס'האָט דער ווייטער, בלייכער האָריזאָנט
אַזוי פאַרבענקט געצויגן און געמאָנט;
ווייס־רוסיש לאַנד מיט זיינע אָרימע כאַטעס,
מיט סטעזשקעס אויסגעטראָטענע פון שטילע טריט,
די פויערים אין לאַפּצעס און אין שמאַטעס,
וואָס האָבן אַזוי טריי זיין אָרים ערד געהיט.

די שטעטלעך דאָרט די אידישע, די קליינע,
מיט דעכער שטרויענע געבויגן צו דער ערד,
וואו ס'האָט אַן אַלטעס פאָלק מיט אויגן ריינע
אין הימל גאָט געזען און זיינע רייד געהערט,
און עסנדיק דעם ראָזעווען ברויט דעם שוואַרצן,
און טרינקענדיק דעם זויערן דייזשע־קוואַס
געבענטשט דאָס לאַנד און שפייז מיט דאַנקבאַרקייט אין האַרצן,

אָן קנאה צו דער וועלט און אָן אַ טראָפּן האַס;
און וועבנדיק זיין אַלטן גרויסן חלום,
דריי מאָל אַ טאָג געבעטן גאָט פאַר שלום.

געוואַלד . . . געוואַלד . . . פאַרגאַנגענע זכרונות . . .
עס שטיקט אין האַלז . . . פאַרדונקלט ווערט מיין בליק . . .
עס ציען זיך אומענדלעך די ארונות,
אויף אַלע ביימער הענגען תליה־שטריק —
אַ דייטשער פרילינג איז אַהין געקומען,
אַ דייטשער פרילינג אויף מיין אָרים לאַנד,
און האָט פאַרשניטן אַלע מיינע בלומען
און זיינע הימלען צוגעדעקט מיט שאַנד.

— וואו זייט איר, מיינע ליבע און געטרייע?
צווישן זיבן וועלף די שטילע שאָף.
— ווער פירט אייך צו דער אייגענער לויה?
איר, וואָס טראָגט פאַר אַלעמען די שטראָף.

אַ דייטשער פרילינג איז אויף מיין לאַנד געקומען . . .
דער אייזערנער גולם מיט די שטאָלענע הענט;
דער דייטשער גולם אָן האַרץ און אָן געפילן,
ווי אַ מאַשין געיאָגט פון פרעמדן ווילן,
צעשטערט ער אַלץ, דער׳הרג׳עט און פאַרברענט.

אָ, גאָט, גיס אויס אויף אים דיין פלאַמען־צאָרן!
הויב אויף אויף אים דיין שווערן ריכטער־אָרעם!
זאָל זיין פון אים, וואָס ס׳איז פון אונז געוואָרן —
אַ לאַנד פון חורבות און נאָמענלאָזע קברים,
אָן אויסגעברענט לאַנד, פון אייגענע הענט פאַרברענט,
פון אַלעמען געמיטן, פון קיינעם ניט דערקענט!

דוד איינהאָרן

זיי וואַך, זיי קיל און רעכן

דער וועג איז אָנגעצייכנט,
דער ציל איז פעסט באַשלאָסן.
נישט לאָזן זיך פאַרפלייצן
פון בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסן.

נישט לאָזן זיך דערדריקן
פון צער, פון שאַנד, פון חורבן,
נאָר כאָוועץ האָס אין הארצן,
זיין גרייט צו ווערן קרבן.

דעם שונא'ס האָס איז מעכטיק.
זיי וואַך, זיי קיל און רעכן
דעם חוב וואָס ער דאַרף צאָלן,
די קעפּ, וואָס דו דאַרפסט ברעכן.

צו זישא לאַנדוי

ס'איז שווער צו לעבן, זישא,
דיין מעשה איז פאַרגאַנגען.
דאָס ציגעלע געקוילעט,
די מלכה אויפגעהאַנגען,

די רביצין פאַרפייניקט,
די אייניקלעך פאַרשניטן.
אַז וואויל דיר, וואויל דיר, לאַנדוי,
דו האָסט עס אויסגעמיטן.

דער חתן גראָבט אַ קבר
אַליין זיך צו באַגראָבן;
דער כלה'ס לייב ליגט הפקר,
אַ סעודה פאַר די ראָבן.

דער טאַטע האָלזט די מאַמע,
די מאַמע האָלזט די קינדער;
און יונגע, אַלטע טרייבט מען
ווי שאָף און פי צום שינדער.

עס וויינט און קלאָגט בת־טובים —
גאַנץ פוילן איז אַ יאַטקע,
און צו דער שחיטה פירט מען
פון יעדן הויז און כאַטקע.

נישט ווײן, נישט קלאָג, בת־טובים,
כאָטש ס'ווערט די שחיטה גרעסער.
מיליאָנען הענט זיך ציען
צום שונא מיט אַ מעסער.

פאַרטיליגט וועט ער ווערן,
און מיט דער ערד צעאַקערט.
די שלאַכט פון דין און חשבון,
זי האָט זיך שוין צעפלאַקערט.

אין קאַבינעטן זיצן קאַניבאַלן

בייס איין די ליפּ און האַלט דעם צער געבונדן,
ווי אויף אַ קייט מען האַלט אַ ווילדן הונט. —
אַן אַלטן זיידן האָט מען אָפּגעשונדן
און ס'ווערט זיין פלייש געוואויגן אויפן פונט.

אין קאַבינעטן זיצן קאַניבאַלן,
און רעכענען אַלץ פּינקטלעך אויפֿן לויט,
ווי גרויס עס איז די מאָס פֿון כעמיקאַלן
אין מענטשן־לייב אויף פּראָדוצירן טויט.

פֿון וועלכע טיילן ס׳לאָזט זיך מאַכן זייפֿן
אויף וואַשן וועש, צי גאָר פֿאַר גרעטכענ׳ס העמט. —
אוי, גאָט, ווי ווילד דאָס בלוט יאָגט צו די שלייפֿן
און ווי דער האָס מיט סם די נירן ברענט!

ר. אייזלאנד

און וואָס האָט געקראָגן דעם נאַצי־זעלנער׳ס ווייב?

און וואָס האָט געקראָגן דעם זעלנער׳ס ווייב
פֿון דער אַלטער הויפּטשטאָט פּראָג?
די שטעקל־שיך, וואָס באַצירן איר פֿוס,
אַ גרוס און די שיינע שיך אויף איר פֿוס
האָט זי געקראָגן פֿון דער הויפּטשטאָט פּראָג.

און וואָס האָט געקראָגן דעם זעלנער׳ס ווייב
פֿון אָסלאָ, איבערן שמאָל־שטראָם דער שטאָט?
פֿון אָסלאָ האָט זי אַ פֿוטערן מופֿל באַקומען.
ס׳האָט אויסגענומען, דאָס פֿוטערנע מופֿל, וואָס זי האָט באַקומען
פֿון אָסלאָ, איבערן שמאָל־שטראָם דער שטאָט.

און וואָס האָט געקראָגן דעם זעלנער׳ס ווייב
פֿון דער רייכקייט פֿון אַמסטערדאַם?
פֿון אַמסטערדאַם איז געקומען דער הוט,
און ער פּאַסט איר גוט, דער האָלענדישער הוט,
וואָס איז געקומען פֿון אַמסטערדאַם.

און וואָס האָט געקראָגן דעם זעלנער'ס ווייב
פון בריסל, אינם בעלגישן לאַנד?
פון בריסל האָט זי געקראָגן די זעלטענע שפּיצן!
אַך, דאָס צו באַזיצן, אַזעלכע זעלטענע שפּיצן!
זי האָט זיי געקראָגן פונם בעלגישן לאַנד.

און וואָס האָט געקראָגן דעם זעלנער'ס ווייב
פון דער ליכט־העלער שטאָט, פון פּאַריז?
פון פּאַריז האָט זי געקראָגן דאָס זייד־קלייד, דאָס דינע,
ס'איז דער שכנ'טעס קנאה, אָט־דאָס זייד־קלייד, דאָס דינע,
וואָס געקראָגן האָט זי פון פּאַריז.

און וואָס האָט געקראָגן דעם זעלענר'ס ווייב
פון דאָרט אַזש, פון בוקאַרעסט?
פון בוקאַרעסט איז געקומען דאָס העמד,
אַזוי אויסטערליש־פרעמד, אַ רומעניש העמד!
דאָס האָט זי געקראָגן פון בוקאַרעסט.

און וואָס האָט געקראָגן דעם זעלנער'ס ווייב
פון דעם וויטן, דעם רוסישן לאַנד?
פון רוסלאַנד האָט זי דעם אלמנה־שלייער געקראָגן,
דעם טויט צו באַקלאָגן האָט זי דעם אלמנה־שלייער געקראָגן.
דאָס האָט זי באַקומען פון דעם רוסישן לאַנד.

בערטאָלד ברעכט

רוסישער פרילינג

פרילינג אין צייט וועט קומען אונז אַנטקעגן,
וועט קומען, ווי געוויינטלעך, — פּשוט, שטיל,
און אויף די פראָנטן די פאַרראָסטע וועגן
צוטאָטשן וועט דאָס בלויע וואַסער פון אַפּריל.

מער דונערן און בליצן אויף די פראָנטן
אין מערץ אויף ווייטן שנייאיקע אין בלוי!
ס'איז קאָמיש, ווי דער שונא אַלץ דערמאָנט אונז
און שרעקט מיט פרילינג רוסישן אַזוי.

זיין רחבות, ריח אָטעמען אַ פרייד אונז,
זוניקע פעדים פאַנגען מיטן בליק.
מיר און די זון קיין מערב גייען ביידע,
און קיינער וועט ניט קערן אונז צוריק.

ס ט ע פ אַ ן ש ט ש י פּ אַ ט ש אַ ו ו

רוסישע פרעסט

געבענשט זאָלן זיין
די פרעסט — די רוסישע;
וואָס בראַנדיגער זיי ברענען,
אַלץ בעסער!
איעדער פראָסט —
אַ בלאַנקענדיקער מעסער
אין האַרץ פון שונא,
וואָס האָט פאַרוואַנדלט
לענדער, קאָנטינענטן
אין אַ באַינע.

און ס'גייט אויף אַ פרייד אַזוינע,
און גלעקער קלינגען,
און זיגער־פאָנען נעמען ווייען,
ווען מ'לייענט וואָס ס'דערציילן קאָרעספאָנדענטן:
ווי נאַציס אין די טויזנטער,

אין פּאַניק און אין שרעקן,
לויפן ווי די טשאַטעס וועלף,
געיאָגט פון סאָוועטישע אַרמייען,
און פאַלן, ווער פון קויל געטראָפן,
ווער געשמידט ווי אין פייער־רינגען.
אָט שטאַרצט אַרויס פון שניי
אַ פוס, אַ קאָפּ, אַ האַנט;
אָט ליגט עמיצער מיט דער ביקס
ביי אַ פאַרברענטער וואַנט,
אָט זיצט איינער ווי לעבעדיק,
פאַרגליווערט אויף אַ בוים;
מיט אים אינאיינעם אויך
פאַרגליווערט איז דער טרוים
פון טויזנטער ווי ער,
געפירט פון בייזן שטן,
וואָס האָט לענדער אומגעבראַכט
און פרייהייטן צעטראָטן.
דער טרוים, אַז ס'וועט די סוואַסטיקאַ
איבערן קרעמעל ווייען.
פאַרגליווערט אָט דער טרוים פון פראָסט,
באַגראָבן צווישן שנייען;
פאַרגליווערט אויך דער נאַצי־דראַנג
צו לענינגראַדער טויערן.
פאַרמיסטיקט איז דער גאַנצער פראָנט
מיט פגרים'דיקע דייטשן;
ס'האָבן צום טויט פאַרשמיסן זיי,
מיט פייערדיקע בייטשן,
די ווינטערדיקע קעלט, די פרעסט,
די זאַווערוכעס, שנייען —
געטרייע שותפים אין דעם קאַמף
פון רוסלאַנד'ס רויטע אַרמייען.

אָ, רוסלאַנד, — „רוט פון מיין צאָרן",
אָ, רוסלאַנד, — בייטש פון נקמה!
מיר, — די פאַראייביקטע אומה —
האָבן אָ שווערד דיר געגעבן,
די שווערד — אונזער אייביקער גלויבן,
וואָס האָט צו העלד דיך דערהויבן;
דער גלויבן — אַז רשעות מוז פאַלן
און קאָן אויף דער ערד ניט פאַרבלייבן,
ווי רויך, וואָס דער ווינט טוט צעטרייבן.

משה נאַדיר

היינריך היינע

זונענשיפן, בלומענשיפן
האָט ער דורך דער לופט געפירט.
אויף דעם שטראַלן־ים דעם טיפן
האָט ער געטלעך אומשפּאַצירט.

און פון דאָרטן פלעגט ער זינגען
דאָס וואָס האָט אים טיף געקוועלט.
זיין נשמה פלעגט צעקלינגען
דופט און בשמים דורך דער וועלט.

גאָלד'נע שטערן לייכטן אויבן,
דאָך ניט שטענדיק זינגט ער זיי;
ער מוז דייטשלאַנד'ס וואַסער לויבן,
זינגען פון דער לאָרעליי.

האָט זיין האַרץ, די שענסטע יאָרן,
אַלץ פאַרשענקט אַ טמא'ן לאַנד.
און זיין ליבע שניידט איצט צאָרן,
און זיין היימשטאָט איז זיין שאַנד.

מאָריס ראָזענפעלד

מערדערין פון פעלקער

דער טעווטאָנישער אָדלער האַלט אין זיינע נעגל
די ערד;
ער זויגט זי אויס און פאַרצערט:
אַז דער זיג זאָל מיט גרויל געפּאַרט זיין,
און יעדער זעלנער — ברוטאַל, וואַנזיניק און געמיין,
און אַז מיט אַפשיי זאָל ער נאָך טרוימען היינט
וועגן די גאָטן און הונען — זיינע בלוטיקע אבות.
דייטשלאַנד! דייטשלאַנד!
באַשאַפערין פון בין־השמשות!

דאָס געשריי קומט פון דיינע בערג,
דאָס זעלבע, ליידער, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק:
„מען מוז זיגן דורך אָפּרייסן שטיק נאָך שטיק!
און נאָך יעדער פינצטערער, רויבערישער שלאַכט
זאָלן פרויען, מיידלעך, קינדער אין מאַסן
אומקומען אין שווידערלעכע שחיטות —
די ראַסן!

די דערפער, פאַגראַמירט פון אויפגעהיצטע מחנות, זיינען בלויז
אַ קנויל פון פלאַמען, שרעק און גרויל, וואָס שפרייט זיך אויס
פון שוועל צו שוועל, פון הויז צו הויז.
קינדערשע גופים'לעך האַלטן זיך צוזאַמען,
אין שאָטן ליגט זייער פאַרגוואַלטיקטע מאַמע,
אַ באַרויבט נאַקעט לייב אויפן ראַנד פון אַ גרוב,
פול מיט פריש און פאַרעדיק בלוט; אָן אַ שיער הענט
האָבן מיט זייער פאַרברעכן אויסגעשמירט די ווענט;
און נעבן דער קאַפּעלע, ביים וואונדער־ברונעם,
וואו פאַרנאַכט־צו זיינען אומגעקומען
צען־יאָריקע אינגלעך און זייערע שוועסטער,
זיינען שטיקערוויַיז נאָך צוגעקלעפּט פריש —
שאַרבן און מאַרך אין בלוטיקן פאַרמיש.

אין די טראַגישע באַגינענס אומעטום,
אין אַרמעניע, פּוילן און בעלגיע,
בושעוועט דער זעלבער שטורעם
מיט ווילדקייט און שגעון,
און פון שטאָט צו דאָרף אין ברענענדן קאַיאָר
וואַקסט און שטייגט רעגולירטער טעראָר.

האזינו! הערט, איר שטאָלצער קראַנץ פון ראַסן,
וואָס די ערד האָט מיט שוואונג צום הימל דערהויבן,
ראַסן, וואָס צינדן די דונערס און טראָגן דעם פאַקל פון גלויבן,
ראַסן פון ליכטיקן גייסט און שעפעריש־בלענדענדער גאונות,
ראַסן פון קראַפט, גוטסקייט און לויטערע רעיונות,
ראַסן פון איינגעהאַלטענעם און אומגעצוימטן ווילן,
ראַסן פון בערג, אינזלען, שטעט און פעלדער שטילע,
ראַסן פון קלינגענדן שטאָלץ און געדולדיקן פלייס,
וואָס אַלע האָבן זיי נישט אויפגעהערט זינט יאָר־טויזנטער
צו זיין הערלעך און פאַרשידן אין דער זעלבער צייט
און מיט זייער ברייטן אינסטינקט און פרוכטבאַרן פאַרשטאַנד
דינען דעם באַגער פון דער וועלט און זייער אייגן לאַנד.

צו טויטן אַט דאָס קרעפטיקע און מיפּולע לעבן
איז דאָס שטרעבן פון דיין ווילדן שגעון, אָ, דייטשלאַנד!
דו ווילסט הערשן אַליין און אַז דער שאָטן בלויז,
וואָס דער טונקעלער פליגל פון דיין אָדלער שפּרייט אויס,
זאָל פאַרפינצטערן דעם בלאַסק פון ראַסן־געווימל
און די פעלקער, וואָס געוועלטיקן אונטערן הימל.

אין דיין מאַרך איז דעגענערירט די הערלעכע קראַפט,
דיין עגאָאיזם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פאַרברעכן;
גאוה און חוצפה איז דיין אַלטע אייגנשאַפט
און ביז אין דער ווייסנשאַפט ביזטו אינגאַנצן פאַרפלעקט
מיט רויב און מאָרד אָן אַן עק!

און כאַטש מיט פרילינג ווערט שוין אָנגעזאַפּט די לופט
און ס׳דאַכט זיך אפילו, אַז דער אוראַן־פּלאַנעט
האָט פאַרנאַכט אויפן האָריזאָנט זיך צעגליט, —
ריזיקער און קלאָרער הימל, בלייב פאַרהילט!
נישטאָ נאָך קיין סימן פון האַרמאָנישן שלום,
ווייל אין די בערגיקע הויכן, דאָרטן ווייט,
וואו ס׳נעסטעט די גרויזאַמקייט,
האָסט אונז און דראָט מיט איר בלוטיקער האַנט
די באַשאַפערין פון בין־השמשות —
דייטשלאַנד!

עמיל ווערהאַרן

פון בוך: „ממעמקים — פון די טיפענישן"

עס האָט מיין טאַטע געהאַט נאָר איין געבעט:
גיב מיר, גאָט, שטענדיק עפּעס צו טאָן
און איך וועל עס טאָן מיט גאָט אין האַרצן.
שטיינדעלע מיט שטויבעלע פרום צוזאַמענגעלייגט.
צעטראָטן האָט עס דער פיינט מיט גראָבן פוס,
צעפונקט אין פייערן אין די ברייטע רוימען.

איך געדענק דאָס געזאַנג פון אידישע קוזניעס,
דעם סמאָליקן ריח פון אידישע סטרוזשקעס,
דעם שימער און פינקל פון אידישע נאָדלען,
און אידישן וואָנדל געדענק איך,
אומרואיק און פרוכטבאַר ווי טייכן.
וואו איז אַהין די פראַצע פון דורות,
די פרוכט פון אַן ערד מיט דער נאָז געאַקערט?
אויף שווערדן פאַר גאָפּלען האָט עס דער שונא פאַרשטאָכן
און אין תאוה׳קן גזלנישן שלונג!
ביז געוואָרן איז דאָס דייטשישע הויז אַ פוקסן־הייל,
פול מיט די פעדערן און ביינער פון אונזער פאַרצוקונג.

פון אונזער גאַנצן זייען נישט אַ זאַנג צו שניידן,
פון אונזער גאַנצן בויען בלויז גרויען אַש צו קלייבן.
פאַרצוקט איז אונזער לאָם, לייב, וואָל, און קלוי.
אַ, לערן מיך די תפילה פון דעם פויגל פאַרן שפּאַרבער,
פון דער פליג אין שפּין־געוועב!
מיין געבעט איז אויסגעוועפּט, אונזער טרער בריט ניט מער.

און ווידער איז אונזער הויז צעוואָרפן,
און געוואָרן איז אונזער וואוינונג גרויס,
אונזער וואוינונג, ווי, פון גאָלן רוים!
תהום דער פונדאַמענט, פון רויען ווינט די ברייטע ווענט,
און ניטאָ גאָר אַזאַ סכך פאַר אונזער הימלדיק־צעפּראַלטן דאַך.
און דער רעגן טראָג, טראָג, טראָג,
אַן אַן אויפהער אויף אונזער קאָפּ.

אַ גאָט, שענק מיין צונג דאָס שוואַרצע וואָרט,
לייג מיר אויף די ליפּן דעם שפּרוך מיט פינצטערן באַדייט,
פאַר קלאָג און קללה!
פליק אויס זייער האָרץ ווי אונזערס איז אויסגעפליקט געוואָרן,
פאַרברעך זייערע הענט ווי אונזערע זיינען געוואָרן פאַרבראָכן!
וואָרום זיי האָבן די רשעות ביז צום הימל אויפגעהויבן
און אונזער קאָפּ צו דער ערד געלייגט!

און אפשר איז דאָס ניט דער וועג צו דיר, אַ פאָטער פון רחמנות,
טאָ צעברעך אויף אַ רגע דיין זיגל אויף מיין פנים,
נעם אַראָפּ היינטיקן טאָג דיין נאָמען פון מיין מויל,
איך וויל רשות צו זאָגן:
פאַרן בלוט פון אונזערע זויגלינגען, זויגן זאָלן זייערע נאָר בלוט פון
מאַמעס בריסט!
פאַר אונזער ברויט, עסן זאָלן זיי מיט ציין ווי זאַמד ברויט ווי קיזלשטיין!
פאַר אונזער קלייד, לעבן זאָלן זיי לעבן אין פרעמדע תכריכים!
פאַר אונזער שלאָף, שלאָפן זאָלן זיי אַ טאָג איבער אַ וואָך
און אויפשטיין מידער ווי זיי האָבן זיך געלייגט!

און פאַר צעבערעכן מיין פאָלק, אַ דייטשלאַנד, ליגן זאָלסטו, ליגן וועסטו
ווי אַ צעבראָכענער ראָד וואָס ליגט און פוילט ביים שליאַך!

און ווען דער סוף פון דיין בייז וועט קומען, דעמאָלט, דעמאָלט, אַ דעמאָלט,
אַ דעמאָלט!
מיר וועלן די פויגל אויפוועקן אינמיטן נאַכט צו זינגען מיט אונז שירה...

זינדיק פאָלק! אַ צעגויפגעקנוילטע שלאַנג איז דיין האַרץ,
אַ תליון־שטריק דיין נשמה,
ווי אַזוי וועסטו אַמאָל נאָך ווייזן דיין געזיכט אין פענצטער פון דער וועלט?
מיט וואָס פאַר אַ פנים וועסטו שטיין פנים אל פנים מיט דיין אייגענעם
פנים?
ווי די פעדערן וואַרעמען ניט דעם טויטן פויגל,
אַזוי וועט דיך ניט וואַרעמען אונזער רויב,
לאַנד פון מענטשנשינדער, שינדער פון מענטשנקינדער!
פאַר דיין האַס, פאַר דיינע תליות, פאַר די קברים וואָס דו האָסט אונז
אונז געגראָבן,
— האַסן וועסטו זיך אַליין ווי דער קאַליקע האָסט זיין מום!
אויף דיינעביימער וועלן וואַקסן געהאַנגענע מער ווי פירות,
און פון דיין ערד וועלן שפּראָצן קברים ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן!
ליכטיקער פון טאָג האָסטו געמאַכט די נאַכט מיט אונזערע שרפות,
דערפאַר פאַרשאָלטן זאָל ווערן דיין נשמה אויף אַלע אייביקייטן,
אַרומצושוועבן אין די רוימען,
אַרומצוזוכן און צונויפשאַרן די רויכן און די פונקען
פון אונזערע הייזער, פון אונזערע שולן, פון אונזערע ספרים,
די רויכן און די פונקען און די אַשן פון אונזערע שרפות!

און אויב איך זינדיק מיט מיינע רייד,
האַר פון די וועלטן, שלאָג מיט פלאָג מיין צונג!
און אויב איך בין גערעכט, בענטש מיינע קללות!
וואָרים ניט מיט רייד איז אויסצורייִדן, מיט שופרות איז אויסצושאַלן
אונזער בראָך . . .

חיים ליבערמאַן

צו דייטשלאַנד

און קומען וועט אַ טאָג — ער וועט אינגיכן קומען,
ווען דו וועסט הענגען אויף דיין קרייץ דעם קרומען;
און קיינער וועט נאָך דיר קיין טרויער ניט דערפילן,
און ניט קיין הונט וועט נאָך דיין שאַרצן סוף ניט בילן.

פאַרצאַמט מיט תפיסה־ווענט און שטעכעדיקע דראָטן,
דאָרט וואַקסן קברים, וואו דיין פוס איז ערשט געטראָטן,
און פעטע ווערים נערן זיך און ציען חיות,
וואו דו פאַרגרייטסט זיי שפייז מיט שטענדיקע לויות.

די ערד, וואָס דו האָסט זי געשענדט, געדענקט אודאי,
ווי דו ביזט ווי די וועלף אַרונטער אויף דער סטאַדע;
די ראָבן האָבן צוגעזען, — דעם טויט געטרייע, —
ווי דו האָסט ווילד געיאָגט די וועלט אין גהינומס נייע.

פון מזרח פליען זיי, די שוואַרצע מחנות ראָבן,
וואו די חיילות דיינע ליגן שטום באַגראָבן,
אין די קרבנות פון דיין לוסט דאָס בלוט צו זויגן, —
זיי וועלן קומען איבער דיר ווי גייסטער אָנגעפלויגן;

זיי וועלן אויפשטיין פון די ברידער־קברים, טראָגן
צו דיינע אויערן אויף אייביק זייער קלאָגן,
אין ווינט אין נעכט ווען שפרייטן זייער קלאָג אין ווייטן
און דיך באַשולדיקן ביז אין דעם סוף פון צייטן.

רויט ברענען וועט דער צאָרן־צייכן אויף דיין שטערן.
אויף אייביק, דייטשלאַנד, זאָל דיין שווערד פאַרשאָלטן ווערן!
כ'האָס דיינע ביימער, וואָס זיי נערן זיך מיט תליות,
דיין ערד, וואָס שטילט איר דורשט פאַרזויפט און מיאוס
און בליט מיט בלוט פון מיינע ברידער. דיך נאָר, לערער,
וואָס דו האָסט מיך געלערנט האָסן — האָס איך מערער . . .

מאשא קאלעקא

די תפילה פון אַ ייד אין די היינטיקע טעג

ר׳ לוי יצחק און די אַנדערע גרויסע פֿאַרגעבער,
וואָס זיינען אומגעגאַנגען אין מיין פֿאָלק,
וואָלטן געבעטן ווי איך:

אָ, גאָט פון הייליקן גרימצאָרן!
זיי פוקד אויף די ניט־באַשניטענע אין אשכנז.
קלייד זיך אָן אין די גבורות פון אונזער לעגענדע.
פֿאַרקרענק זיי מיט דער קרענק וואָס מאַכט ראָסט פונם מאַרך אין די ביינער,
זשאַווער די קנאָכן און ברעך די געלענקן,
און מאַך דעם זכר בלוטיקן ווי ס׳איז גאָרניט די טבע פון אַ מאַן.
ווי מ׳וואלגערט בלעך, טו וואלגערן זייערע לייבער,
אַז ס׳זאָל זיי פֿאַרגיין די תואה
צו אונזערע טעכטער און ווייבער.

אָ, שדי פון די מזוזות אויף אונזערע טירן.
די פּנימער פון אונזערע קינדער
זיינען פלעקן שרעקן אין די פענצטער.
דער טאָג איז חוזק,
דער ווינט שפּייט אין אידישע בערד,
די זון איז אַ קליינע געלע לאַטע
צווישן וואָלקנס ווי די שטורם־אַרמייער.

די, וואָס האָבן חלה גענומען און ליכט געבענטשט,
האָט דייטשע גלוסטונג פֿאַרקלעקט,
ווי שטיוול פרישן שניי.
אונזערע בתולות האָט דייטשער שליידער אויף אייביק אָפּגעטעמפּט
דעם הויכן יונגן גאַנג
פון זייערע פיס.
עס קלעפּט צו זיי די הינטישע פּאַרע
פון אַרישע זכרים.

זיי פוקד אויף די זכרים פון אַשכנז, זיי זאָלן מער ניט ברענגען
זייער גלייכן אויף דער וועלט.

איבער האַמבורג און בערלין,
לאָז ניט דורך אַ שוועל.
פאַרגעס דאָס מיעוט גוטס, ווייל ס'איז גרויס דאָס בייז ביי זיי.
זיי גוזר אויף זייערע זכרים
ווי דו האָסט אַמאָל געטאָן צו די מצרי'שע בכורים.

י. ל. טעלער

אַ בריוועלע דער כלה

(פאָלקסליד)

אינדרויסן שיינט די זון אַרויס
און וואַרעם אַ מחיה, און וואַרעם אַ מחיה,
איך שרייב צו דיר אַ בריוועלע, כלה מיין געטרייע.

היטלער האָט די קריג פאַרפירט
און ס'איז אַ גרויסער פייער, און ס'איז אַ גרויסער פייער.
אוי, אָט די מלחמה וועט אים קאָסטן טייער.

טייכן בלוט ווי וואַסער
טוט אָן אויפהער רינען, טוט אָן אויפהער רינען.
אינם גרעסטן פייער האָב איך דיך אין זינען.

דער שונא האָט באַלאַגערט אונז
מיט מאַכינעס־טאַנקעס, מיט מאַכינעס־טאַנקעס,
נאָר ס'וועט דאָך העלפן אים, ווי אַ טויטן באַנקעס.

אַז ס'האָבן זיך אַ נעם געטאָן
אונזערע טאַנקיסטן, אונזערע טאַנקיסטן,
אָך, האָבן מיר אַ פאַרציע געגעבן די פאַשיסטן!

די רויטע קאַוואַלעריע
איז אַריין אינמיטן, איז אַריין אינמיטן,
נו, האָט מען דעם פאַניע דייטש געבראָקט דאָרט און געשניטן.

ווי די קליינע מורעשקעס
זיינען זיי געפאַלן, זיינען זיי געפאַלן,
די קעפּ זיינען געפלויגן פון די גענעראַלן.

אַזוי איז דאָס געשען,
אַזוי האָט זיך פאַרלאָפן, אַזוי האָט זיך פאַרלאָפן.
שרעק זיך ניט, מיין טייערע, מיך האָט ניט געטראָפן.

ווען זשע וועט אַ סוף נעמען
צו דער גרויסער שחיטה, צו דער גרויסער שחיטה,
און ווען וועט היטלער ליגן שוין אין דער שוואַרצער מיטה?

היטלער דער רוצח
פאַרקלערט האָט די מלחמה, פאַרקלערט האָט די מלחמה.
פאַר אונזערע קרבנות נעמען מיר נקמה.

און אַז איך וועל אַ גאַנצער
אַרויס פון דער סכנה, אַרויס פון דער סכנה,
וועל איך ערשט אַהיים קומען, דיר ברענגען אַ מתנה.

פאַרשריבן: ש. קופּערשמיד

מאָנען און צאָלן

איך בלעטער איצט נאָכאַמאָל אַלטע פאַרגעסענע בלעטער
און מיש אויף דעם רום פון מיין פאָלק און זיין פּיין און זיין צאַרן.
איצט וויל איך ניט גאָרנישט פאַרגעסן, איך וועק אין זיכרון
פאַרגאַנגענע צייטן, מיט בלוט און מיט טרערן געזעטיקט.

עס טליען אין שטעט דיינע, דייטשלאַנד, פאַרצייטיקע שפּורן
פון בלוטיקן בלבול, פון שאַנד־לאַטעס, שייטערס, פּאָגראָמען.
ניט אָפּגעווישט האָט זיי די צייט און ניט דראַנג, און ניט שטורעם, —
איצט גליען זיי העל און באַלויכטן דעם וועג צו נקמה.

און זע איך דיין האַקנקרייץ איצט מיט די פינצטערע שלייפן,
און די שלייפן די ליכטיקע העלזער פון מיידלעך פּאַרציעז,
דערמאָן איך די קרייצטרעגער דיינע, און היימען אין שרפות,
און גלויביקע זיידעס, געהאַנגען מיט הינט אויף איין תליה.

און אָטעם דערשטיקטן אין פריש אָנגעשאָטענע קברים
אויף מאַמעס און קינדער אין קערטשער און קיעווער טאָלן,
און קדושים, געשאָכטן אין שפּייער, אין מיינץ און אין וואָרמס, —
איצט וויל איך ניט מוחל זיין גאָרנישט, — כ'וויל מאָנען און צאָלן.

די זין דיינע, דייטשלאַנד, מיט מעסערס פּאַרקלעמט אין די ציינער,
זיי האָבן פּאַרפּייניקט מיין ברודער, און דיר אַ מתנה
געשיקט דיינע אָרעמע קליידער, ביי זיי וועל איך מאָנען
פּאַר איצט און פּאַר פריער, און דו וועסט מיט בלוט זיי באַוויינען.

אויף זיי און אויף זיך וועסטו וויינען אין טאָג פון נקמה —
זיי האָבן מיין זיידן געפּייניקט אין נאָמען פון קריסטוס,
איצט שענדן זיי קינדער, און שעכטן, און היימען פּאַרוויסטן
אין דיין נאָמען, גזלן, — געשענדט איז אויף אייביק דיין נאָמען.

ניט אָפּוואַשן וועסטו מיט טרערן פון דייטשישע מאַמעס,
מיט בלוט פון די זין די דיינע, דייטשלאַנד, דיין שאַנד און די קללה
פון פעלקער און דורות, און וועסט ניט פּאַרלעשן די פלאַמען
פון הייליקן צאָרן אין טאָג פון דערמאָנען און צאָלן.

ל. רעזניק

זיין מוט איז העכער פון די שטערן

ס'וועט מער ווי ביזן צענטן דור
זיך רייסן מיטן לעצטן אָטעם, —
אַז ס'זאָל די זון ניט לויכטן דאָרט,
וואו איר וועט ווען עס איז אַ טראָט טאָן!

פון אָפּפאַל — פּעטקייט ווערט געבראַכט,
פון מיסט — באַגיטיקט זיך דער באָדן;
דער ערד צעעפענען איר טראַכט
פאַר אייער לייב זאָל זיין פאַרבאָטן!

אויף בערגלעך אַש — דער אומגליק וואַכט,
און שטערן אין דער הויך — צעשאָטן;
ניט אָפּשטיין זאָל פון אייך די נאַכט,
ניט פאַלן זאָל פון אייך קיין שאָטן!

פאַר מאָרד פון קינדער — גרויס און קליין,
פאַר מאָרד פון מאַמעס און פון זקנים
זאָל רינשטאָק זיין די לעצטע היים
און אייער גייסט זאָל ער באַקרוינען!

צום באַרג זיך רייסט איעדער טאָל,
און לידער זיך הערן;
— עס לעבט דאָס לאַנד, עס לעבט דאָס פאָלק,
זיין מוט איז העכער פון די שטערן!

פרץ מארקיש

מוסאָליני אין רוים

ס׳קלינגען גלעקער אין רוים.
דאָס קומט ניט סאַנקט פראַנציסקוס
אַ פאַרשטעלטער אַהיים.

עס רייט אַ פרעכער מאַן
אויף אַ שוואַרץ־ברוין פערד.
ס׳איז קליין פאַר אים רוים, ס׳איז קליין דער באַלקאָן,
און קליין די גאַנצע ערד.

ס'פאַרן קאַרדינאַלן,
דער קעניג אין געשפּאַן.
אויף אַ שוואַרץ־ברוין פערד
און אַ שלאַנג און אַ מאַן.

גאַסן מיט פאַנען און בלומען,
און מיט גלחים שוואַרץ.
שמוציק וועט ווערן די קויל,
וואָס וועט אים טרעפן אין האַרץ.

אבא שטאָלצבערג

אַ געוויינלעכע נאַכט

אַ געוויינלעכע נאַכט מיט שטערן, לבנה
און זיידענע ווינטלעך, אַ נאַכט אין מאַי.
די לופט שמעקט מיט בליט און מיט צוויט און סכנה —
יאָר: טאַנקען, קאַנאָנען און בליי.

געדאַנקען דערמאָנען: ים־מורמלעריי,
רייזעס אויף שיפן, אויף באַנען, מיט פערד . . .
נישטאָ נאָך אַ וואָרט אַזוי אמתדיק־טריי,
ווי פריי — פרייע וועלטן און ערד.

אַ געוויינלעכע נאַכט מיט ראַדיאָ־באַריכטן
פון בלוטיקע וואוטיקע שלאַכטן אין דער ווייט און דער נאָנט;
אונזער לעבן אין קאָן! דער זייגער איז — צייט צו פאַרניכטן
דעם שונא אויף יעטווידן פראָנט!

וואָלף יונין

פון דער היסטאָרישער דראַמע
„ריטשאַרד דער דריטער", אַקט 5

ריטשמאָנד (צו זיין אַרמיי):

. . . גאָט און גערעכטיקייט קעמפן פאַר אונז;
תפילות פון הייליקע, באַ'עולה'טע נשמות,
זיי שטייען און באַשיצן אונז פון פאָרנט,
ווי הויכע פעסטוועגן. און די, וואָס שטרייטן
אַנטקעגן אונז, ווער זיינען זיי? חוץ ריטשאַרדן,
זיי ווינטשן בעסער אונז אַ זיג, ווי אים,
דעם פירער זייערן. ווייל וואָס איז ער?
אַ בלוטיקער טיראַן, אַ מענטשן־מערדער,
אין בלוט דערהויבן זיך, אין בלוט באַפעסטיקט,
וואָס האָט פון מענטשן אַרום אים געמאַכט
בלויז מיטלען פאַר זיין ציל און האָט דערנאָך
זיי אומגעבראַכט, די העלפער צו זיין ציל.
אַ שטיין געמיינער, וואָס קוקט אויס ווי איידל,
ווייל איינגעפאַסט אין ענגלאַנד'ס טראָן מיט פאַלשקייט.
ער איז גאָט'ס שונא, איז ער אייער פיינט,
וועט גאָט אין זיין גערעכטיגקייט אייך שיצן,
די קעמפער זיינע. און פאַרגיסט איר שוייס,
אַראָפּצוּוואַרפן איצטער דעם טיראַן, —
וועט אייער שלאָף זיין פרידלעך, וויסנדיק,
אַז ער איז טויט. באַקעמפט איר איצט דעם פיינט
פון אייער פאָטערלאַנד, וועט אייך דערפאַר

דאָס פאָטערלאַנד באַצאָלן מיט זיין פעטס.
באַשיצט איר היינט די פרויען אייערע,
וועט פרויען־גרוס באַגעגענען די זיגער.
באַפרייט איר קינדער אייערע פון שווערד,
קינדס־קינדער וועלן טרייסטן אייער עלטער . . .

קעניג ריטשאַרד (צו זיינע קריגסלייט):

. . . גייט, אַדל־לייט, צעשטעלט זיך אויף די ערטער,
און זאָל ניט שרעקן אונז חלומות־פלוידער.
געוויסן איז אַ וואָרט נאָר פאַר פחדנים,
אַ יאָך אויף מעכטיקע אַרויפגעזעצט.
ביי אונז איז מאַכט — געוויסן, שווערד — געזעץ.
קומט, לאָמיר מוטיק גיין פאָרויס צוזאַמען, —
אויב ניט אין הימל, איז אין גיהנום־פלאַמען!

וויליאַם שעקספיר

די באַלאַדע פון די אידישע קראַנקע קינדער וואָס די דייטשן האָבן דערמאָרדעט

אויף דער סאַנאַטאָריע קריכן שוואַרצע כמאַרעס,
קריכן שוואַרצע כמאַרעס — אימה'דיגע מראות.

אין דער סאַנאַטאָריע — קראַנקע קינדער ליגן
אויף די ווייסע בעטן, אין די קליינע וויגן.

אידישער, פון זיידע'ס, שרעק אין בלוט געזויגן
לויכט פון בלייכע קינדער, פון די קראַנקע אויגן.

נייך, ניט שוואַרצע כמאַרעס — דייטשן מיט די שפּיזן
אין דער סאַנאַטאָריע האָבן זיך באַוויזן.

דייטשן מיט שפּיזן — שינדער־אונטערצינדער —
זיינען אָנגעקומען מאָרדן קראַנקע קינדער!

מאָרדן קראַנקע קינדער, אידיש לעבן טרעטן,
זויפן בלוט פון קינדער אויף די קראַנקע בעטן.

האָבן זיי געשטאָכן, און אין ווילד נצחון
אַלע קראַנקע קינדער — אַלע אויסגעשטאָכן.

איז דאָס בלוט גערונען, איז דאָס בלוט געפלאָסן
פון די טויטע קינדער און זיך באַלד צעגאָסן

אין צוויי גלייכע שטראָמען ביז די אַלטע פלויטן:
אין אַ שטראָם אַ ווייסן און אַ שטראָם אַ רויטן.

אין אַ שטראָם אַ ווייסן — פון דעם צער פון קינדער;
אין אַ שטראָם אַ רויטן — פון נקמה בלינדער.

שטייען ביידע שטראָמען דריי און דרייסיק זונען,
ביז זיי זיינען ביידע, ביידע אויסגערונען.

נאָר פון ביידע שטראָמען זיינען אויפגעגאַנגען
גאָלדענע צוויי שטענגלעך, הויכע ווי די זאַנגען.

וואַקסט אַ ווייסע טייבל פון דעם ערשטן שטענגל,
און פון צווייטן שטענגל וואַקסט אַ רויטע שלענגל.

האָט די ווייסע טייבל אויסגעשפּרייט די פליגל,
פליט מיט שוואַרצע בשורות איבער טאָל און היגל,

צער פון טויטע קינדער אידן אָנצוזאָגן,
אידן זאָלן ווייסן ווי זיי צו באַקלאָגן.

און די רויטע שלענגל — קריכט דורך ווייסטע ראַוועס,
קריכט דורך ווייסטע חורבות מיט איר סם־המות, —

טראָגט זי די נקמה פאַר די טויטע קינדער
צו דעם לאַנד פון דייטשן — מערדער־אונטערצינדער.

מאני לייב

אין אונזער דור

אין אונזער דור איז אויסגעוואַקסן האַס,
ווי ווילדער גראָז אין גערטנער צווישן פלאַנצן;
אין אונזערע שטעט צוקריגט איז גאַס מיט גאַס.

אַמאָל האָט מען געשלאָסן בונדן; אַמאָל, אין ווייסע טעג,
היינט זיינען אויגן — הונגעריקע וועלף, געמיטער — הינט,
און יעדנס האַרץ מיט טויט איז אָנגעשטעקט.

עס איז דער כעס אין אונז געוואַקסן, ווי בוריאַן
(אַז אונז אַליין האָט מען אין שרעק באַשאַפן);
מיט אונזער דור האָט מען באַמיסטיקט לאַנד.

און אַז געזייט האָט מען אין שניט, אין סאַמע קריג,
זיינען די זאָמען געווען מיט דינאַמיט.
אונזער דור האָט מען אין אייזן־וויגעלעך געוויגט.

אין אונזער דור איז אויסגעוואקסן האַס.
און דורך מעת־לעתן בליען ביקס און שווערד
אויף אונזער בלוטיק־קיילעכדיקער ערד.

וואָלף יונין

פון דער פּאָעמע „פּרונזאַ ווערדע״

פּרונזאַ ווערדע — גרין דאָס בלעטל,
חרוב שוין דאָס גאַנצע שטעטל.

נאָר דער וואָלעך וואָלעכט ווייטער
און צינדט אָן אַ נייעם שייטער.

זאָווערוכעט ער, און פלאַמען
שטורעמען מיט אים צוזאַמען.

שטורעמט ער אויף אַלע דעכער
און הייבט אויף די האַק אַלץ העכער.

וויל דעם הימל גאָר דערגרייכן
איינצושפּאַלטן דאָרט זיין צייכן.

לאָזט די שווערע באַרדע פאַלן
איבער אידישע קוואַרטאַלן.

פון פלאָיעשט ביז סאַטומאַרע
ווערט אַלץ פינצטערער די כמאַרע.

אין גאַלאַץ און טימישאַראַ
טאַנצן מאָרד און רויב אַ האָראַ.

וואַלעכעס און מאָלדאַוואַנעס
אין די בלוטבאַפלעקטע סטאַנעס,

ווער אַ האַק און ווער אַ מעסער,
אויגן ווילדע ווערן גרעסער,

זייגען אַלץ נאָך ניט צופרידן
מיט אַזויפיל בלוט פון אידן.

פרונזאַ ווערדע — גרין דאָס בלעטל,
אָבער חרוב אונזער שטעטל.

מ. פריד־ווייננגער

אַ שדים־טאַנץ

האָט דער בויך און דאָס מויל און די פויסט
געשלאָסן אַ בונד,
און געוועזן איז די שבועה ביי זיי:
„זאָל לעבן די שטונד!"

און געווען איז די פאַן פון די דריי:
דער אַפּגרונט איז האָר!
און דאָס מויל האָט געעפנט זיך ברייט:
איך גאָר און איך גאָר . . .

און דער קאָפּ האָט געוועלצט זיך אין שטויב
און האָט זיי באַגריסט,
און קנעכטיש געזונגען אַ לויב
דעם דריילינג פון מיסט . . .

און דער קאָפּ האָט געזאָגט צו די דריי:
כ'וועל דינען צו אייך . . .
און געענטפערט אים האָבן די דריי:
ביזט ניט אונזער גלייך . . .

און דאָס מויל האָט דעם בויך און דער פויסט
געזונגען אַ ליד,
און דער צושפּיל פון ליד איז געווען:
אַפּעטיט, אַפּעטיט . . .

און די פויסט האָט געגעבן דעם בויך
אַ בעכער מיט בלוט,
און דער בויך איז געקראָכן אויף דר'ערד:
עס איז גוט, עס איז גוט . . .

י ה ו א ש

אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט
(ישעיה, ב, 10-15)

הערט דאָס וואָרט פון יהוה,
איר פירער פון סדום;
פאַרנעמט די לער פון אונזער גאָט,
איר פאָלק פון עמורה.
צו וואָס אייערע פיל שלאַכטאָפּפער?

זאָגט גאָט . . .
ניט ברענגט מיר קרבנות אומזיסט,
אַן אומווירדיגע דעמפונג איז דאָס מיר . . .
. . . אַז איר שפּרייט אויס אייערע הענט,
וועל איך פאַרהוילן מיינע אויגן פון אייך;
און פיל איר זאָלט ניט תפילה טאָן,
הער איך ניט צו;
אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט.

יהואש

פון דער פּאָעמע „פינצטערניש"

. . . און קריג, וואָס איז אַ וויַיל פאַרשטילט געוואָרן,
האָט ווידער זיך צעברענט. מ'האָט יעדן ביסן
מיט בלוט געקויפט, געזעטיקט זיך אין חושך
באַזונדער. ניט געווען איז מער קיין ליבע.
די ערד האָט איין געדאַנק פאַרנומען — טויט,
גיכער און שענדלעכער. און הונגער האָט
פאַרצערט די איינגעווייד. געביין און לייב
פון מענטשן האָט מען ניט געבראַכט צו קבורה.
ס'האָט איין סקעלעט אַ צווייטן אויפגעפרעסן.
געריסן האָבן הינט אפילו זייערע האַרן.
נאָר איינער איז געבליבן טריי אַ טויטן האַר,
האָט חיות, פויגל, מענטשן אָפּגעטריבן,
ביז טויט פון הונגער זיינען זיי געפאַלן.
אַליין האָט ער קיין נאָרונג ניט געזוכט
און נאָר מיט אַן אומאויפהערלעכן קרעכצן
די האַנט געלעקט, וואָס האָט אים ניט געגלעט מער, —
ביז ער אַליין איז אויסגעגאַנגען . . .

לאָרד באַיראָן

פייערדיקע שניטער

אידישע יונגעלייט זיינען זיך מוסר נפש, דורכפירנדיק דעם באַפעל פון דער סאָוועטנמאַכט צו פאַרברענען אַלע פעלדער ביים צוריקטריט פאַר היטלער׳ס אַרמיי; צינדנדיק די פעלדער ווערן אייניקע פון זיי אַליין פאַרברענט אין די פייערן.

—פון די צייטונגען

די פעלדער זיינען ריף, די זאַנגען זיינען צייטיק,
די שניטער דאַרפן קומען. אָט זיינען זיי שוין דאָ.
די שניטער שלייכן זיך פאַרביי די וועלדער זייטיק
מיט וואַגנדיקער שליחות אין באַגינען שעה.

די שניטער זיינען יונגע, בראַווע רויטאַרמייער,
זיי קומען צו די פעלדער מיט פייער אויפן שווערד;
אַליין געוועזן די אַקערער, אַליין געוועזן די זייער —
איצט פירן זיי די שליחות דורך פון ברענענדיקער ערד.

דער נאַצי זאָל ניט וואַגן עסן אונזער קאָרן,
דער נאַצי זאָל ניט קאָנען שלינגען אונזער ווייץ! —
איין שניטער צינדט זיך אָן ווי אין מדבר משה׳ס דאָרן,
דער צווייטער איבער אים ווי אַ צעשפּרייטער קרייץ.

און זע — דער דריטער פלאַקערט ווי אַ שייטערהויפן.
די זאַנגען לעקן אים אַ העלישן אַזאַ, —
אַ רויטער שטערן וויגט זיך צווישן זיינע שלייפן,
און זיינע ליפּן זיך פאַרגייען אין עקסטאַז פון שמע.

אַזוינע מאָדנע רויטאַרמייער — פייערדיקע שניטער,
זיי זיינען אין פאַרטאָג מגלה זייער סוד —
אַן ערשטער און אַ צווייטער און, צום סוף, דער דריטער:
אין פלאַם פון שמע ישראל ביז — אחד.

ה. לייוויק

געדענק פוירל האַרבאָר

געדענק פוירל האַרבאָר,
דעם טאָג אין דעצעמבער
פון שאַנד און פון פיין,
ווען ס׳האָט, ווי אַ שפּאַרבער,
פון זוניקן עמבער
באַוויזן זיך פיינט.

ווען ס׳האָבן די קוימענס
פון שטאָלצע אָקרענטן
געשפּיגן מיט רויך,
גערעוועט אין רוימען:
— „מיר זינקען, געשענדטע,
אין ים׳ישן בויך!”

מיר וועלן געדענקען
דעם טאָג פון נבלה,
דעם ווינטער־בייטאָג.
מיר וועלן ניט שענקען,
מיר וועלן באַצאָלן
מיט מאָס און מיט וואָג.

מיר שווערן, מיר שווערן
צו צאָלן דעם שונא
פאַר שענדלעכער טאָט:

פֿאַר יעדן צעשטערער,
פֿאַר איטלעכער בוינע,
פֿאַר יעדן סאָלדאַט!

אַ, לאַנד פֿון די פֿרייע,
אַ, היים פֿון די בראַווע,
מיר שווערן מיט וואוט:
דערטרינקען דעם קין
אין אייגענעם גאַווער,
אין אייגענעם בלוט!

מיר וועלן ביים שונא
צעברעכן די קנאָכן,
זיין שטאָליק געניק, —
ביז ליכטיק וועט קרוינען
דער טאָג פֿון נצחון
אַ זוניקן זיג.

ל. פֿיינבערג

דאָס לעצטע אויג

עס גייט די שלאַכט אין העליש פֿייער,
דאָס לעצטע זעלנער־אויג צאַנקט אויס.
טאַנקעס שטעלן זיך אַליין אין רייען,
די שטעפּערס ציגלען בראַנד און ברויז.

דאָס פֿעלד איז טויט. טויט וואַלד און נאַכט.
די לבנה וואַרפֿט אויף אַלץ אַן אויג.
סומנע שטערן האַלטן אַף די לעצטע וואַך,
אויף דעם זעלנער — שניי אַ סטויג.

ווער רימען קאָן זיך דאָ מיט גבורה?
ווער קענען וועט דערציילן אַלץ?

דעם זעלנער ברענגט דער ווינט צו קבורה,
דעקט אים צו מיט אַ ווינטער־פעלץ.

פראָסט, נאַכט, מיט פייער שפּייט דער באַרג,
דער ווינט פאַרמעסט זיך מיט דינאַמיט.
איצט ווער קלאָגט, אַז טויט איז קאַרג?
ניט זינגט ער דאָ זיין מאַיאָרע ליד?

די טאַנקעס גייען מושטירט פאַרביי,
נאַכט פירט די ביקסן — פאַרויס, צוריק.
דער זעלנער גליווערט אויף דער פריי.
מיט אַ רויטן שטערן אין זיין בליק.

י. א. ווייסמאַן

מאַרש־ליד פון סאָוועטישער גוואַרדיע

אין כמאַרעס איז הײמלאַנד פאַרהוילן,
עס פלאַקערט דער הימל אין ווייט.
און דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילן:
חברים, היינט גייט מען אין שטרייט.

קוקט נאַכאַמאָל דורך די כלי־זין,
דעם בליי און די הערצער מאַכט גרייט.
איז גרייט אויך דאָס האַרץ דאָס געטרייע,
ווי די הענט, פאַרן שטרייט ביזן טויט?

שטום שטייען די קעמפער געטרייע
ביי די רייד פון דעם קאָמאַנדיר.
די הערצער נאָר קלאַפּן און שרייען:
גרייט, גרייט ביז צום טויט זיינען מיר!

מיר, רוסישע בראַווע סאָלדאַטן,
מיר. ערלעכע רוסישע לייט,
מיר שווערן: דער דייטש וועט ניט טרעטן
אויף אונזער היים־ערד פאַרשייט.

פאַרקלעמט ווערן ברעמען אומהיימלעך,
דער הייליקער צאָרן איז גרויס.
פאַר די ליבע בעריאָזעס פון היים־ערד
צו שטרייטן זיי פליען פאַראויס.

אין שטאָלענע רייען קאָלאָנעס —
רויטשטערנדיקע לאַווע פליט אום.
פון זיידענע גוואַרדיע־פאַנעס
צעווייען נאָר ווינטן דעם רום.

יאָסיף אוטקין

אַ פאָרגעפיל פון פרילינג

קענטיק, אַזוי אונזער וועג וועט פאַרפליסן —
לעבן פון קריג צו קריג נאָכאַנאַנד.
פלושקעט אַ טייכל אַ קליינס ביי די פיס מיר,
שוועלבעלעך בויען אַ נעסט אויף אַ וואַנט.

סאָסנעס מיט מיטנטאָג גאָלד אויף די קרוינען,
קלאַנגיקע זון אָן אַ ברעג, אָן אַ סוף.
הינטערן דאָרף אָבער הילכן קאַנאָנען,
שרייען און הערן ניט אויף.

ווער וועט זיי איצט דען צו שרייען פאַרווערן?
אַרט זיי דער פריידיקער ווייי פון זאַנג?
גרעזלעך, וואָס זיינען מיט פרילינג מעוברת,
הערן זיי ניט אין דעם אייזן־געקלאַנג.

מעג אונזער גורל מיט שטילקייט אונז שיידן,
ווילד ווערן ווילן מיר ניט ווי קנעכט.
אָט צוליב בליאונג און צוליב פריידן
אייזן זאָל שרייען איצט טעג און נעכט.

מעג אונזער צייט זיין נאָך גרויזאַמער, ווילדער,
וועלן ניט וואַקלען אונזערע טריט.
פון דעם געשריי פון אייזן פאַר קינדער,
שמעלצט זיך פון ליכטיקער ליבע דאָס ליד.

אלעקסעי סורקאָוו

רוסישע פּאַרטיזאַנען

שוואַרצע פּנימער עלטער געוואָרן,
און עס נעמט ניט אין שייער קיין שלאָף.
ביז פאַרטאָג שרייט פעלדמאַרשאַל סואוואָראָוו
ווי אַ האָן אין פאַרשלאָפענעם דאָרף.

און ס'צעוואַקסט זיך דער רוף דער געגאַרטער,
איבער הימלבלוי שפּרייט ער זיך אויס:
קומט אַרויס, פּאַרטיזאַנען, וואָס וואַרט איר,
קומט אין טונקעלע וועלדער אַרויס.

וועט זיין נאָרע דער בער אייך פאַרגרייטן,
אייך אַ רו־אָרט אין שנייען פאַרהילט;
וועט דער פינצטערער ראָב אייך באַגלייטן
און אייך פירן אין וואַלדיקער ווילד.

און דעם פריילעכן רוף, ווי די טויען,
זשעדנע זאַפּט איין די ערד נאָכאַנאַנד:

קומט אַרויס אין די פּעלדער די גרויע,
פּאַרטיזאַנען, דאָס רופט אייער לאַנד.

עפּעס לויכט . . . ס׳איז אַ שליטן אַ טיפער,
שטערן שיטערע, אָונט, זאַווי . . .
ס׳פירט די שונאים סוסאַנין מאַסיווער,
פירט זיי לאַנג, אין אַ זומפּ פירט ער זיי.

פאַר דער חרוב׳ער ערד דער פּאַריאַכטער
פליט דאַווידאָוו מיט טשוב אויף אַ זייט,
רייט אַ שרעקלעכער און אַ צעקאָכטער,
רופט צו שטרייטן די דאָרפישע לייט.

אין אַ שרפה פון בלוט־רויטע טיכער,
דורך אַ נאַכט פון חלומות און פּיין
שלייכט זיך דאַריאַ, אַ שוואַרצער פלאַם, גיכער
פאַר די קינדער זיך נוקם צו זיין.

בילן הינט, וואָיען וועלף אין די וועלדער,
פאַלן קוילן פון דעכער און ווענט,
און עס וואַרפן זיך ווילד בלינדע קעלבער
אין די שטאַלן, וואָס ווערן פאַרברענט.

מאַנען, שנורן, און קינדער, און אַלטע
אומגעבראַכט אין דער שחיטה, אין בראַנד.
הויך צום הימל נקמה־ביקס האַלטן
האַרטע פינגער פון פויערשער האַנט.

און ס׳צעבליצט זיך דער צאָרן געגאַרטער,
ווי אַ פאָן, ווי אַ ווילדער פאַרזאָג:
קומט צום שטרייט, פּאַרטיזאַנען, וואָס וואַרט איר,
לייגט אין גראָבנס זיך אויס ביז פאַרטאָג.

סאָפיע פרעגעל

זונפאַרגאַנג אויפן שלאַכטפעלד

אויפן בלויען הימל האָט אַ רויטע שקיעה זיך צעגאָסן,
הענגט אַ רויטער הימל איבער שלאַכט־צעפלאַמטן פראָנט —
ווי ס'וואָלט אַ קויל פון קאַנאָן די זון אַדורכגעשאָסן
און עס בלוטיקט מיט דער וואונד אַזוי דער גאַנצער האָריזאָנט.

צי אפשר האָט דאָס שלאַכטפעלד ווי אַ טייך
זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם הימל'ס בלוי געזיכט,
און אָנשטאָט צו ווערן ווי די טויטע זעלנער בלייך —
האָט דער הימל אין אַ לוזשע בלוט זיך איינגעריכט?

ניין! דאָס האָבן רויט־אַרמייער אין די ערב־טויט סעקונדן
מיטן לעצטן אָטעם־צי, וואָס איז געבליבן,
מיטן הייסן בלוט פון טריפנדיקע וואונדן
אויפן הימל אַ צוואה אָנגעשריבן:

שריי־אויס, אָ הימל, מיט די העלסטע פאַרבן!
רוף אויס, אָ הימל, מיט דיין הייליקסטן קאָליר:
— זיי וויסן, וועלט! זיי ויסן, אַז מיר שטאַרבן,
ניט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דיר, פאַר דיר, פאַר דיר!

מ. א. סול

פאַרטיזאַנער ליד

אין די זון־טעג, אין די שניי־טעג
רופט מיך מיין פאַרשוועכטע ערד,
אין מיין בלוט גייט אויף איר וויטעק, —
ברענט איר צאָרן אויף מיין שווערד . . .
פליט מיין לעבן אין געשלעגן,
צו די פרעסט בין איך געוואוינט.

פון דער זון ווער איך פֿאַרברוינט,
היימיש זיינען אַלע וועגן!
אינם וואַלד און אינם טאָל
פּאַרטיזאַנער אַן אַ צאָל.

ווינטער — שנייען. ווייסער וואַלד,
ס'איז אין רוסלאַנד זייער קאַלט,
ציטערן די וועלף די ברוינע.
ווילדער וואַלד און טיפֿער שניי, —
איז דעם שונא אַך און וויי!
ס'פּליען קוילן אינם שונא,
ווערט אים וואַרעם אויפֿן שניי!
זומער — גראָזן. גרינער וואַלד.
זומער איז ביי אונז ניט קאַלט.
וואָס זשע פּאַלט אין וואַלד דער שונא
מיט אַ סווישטש און מיט אַ גוואַלד?
און אין הייסע טעג אַזוינע
איז אים ווידער זייער קאַלט . . .
ס'פּליען קוילן אינם שונא
פונם וואַלד און פונם טאָל . . .
פּאַרטיזאַנער אַן אַ צאָל!

אין די זון־טעג, אין די שניי־טעג
שלאָפט ניט, רוט ניט אונזער שווערד, —
און מיר צאָלן פֿאַרן ווייטאָק,
פֿאַרן בלוט, וואָס שרייט פון דר'ערד!
פֿאַר די אָפּגעברענטע פּלויטן,
פֿאַר די קינדער אויפֿן מיסט,
פֿאַר די הונדערט טויזנט טויטן,
וואָס עס טראָגט אונז דער פֿאַשיסט . . .

מאדרעס קרעל

גראַז

נעמט צונויף די גופים הויך אין אויסטערליץ און וואטערלאָ,
פאַרשאַרט זיי אונטן טיף און לאָזט מיר אַרבעטן —
איך בין גראָז; איך דעק צו אַלץ.

נעמט זיי צונויף גאַר הויך אין געטיסבורג,
נעמט זיי צונויף גאַר הויך אין איפּר און ווערדען,
פאַרשאַרט זיי אונטן טיף און לאָזט מיר אַרבעטן.
צוויי יאָר, צען יאָר, און פרעמדע וועלן פרעגן דעם פירער:
וואָסער אָרט איז דאָ?
וואו זיינען מיר איצטער?
איך בין גראָז.
לאָזט מיר אַרבעטן.

צו דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש

איבער גאַנץ אַמעריקע דונערט אייער זיבעטע סימפאָניע, מיליאָנען הערן
אייער מוזיק, — די מוזיק פון רוסלאַנד אין בלוט און פּיין.
איר האָט זי געשריבן אין לענינגראַד פאַריקן זומער, און אין מאָסקווע,
ווען בלעטער זיינען געפאַלן און שניי איז געגאַנגען.
אַמאָל אין פּייערלעשער־קאַסקע, האָט איר געוויילט אויפן דאַך, אָדער
אין גאַס, אויסצולעשן די צינד־באָמבעס פון די פאַשיסטן, און
דערנאָך געגאַנגען אַהיים צו אייערע נאָטן.
אויפן שלאַכט־פראָנט אַרום מאָסקווע ברעכט די רויטע אַרמיי די גרעסטע
מיליטער־מאַשין פון אינוואַזיע.
באָמבאַרדירער טויכן, ווי שטאָלענע קאַרשונעס, וואָיען פאַרצווייפלט
איין וואָרט — טויט, טויט, טויט.
עס שיט זיך אַ שטאָלענער האָגל אַרויף אין הימל גיכער, איידער דער
שטורעם לאָזט אַרונטער שניי און רעגן.
טאַנקען פליען, רעווענדיק ווי העלפאַנטן, ווי לויתנ׳ס פון דער טריקעניש,
אַרויסוואַרפנדיק סם פון טויטלעכער בלייענער סלינע.
קעגן אָט די מאָנסטערס בויט די רויטע אַרמיי פאַסטקעס, שיקט אירע
טאַנקען, האַרמאַטן, אַנטי־טאַנק געווער, צו קאָסען די פאַשיסטן
און קאַרמענען זיי מיט טויט.

די גאַנצע וועלט קוקט צו מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, און דער אַמעריקאַנער
גענעראַל דאַגלאַס מעקאַרטור דריקט אויס סטאַלינ׳ען זיין אַנטצי־
קונג: „פּרעכטיק! נאָך אַזוינס ניט געזען געוואָרן!"

און מיר הערן וועגן איך, דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, מיר דערוויסן זיך,
אַז איר זייט אין אָט די טעג געזעסן איבער אייערע נאָטן, מאַכנדיק
פון געשיכטע מוזיק.

דאָס גאַנצע פאָלק, אייער פאָלק, וועמען די פאַשיסטישע אַנפירער
רופן „ווילדע באַרבאַרן אָן ליכט פון אויפקלערונג", — אָט דאָס
פאָלק רעדט דאָך אין אייער מוזיק.

און מיר הערן, ווי דאָס פאָלק, וואָס האָט אין טויט־געפאַר פאַרטיידיקט
די הויפּטשטאָט, זאָגט אָן דער גאַנצער וועלט, אַז זיינער אַ קאָמ־
פּאָזיטאָר האָט געשאַפן אַ סימפאָניע, ווען באָמבעס האָבן אויפ־
געריסן.

אין בערלין זיינען ניטאָ קיין נייע סימפאָניעס; אין פּאַריז, בריסל,
אַמסטערדאַם, קאָפּענהאַגען, אָסלאָ, פּראַג, וואַרשע, אומעטום, וואו
די פאַשיסטן קערן אויס געזעצן מיט אַ בלוטיקן בעזים, זיינען
ניטאָ קיין נייע סימפאָניעס.

אָבער אין מאָסקווע האָט איר, דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, צו 36 יאָר,
האָבנדיק אָנגעשריבן זעקס סימפאָניעס, געגעבן איצט אַ זיבעטע.

די פרילינג־זון פון 1942 צעשמעלצט דעם לעצטן שניי און אייז אויף
די פעלדער, און די גרויסע שלאַכט אין רוסלאַנד צעפלאַקערט
זיך ווידער אין אַ קריג פון שטאָל און בלוט.

עס קומט דער זומער, און איר, דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, זעט, ווי אייער
מוזיק, אייער פּאַרטיטור ווערט צונויפגעדריקט אין אַ מיקראָפילם,
ווי אייער סימפאָניע ווערט פאַר׳חתמ׳עט אין אַ קאָנסערוון־קענדל.

פון מאָסקווע דורך אוראַלטן איראַן און נאָך עלטערן מצרים, פון קאַיראָ
קיין ניו־יאָרק וואַנדערט דאָס קענדל מיט מוזיק.

און דערנאָך? און דערנאָך שפּילט זי איין מאַעסטראָ טאָסקאַניני מיטן
אָרקעסטער פון דער „ען־בי־סי" און מען גיט זי איבער איבער
עטער־כוואַליעס צו מיליאָנען צוהערער.

און ווי קלינגט זי, און ווי פאַרנעמט זי אונזער געהער, איבער אָקעאַנען,
קאַנוואָי־שיפן, סובמאַרינען, הידראָפּלאַנען?

זי איז גאָר ניט ענלעך צו דער מוזיק, וואָס עס הערט אַ דיקער מענטש
אויף אַ פּיקניק, אַ פראַנט אין נאַכט־קאַבאַרעי, — אין איר איז
ניטאָ קיין סימן פון קאָמפּאָרט, פון איבערפלוס, פון באַקוועמלעכ־
קייט.

צוערשט זינגט זי וועגן שוואַרצער ערד, וועגן פלעינען, וועגן פּאַשעס
אַנטבלויזטע פּאָר זוימען, וועגן מענטשן פון מי, וואָס זוכן שניט
און ברויט.

די קלאַנגען פּליסן גלאַט, ווי אַ פרידלעכער עולם, וואָס האָט נאָך צייט
צו פּאַנגען פייער־פויגל פון פערזענלעכן וואוילזיין.

און מיטאַמאָל דונערן פויקן און האַרמאַטן, שרויט־קלעפּ און שאָסן, —
דאָס איז מלחמה, אַן אויספּרואוו אין פייער פון פעלקער און לענדער,
פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די קלאַנגען מאַרשירן אין שלאַכט, שלאָגן זיך, טויטן, שטייען אויף
און שרייען וועגן טויזנטער שרעקלעכע טויטן; ריידן וועגן דעם,
אַז בעסער פאַלן, איידער אָפּגעבן די היים־ערד צו שונאים;
לערנען אונז ווי אַזוי מען דאַרף לעבן.

אייער מוזיק, דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, קלינגט אָפּט, ווי די ראַדיאָ־
גראַמע פון מעקאַרטור׳ן צו סטאַלינ׳עז: „פּרעכטיק, נאָך אַזוינס
ניט געזען געוואָרן!”

אָט אַזוי הערן מיר צו די מוזיק, וואָס איז אין אַ קאָנסערוון־קענדל צו־
געשיקט געוואָרן פון מאָסקווע דורך קאַיראָ קיין מאַנהעטן; מיר
באַגריסן אייך און דאַנקען אייך, דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש.

אייער סימפאָניע זינגט וועגן דעם גרויסן זינגענדיקן פאָלק, וואָס
טראָגט דורך אַלע אומגליקן זיין טייל אין דעם אוצר פון מענטש־
לעכער פרייהייט.

קאַרל סאַנדבורג

די רעפּובליק פון דער וועלט

דער ראַנד פון דעם הימל איז נאָך טונקל,
די זון גייט אויף, נאָר זי איז נאָך אַ פונק נאָר,
דאָך באַלד שפּרייט זי אויס זיך צעהעלט, —
אַ העלע הערלעכע פאָן פאָר אונז אַלע,
אַ פאָן, וואָס שטייגט אויף און וועט קיינמאָל ניט פאַלן,
די רעפּובליק פון דער וועלט!

וויקטאָר הוגאָ

צו ענגלאַנד — סעפּטעמבער 7, 1940

עס טרייסלט ענגלאַנד זיך אין איר יסוד.
דער מאַן פון אורוואַלד האָט די לופט באַצוואונגען
און אין געשפּאַן פון זיינע ווילדע יונגען
געשיקט זיי קעגן ענגלאַנד'ס מאַכט און סוד:
אַנטקעגן שטאָל פון זשעבּרעס — שטאָל פון לונגען.

בּריטאַניע, דו מיין נאָבּל יוגנט־לאַנד,
מיין לערערין פון פרייהייט און פון חשיבות:
ווּעסטו אַ נעם טאָן נעפּטונס באַסע גריוועס
און זיך אַ הייב טאָן איבער שלעכטס און שאַנד
מיט טויזענטער בר־כוכבאס און עקיבאס,

און טרייבּן קריק דעם רוח אין זיין הייל?
ס'איז גורלדיק געשפּאַנט די לעצטע סטרונע
פון ווירדע, פון געוויסן און אמונה.
שפּאַן איין דיין ים, דיין לופט, דיין בראַווקייט וואויל,
באַצווינג דעם וועלט־שד, שטעל אים אויס אין קונע!

פאַראיינס געהערד, וואָס יושר רעדט צו דיר:
באַזון דיין מי, לייז אויס אין אַלע פלעצער,
ברען אויס דעם סם פון אַלע דיינע קרעצער,
שטעל אָפּ דאָס שפּין־געוועב פון קאַלטן גביר —
עס וואַרטן, ס'בענשן דיך מיליאַסן שעצער!

אַ אידיש ליד
(דעניין)

אויגן, צאַפּלדיקע, נייגעריקע אויגן,
אויערן וואָס זויגן יעדן קלאַנג, יעדן שאָרך.
קאָן זיין אַזאַ האַרץ, וואָס נישט פאַרגינט דיר דעם שמייכל?
אַזאַ מאַרך, וואָס וויל נישט בענטשן דיינע פּיסלעך, הענטלעך,
וואו אַזוי קענטליך לויכט גאָט'ס נס,
מעת־לעת נאָך מעת־לעת דורך נאַכטיקן טונקל
צום העלן געפונקל פון הויכן טאָג —
וואונדער פון וואָג און וואוקס און שכל?
קאָן זיין אַזאַ רשעות, וואָס וויל דיין שמייכל פאַרשניידן?

אין די טאָלן, אויף די בערג
שטייען מחנות דייטשן
מיט די לאַנגע בייטשן,
טוען זייער גרויליק ווערק.
בייזע מאַנען זיינען זיי
קיילער, אונטערצינדער,
און זיי טראָגן וואונד און ווי
פאַר די אידן־קינדער.

פּנים'ער שטאָלצע, צעשטראַלטע, באַגליקטע.
הענט פלינקע, געשיקטע צו טאָן דעם נפש'לס ווילן,
צו שפּייזן, פאַרשפּילן, צו כאַפּן אויפן וואונק
איטלעכן פונק פון קינדער־פאַרשטאַנד.
ברכה פון יונגן באַנאַנד, פרייד פון נייע טאַטע־מאַמע.
קאָן ווער וועלן פאַר'סמ'ען, פאַראומערן
דאָס ערשטע זומערן פון פאָטער־מוטערשאַפט?

אין די דערפער, אין די שטעט
הוליען מחנות דייטשן
מיט די לאַנגע בייטשן,

ווילדעוועץ פרי און שפעט.
ביטערע מאַנען זיינען זיי,
רויבער, רוצחים סאַמע,
און זיי טוען וואונד און ווי
אידישע טאַטע מאַמע.

שמייכל, קינד, זאָל פריידן־קערנער
קעגן די דערנער פון אַ צאָרנדיקן דור.
לאַך, קינד, זאָל קערנער ליכט,
זאַמל ליכט.
זאַמל ליכט . . .

וועג נאָך וועג און לאַנד נאָך לאַנד
יאָגן מחנות דייטשן
מיט די לאַנגע בייטשן,
טראָגן שוואַרצן בראַנד.
פינצטערע מאַנען זיינען זיי
איינגעטונקט אין טומאה,
און זיי טוען וואונד און ווי
אונזער אייביקער אומה.

א. לעיעלעס

אַ גוטע נאַכט, וועלט

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט.
גרויסע, שטינקעדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרמאַך דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיקער געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראָט,

אויף מיין אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ.
וויש אָפּ, צעטרעט אַלע געשמדטע שפּורן.
כ'וואַלגער זיך אין דיין מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט אידיש לעבן.
חרם, וועלט, אויף דיינע טריפֿענע קולטורן.
כאָטש אַלץ איז פּאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק אידיש לעבן.

אַ גוטע נאַכט, עלעקטריש צעחוצפּה'טע וועלט.
צוריק צו מיין קעראָסין, חלבנעם שאָטן,
אייביקן אָקטאָבער, דריבנע שטערן,
צו מיינע קרומע גאַסן, הויקערדיקן לאַמטערן,
מיינע שמות, מיין סוואַרבע,
מיינע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיקן עברי־טייטש,
צום דין, צום טיפֿן מיין, צום חוב, צום גערעכט,
וועלט, איך שפּאַן מיט פֿרייד צום שטילן געטאָ־לעכט.

אַ גוטע נאַכט. כ'גיב דיר, וועלט, צושטייער
אַלע מיינע באַפֿרייער.
נעם צו די יעזוסמאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט.
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פֿון אונזער געטויפֿט בלוט.
און איך האָב האָפֿן, אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג־איין טאָג־אויס מיין וואַרטן.
ס'וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונזער בוים דעם פּאַרקוואַרטן.
איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו ד' אמות,

פון וואַגנער'ס געץ־מוזיק צו ניגון, ברומען.
כ'קוש דיך, פאַרקאַלטענט אידיש לעבן.
ס'ווייגט אין מיר די פרייד פון קומען.

יעקב גלאַטשטיין

די פאַרטיידיקונג פון די בריטישע אינזלען

(סעפטעמבער 9, 1940)

זאָלן אַט די דענקמאָלן פון געבויטן שטיין — מוזיק'ס פעסטער אינ־
סטרומענט, וואָס האָט אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער געדולדיק
קולטיווירט די ערד, דעם ענגלישן פערז
פאַראייניקט ווערן מיטן אָנדענק פון אַט דער פאַרטיידיקונג פון די
אינדזלען
און מיטן אָנדענק פון די, וואָס ווערן קאָמאַנדירט אויף די גרויע שיפן—
שלאַכטשיף, האַנדלשיף, פישערשיף — און וואָס גיבן זייער
ביטראַג צו דער דורות־לאַנגער ברוקירונג פון ים־דעק
מיט בריטישן ביין
און פון די, וואָס, אין מענטשנס נייסטער פאָרם פון אַזאַרט־שפּיל
מיט טויט, שלאָגן אָפּ די מאַכט פון פינצטערניש אין לופט און
אין פייער
און פון די ווידער, פאַר וועמען די שטעגן פון רום זיינען די וועגן
און גאַסן פון בריטאַניע —
צו זאָגן צו די פריערדיקע און די קומענדיקע דורות פון אונזערע
בלוט־אייגענע און פון אונזער לשון, אַז מיר האָבן פאַרנומען
די פּאָזיציעס, פאָלגנדיק די אינסטרוקציעס.

ט. ס. עליאָט

פרייטיק, באַ אַ פולער לבנה

„פרייטיק, ביי אַ פולער לבנה,
וועט קומען היטלער!"
—צייטונגס־נייס

נאָר ביי אַ פולער לבנה,
אין אַ באַשטימטן פרייטיק, —
וועט ער זיין הערשאַפט מאָנען,
און בריטאַניע באַשטרייטן.
מיט אַ מויל פון קאַנאָנען,
רונד און רויט ווי אַ שייטער, —
וועט אים נאָכגיין די לבנה,
און אים היטן פון ווייטן.

כ'קוק אויף דעם רונדן קיילעך —
אויף דעם אכזר'ס באַפעלער;
כ'זע זי, ווי תמיד, איילן,
לער, ווי אַ נייער טעלער.
ניין, זי וועט זיינע פיילן
צו זיין פיינט ניט פאַרשנעלן.
זי דאַרף גיין אירע מיילן
צו דעם זון־שליאַך דעם העלן.

פריי זיך ניט, ווילדע רשעות,
וועסט ניט דיין זיג דערשפּינען;
צו דעם וואַקלענדיקן כשוף
קומסטו קניענדיק דינען.
הייסט דער מכשפה מישן
שנעלער די שוואַרצע שנאה,
שנעלער, ווייל ס'האָט דיין רשעות
מורא פאַרן באַגינען.

די שבועה

כ'האָב דערהערט דעם וויגעשריי פון אייער שבועה,
און איך ענטפער אָפּ מיט ווייטיק: יאָ!
און מיט ציטער שווער איך: כ'וועל ווי איר ניט רוען,
ביז עס ווערט פאַרטיליקט חיה־רעה!
אויפן שלאַכטפעלד שרייען אייערע ענוים,
און ס'אַנטלויפט פון קראַנקן לייב די קראָ . . .
אין יסורים לייטערט העל זיך די ישועה,
ווי די זון אין רויט פון אויפגאַנג־שעה.

בלוט פאַר בלוט און טויט פאַר טויט! — דעם האַרבן נדר
זאָג איך נאָך מיט שטאָלץ איך וואָרט ביי וואָרט.
כאָטש אין האַרצן — בין איך שטום זיך מודה —
קלאָגט אַ מדבר־ווינט ביים אויסרוף „מאָרד!"
נאָר פאַרפייניקטע הרוגים, גאַנצע עדות,
האָבן מיך מיט מאָרד צונויפגעפאָרט.
שוין געננוג צו שטרעקן העלדזער אויף עקדות,
אידיש בלוט האָט אַלץ אין מיר געקלאָרט.

ערד סאָוועטישע! פון בראַווסטע זין די מוטער!
דו באַפרוכפּערטע מיט העלדן־מוט.
אויך מיין אידיש לייב האָט זיך אויף דיר געמוטיקט,
ביסט געוואָרן אונזער פעסטיקסטער רעדוט!
שונא'ס חיל קנוילט אויף האַרטער ערד פאַרבלוטיקט,
פעלקער־ברידער צאַמען זיין מאַרשרוט.
אין דעם אויסראָט־קאַמף מיט גרויזאַמען ניט־גוטן, —
שווער איך אויך צו צאָלן בלוט פאַר בלוט.

ב. לאפּין

נאָך טויזנט יאָר

נאָך טויזנט יאָר אויף גאָט'ס אייביקער ערד
וועלן נישט בלייבן — נישט דו, נישט ער, נישט איך,
און אפשר נישט די שפּראַך און נישט דאָס ליד —
פֿאַרבלייבן לזכרון וועלן בלויז אונזערע קדושים,
און פֿעלקער און דורות וועלן פֿאַר פֿאַרמעט־כתב לייענען,
אַז אויפגעשטאַנען, אין תרצ"ד, זיינען חיה'שע מענטשן;
געהייסן האָבן זיי היטלער, הימלער, גערינג און געבלס —
און אָנגעצונדן די וועלט האָבן זיי מיט שווערד און שוועבל;
איבער אַלע פֿעלקער, אין אַלע לענדער און אויף אַלע ימים.

אַזאַ איכה'דיקע מגילה פֿון אונזער גרויסן קידוש־השם:
אויף פּוילנ'ס ערד — האָבן זיי תליות און געטאָס געשטעלט;
אויף רומעניע'ס ערד — האָבן זיי אידן אויף שייטערס געוואָרפֿן;
אויף רוסלאַנד'ס ערד — אונזערע מאַמעס און טעכטער געשענדט,
און אין דאַכאַו — די טאַטעס און די זין פֿאַרברענט.

אַזוי האָט מען געשאָכטן אידן אין וואַרשע און אין ווין;
אין קיעוו, אין ווילנע — און אין דייטשן בערלין.
עס האָבן בתי־מדרשים מיט ספרי תורות געברענט
און אין זייערע פֿלאַמען — אונזער ירושה פֿאַרלענדט.
געוויינט האָבן קינדער, פֿאַרלוירענע און געשוואָלענע;
מיט אידישע לאַטעס און שטאַרבנדיקע געזיכטער.
אויף קיינעמס ערד — אויף די וועגן פֿון דער וועלט,
און אויף שיפֿן אינמיטן ים — האָבן זיי גערופֿן גאָט!

פֿאַרשריבן וועט עס בלייבן נאָך טויזנט יאָר אפילו,
אַז טרויעריקער פֿון ירמיהו'ס איכה איז אונזער מגילה,
ווייל ווי קעלבער האָט מען אידן אויף שטריק צעהאַנגען;
אויסגעטאָנענע מאַמעס אויף תליות אַרויפגעצויגן
און זייערע קינדער — אָ, גאָט! — האָבן די קברים געגראָבן.

אָ, ס'איז נישט וואַרשע, נישט לאָדזש און נישט בראָד,
נאָר ס'געשאָכטענע בלוט פון אונזערע היימישע אידן,
וואָס האָבן געהייסן אברהם, שלמה, משה צי זבולון.
אָ, ס'איז נישט אַמסטערדאַם, נישט פּראג און נישט ברין,
נאָר אונזערע כשר'ע טעכטער פון „גאָט פון אברהם".
גאָט, דאָס שטומע געשריי זייערס נאָך רחמים צו דיר
פאַרבליבן איז עס פאַרגלייזט אין זייערע טויטע אויגן.

נאָך טויזנט יאָר אויף גאָט'ס אייביקער ערד,
וועלן נישט בלייבן — נישט דו, נישט ער, נישט איך,
און אפשר נישט די שפּראַך און נישט דאָס ליד.
פאַרבלייבן וועט בלויז דער תנ"ך, די וועלט און גאָט,
און טרויעריקער פון אַלץ — אונזער איצטיקע מגילה,
נאָך טויזנט יאָר אפילו.

בעריש וויינשטיין

באַגריסונג

(צו אַ באַזוך פון אַ פּוילישן סאָציאַליסט
אין ניו־יאָרקער אידישן קוואַרטאַל)

. . . ער קומט אַהער ניט מיט קיין פרעמדקייט־תנועה,
ער טרעט קאָלומביאַ'ס שטיינער ווי אַ היגער,
דען הויך גלאַנצט אויף דאָ די סטאַטוע
פון זיין קאָסציושקאָ, פרייהייט'ס גרויסן קריגער.

מיר האָבן אין זיין היים געליטן,
מען האָט אונז דאָרט געשענדט, געשטייניגט,
נאָר ער האָט פאַר דעם מענש געשטריטן
און איז אין שטרייט פאַר מענש מיט אונז פאַראייניקט.

באַגריסט אים. ער איז אויך אין גלות,
ער האָט נאָר קוים געראַטעוועט זיין לשון.
זיין אומה טוליעט זיך אין פרעמדע פּאַלעס,
זיין תבואה ווערט פון שונאים אויסגעדראָשן.

זיין „יעשטשע פּאָלסקאַ" קלינגט מיט טרערן,
זי איז די פּוילישע „התקוה", ברידער.
ס'האָפט פּוילן אויפגעריכט צו ווערן,
און, ווי ישראל, זינגט זי האָפנונגס־לידער . . .

מ אָ ר י ס ר אָ ז ע נ פ ע ל ד

שטאַרקער גלות

אַ גרויסער, שטאַרקער, אַלטער פֿאַטער גלות,
פֿאַרשפּרייט אַריבער אונז דיינע קאַפּאָטע־פּאָלעס.
פֿאַרשטופּ אונז אין די ווינקעלעך,
פֿאַרשפּאַר אונז אין די נאָרעס, שפּאַרעס, קעלערס,
וואו נאָר מען קאָן נאָך אויפהאַלטן אַן ענגן אָטעם.
מיר זיינען נאָך נישט גרייט צו ווערן ווינט און שוים און שאָטן.
אונזערע ציין זיינען נאָך לעבעדיקער ביין,
אונזערע אויגן — זון און פֿייער,
אונזערע נעזער תאווה'דיק
פֿאַרן געשמאַקן דופט פֿון שטאָל און שייער.
אונזערע ווייבער וואַקסן
ברייטע היפּטן, שמאָלע אַקסל,
פֿולע לייבער קערנער לעבן,
ווי זומערדיקע רעגנשלאַקסן.
שטאַרק איז אונזער פּחד.
נאָך מעכטיקער די רויטע פֿרייד
וואָס טשאַטעוועט פֿון הינטער אַלע טרויערן און לייד;
וואַרט דער צאָרן זאָל זיך איינשטילן,
דאָס בלינדע בייז אַריבער.
מיר וועלן אַרויסקריכן פֿון אונטער באַלקנס, ווענט און לעכער,
צופֿאַלן צום ברוק, צום שטויב, צום שמוץ פֿון צעוואַלגערטע שטיבער,
צו דער צעמורשטער שאַנד פֿון אונזער קרבן,

ווי צו אַ צעטראָטענעם גאָלדענעם בעכער,
און אָפּלעקן דאָס בלוט ווי ווײַן,
ווי ווײַן פון טויזנט שבת'ן געהייליקט.
און ווידער אויפוויקלען דעם פּאַרמעט־פּינקס
פון אונזער אויפגעצאַרנטן זײַדן שײַלאַק,
און דאָרטן צושטעלן אַן אות, אַ וואָרט, אַ פּאָר רמזים,
און ווידער זיך אויף אונזערע קנעכלדיקע קני אַרונטערלאָזן
פאַרן געבליבענעם אַש פון אונזער האָב און גוטס,
פאַר יתר חיות, פאַרן נשאר שמוץ.
זיך אײַנרויען אין אָפּפאַל פונם קיום מיט אַלע נעגל
און אָננעמען דעם ליכטיקן הימל און טונקעלע ערד ביי די פיר ברעגן:
הים, וועלט, טײַך און בוים און זיבן גורל־וועגן,
וואַרפט אונז נישט אַרויס מער אויפן מיסטיקן דרויסן,
אויפן פוילנדיקן מיאוסן רעגן.
לעק אָפּ, הימל, מיט דײַן קילן צונג דײַן בלויען
אונזער וואונדיק בלוט.
פיר אונז, ערד, דורך אַלע דײַנע וויסטע וועגן
קיין מצרים צוריק
קלײַבן שטרויען, בויען פּיסום, בויען רעמסס.
מירן יאָכן אונטערן נוגש, שרייען, שטום־ווערן.
מירן שלינגען מדבר, שמאַכטן אין די זאַמדן,
נאָר לאָז אונז ווייטער זיך אַרויסמאַכן פון די פאַר'סמ'ער,
פאַרשטעקן אונזערע זכרים אין באַהעלטענישן פאַרן נילוס.
מיט אַלץ, מיט אַלץ, אַבי זיך ראַטעווען. מיט באַבסקע תפילות
מיט כיטרער הייליקער דערלייזונג,
מיט אייביקע צוויי לוחות.
כאָטש אויף אַ האַלב יאָרהונדערט אײַנשטילן די רויטע יוכעס
און קאָנען אויפשטעלן אַ שוואַכע שטעל
ביים ברעג פון זייערע גרויסע געמאַרקן,
קלײַבן קופּקעס קופּערלעך הינטער זייערע זאַטע קאַרקן.
מיט ציינזן אָפּצאָלן פאַר יעדער טאָג,

פאַר יעדער קאַרגער חיה שעה
און זיך אַרומקוקן אין עלנט־צי‌טערדיקן גליק:
אברהם? יצחק? יעקב?
ווי וואויל איז אונז, מיר זיינען דאָ נאָך אַלע דאָ,
נאָך אַזאַ פינצטערער שעה.

אָ פאַטער גלות,
שפרייט אַריבער אונז דיינע קאַפאָטע־פאָלעס.
פאַרשטעל אונז פאַרן רויטן פעכיקן אויג,
פאַרטרייב די רוחות מיט דער סגולה פונם אָפּגעבראָכענעם צווייג,
וואָס שטעקט נאָך אין דיין רעכטער האַנט.
דאָס צווייגל פונם הייליקן דאַרנבוים
אויפן וועג פון מדבר צו דעם האַניקדיקן לאַנד.

י. י. סיגאַל

שמע ישראל!

הער, ישראל!
וועסטו קיינמאָל ניט מיד ווערן צו זאָגן אין דיינע תפילות:
„אַ לויב דעם אייביקן, וואָס נעמט נקמה פאַר מיינע וואונדן,
וואָס באַוואַכט מיינע רעכט, וואָס שטיצט מיך אין נויט,
וואָס דערשלאָגט מיינע שונאים, וואָס טויט מיינע באַדריקערס,
אַ לויב דעם אייביקן, וואָס גורט אָן מיינע לענדן פאַר שלאַכט!"

הער, ישראל!
האָסטו געזען דיינע פיינט פאַרשעמטע, אומגעוואָרפענע פאַר דיר?
האָבן אייערע אויגן אַרונטערגעקוקט מיט שפּאָט אויף זייער חורבן?
האָט אייער גאָט צעשמעטערט זייערע באַקן־ביינער?
און האָט ער אויסגעבראָכן די ציין פון די רשעים?
האָט איר ווען עס איז געהערט מיט צופרידנקייט, אַז די, וואָס האָבן
זיך פאַראייביקט קעגן אייך, זיינען אומגעקומען?
און האָט דער אייביקער געמאַכט אייער עלטער אַזוי פול ווי אַן אוילבערט־
בוים אין בליאונג?

הער, ישראל!
דו האָסט איינגעקריצט זיין דין אין דיין הארצן:
דו וויקלסט דאָס אויף פון דיין רעכטן אָרעם אַלע אינדערפרי און אָוונט;
דו בינדסט דאָס אָן, ווי אַ פּאָדערצייכן צווישן די אויגן;
דו שלאָגסט דאָס אָן אויף די אושאַקעס פון דיינע טירן.
און דו — דו ווערסט פאַראַכט פון אַלע אומות,
זיי שפּייען אויף דיר, ווי אויף אַן אומריינע אישה!

הער, ישראל!
ווּעסט אייביק האָפן אויף דיין שטאַרקן גאָט?
ווּעסטו ביט וואָגן ווען עס איז אָפּצוקראַצן זיין געשטאַלט?
גיב נאָר אַ קוק אויף זיין האַנט, וואָס ציט זיך אַהינטער די וואָלקנס. —
איז דאָס די האַנט פאַר טאָט?
איז דאָס אַן אַרבעטער'ס האַנט?
איז דאָס אַ האַנט פאַר גערעכטיגקייט?
אַן מאַזאַליעס, קנייטשן און שניטן?

הער, ישראל!
שטראָמען קייקלען נאָך אַרונטער קליינע קיילעכדיקע שטיינדלעך
פאַר די בויגנס פון די דוד'ס וואָס וועלן קומען!
שטיינגריבער זיינען פול מיט פיינעם פעלז אויף גלאַטשטיינער
אויף אָנצושאַרפן די שפּיצן פון דיינע אַלטע שווערדן!
און דו ווּעסט געפינען שמעלצאויוונס, האַמערס און קאָוואַדלעס
אויף איבערצושמידן די אייזנס פון דיינע אָפּגענוצטע אַקערס
אין עלעגאַנטע ריכטיק־שיסנדיקע ביקסן...

הער, ישראל!
צו וואָפן!

אַנדרע ספּיר

אָ, גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב

פון גאָסן פון פעלקער, ווי רויב־פויגלען טונקלען,
די קלאַנגען פון גלעקער, וואָס קומען און שרעקן;

און אונזערע קינדער צעוויינען אין שלאָף זיך —
וואָס זאָלן מיר זאָגן, מיט וואָס זיי פאַרשטילן.
אָ, גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב.

דער זייגער פון וועלט טוט פאַרקרימען זיין גאַנג איצט,
מיר פרעגן די צייט — און ער פאַלשעוועט אונז נאָר.
טאָ ענטפער אונז דו, וויפיל ס'איז אונזער שעה איצט,
אין דעמער פון וועלט, וואו די צייט איז פאַרוואָלקנט,
אָ, גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב!

געפלאָגט און געשלאָגן מיר קומען צוריק אַלץ,
די ווינטן — געגנאַרט אונז, די וויטקייט — מיט נעצן.
צעפלאָם דעם פאַרלאָשענעם פייער־טאָפּ ווידער,
גיב ליכט דיינע לייט וועלכע קומען,
אָ, גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב!

די וואונדן אַנטפלעקט, און דער וואַנדער־שטויב ברענט זיי,
און וואַשן מיט וואָס זיי — אַז אויב ס'שטרעקט אַ האַנט זיך —
דערלאַנגט זי אונז שפּאָטיש געזאַלצענע וואַסער!
פון קרוג דיינעם אַלטן גיס דו אויף זיי היילונג,
אָ, גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב.

אַזוי האָבן אונזערע מוטערס פאַרטרויערט
ביים שבת־אַוועקגאַנג אַמאָל געטאָן תפילה.
און איצט, ערב־נאַכט, אינם טריב־קאַלטן חשוון,
די אימה פון דרויסן צעוויגט אויך די קינדער:
„אָ, גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב!"

יצחק למדן

ווייגעשריי

מיין פאָלק! ווי דו, איז אַלט דיין וויי
און, ווי דיין וויי, איז אַלט דיין שרייען.
איך שריי אויפסניי דיין אַלט געשריי,
כאָטש ס'וועט מיין וואָרט אים ניט באַנייען.

איך שריי און וויס: דער פיינט איז טויב, —
וואָס אַרט דעם וואָלף זיין קרבנ׳ס קלאָגן? —
נאָר ס׳הויבט זיך אויף אפילו שטויב,
ווען ס׳ראָלט אויף אים דאָס ראָד פון וואָגן.

און הערט דער שונא, וויס איך וואויל,
אַז ס׳וועט מיין קלאָג אים נאָך דערפרייען,
נאָר שטיקן קאָן איך ניט אין גרויל
די יאוש׳דיקע אויסגעשרייען.

מיין פאָלק, איך שריי, נאָר ניט גענוג.
אָ, וואָלט דיין יעדע וואונד פאַרמאָגן
אַ מויל, וואָס שרייט, וואָלט, ווי אַ קרוג,
די וועלט געפּלאַצט פון זייער קלאָגן.

מ. טקאטש

אַני מאמין

קענסט זיך לאַכן פון די טרוימען
וואָס איך טראָג נאָך אַלץ פאַר מיר:
אַז איך גלויב נאָך אין דעם מענשן,
אַז איך גלויב נאָך אַלץ אין דיר.

אַז איך שטרעב נאָך אַלץ נאָך פרייהייט,
כ׳האָב פאַר גאָלד זיך ניט געפליסט;
אַז איך גלויב נאָך אין דעם מענשן
און אין מענשנס הויכן גייסט.

וואָס ער רייסט אַראָפּ די קייטן
און דערהויבט אים פון דער נויט.
ווער עס אַרבעט, וועט ניט שמאַכטן,
נישט נאָך פרייהייט, נישט נאָך ברויט.

לאַך, ווען כ׳גלויב נאָך אויך אין פריינטשאַפט,
אַז כ׳וועל טרעפן נאָך אַט דעם,
וואָס ער טראָגט דעם זעלבן גלויבן,
און דעם זעלבן גליק און קלעם.

און איך גלויב, אַז מעג ווי פול זיין
אונזער צייט מיט האַס און פּיין,
ליבשאַפט בינדן וועט די פעלקער,
און ס׳וועט מער קיין קריג ניט זיין.

אויך מיין פאָלק וועט דעמאָלט אויפשטיין
אויף זיין ערד אין פרייען גליק,
אַן דעם יאָך אויף זיינע פּלייצעס,
אַן דעם חושך פאַרן בליק.

און דער דור וועט לעבן, ליבן,
און וועט שאַפן אויף דער ערד;
און וועט האָפן — סאַי אויף הימל,
סאַי אויף לאַנד, וואָס איז באַגערט.

און אַ דיכטער וועט באַזינגען
וואָס איז שיין און שטאַרק און גאַנץ;
פון מיין קבר וועט מען נעמען
פאַר אים בלומען אויף אַ קראַנץ.

פון „אויף דער וואַך"

לאָמיר אויך נאָך היינט ביינאַכט
בלייבן אַלע אויף דער וואַך.
מיטגענומען וואָס געקראָגן:
אַ האַלאַבליע פון אַ וואָגן,
ווער אַ גראַבליע, ווער אַ שרויף,
ווער אַ פיאַש האָט אויפן הויף,
האָט אַ שטעקן ווער אַ קרומען, —
אַלצדינג, אַלצדינג מיטגענומען,
און אַרויס אין פעלד, אין גאָרטן,
זיך אַנידערשטעלן דאָרטן,
דעם צעהיצטן פולס פאַרטויבן,
ניט צו הערן פון דער וווייט,
דעם ווילדן מדבר־קול, וואָס שרייט
און גאַרט נאָך מאָרדן און נאָך רויבן.

שאול טשערניכאָווסקי

צו טשאַדייעווין

פון האָפענונג, פון רום, פון ליבע
ניט לאַנג האָט אונז דער טרוים געהילט.
ווי נעפּלען אין פרימאָרגנס טריבע,
צעשוואומען איז די יונגע שפּיל.
נאָר ס'זידן נאָך אין אונז באַגערן,
און אונטער לאַסט פון מאַכט און שאַנד
די רופן פון דעם פאָטערלאַנד
מיט הייסער אומגעדולד מיר הערן.
מיר האָפן, וואַרטן אויף דער רגע
פון הייליקער, פון פרייער מאַכט,
ווי אַ פאַרליבטער הייס דערוואַרט
פון דער באַגעגעניש די רגע.
ביז וואַן עס ברענט אין אונז דער פלאַם,
ביז וואַן פאַר ערע הערצער לעבן,
מיין פריינט, קום שענק דעם פאָטערלאַנד
די קראַפט פון זעל, דאָס שענסטע שטרעבן.
אָ, חבר, גלויב, דעם חושך טרייבט
די שיין פון גליקלעכן באַגינען,
ס'וואַכט רוסלאַנד אויף, די קרעפטן קלייבט,
די זעלבסטמאַכט שטירצט, און אויף רואינען
די נעמען אונזערע פאַרשרייבט.

אַ גרוס קיין סיביר

געשמידט אין גריבער פון סיביר,
שווייגט איר געדולדיק דורך די יאָרן.
נאָר שטאָלץ זייט איר, און פריי זייט איר,
און אייער מי איז ניט פאַרלאָרן.

דען האָפנונג אימגליק׳ס שוועסטער איז.
אין קאַמער פינצטערן און ענגן
באַלד וועט זי מוט און פרייד אייך ברענגען,
די שעה געגאַרטע קומט געוויס.

און ליבשאַפט קומען צו אייך מוז,
און פריינטשאַפט דורך די פינצטערע ריגלען,
ווי עס דערגייט דורך זיבן זיגלען
צו אייער גרוב מיין פרייער גרוס.

און קייטן פאַלן צו דער ערד,
די תפיסה ווערט ניט, און די ברידער
אומאַרמען אייך, באַפרייטע, ווידער
און גיבן אייך צוריק דאָס שווערד.

א. ס. פושקין

צוואה

אַז כ׳וועל שטאַרבן, איר באַהאַלטן
זאָלט די ביינער מיינע
צווישן סטעפּעס צווישן ברייטע
אין מיין היים אוקראַינע,
די ברייטפאַלעדיקע לאַנקעס,
בערג און דניעפּר דער גרויסער
זאָלן זען זיך, — ס׳זאָל זיך הערן,
ווי ער ראַשט, דער רוישער.

ווען אַ טראָג טאָן פון אוקראַינע
בלוט פון שונא׳ס גלידער
ביז צום ים דעם בלויען, — דעמאָלט
וועל איך באַרג און נידער —

אַלץ פאַרלאָזן און זיך לאָזן
ביז די הימלען טראָגן
לויבגעזאַנגען. און ביז דעמאָלט —
כ׳קאָן קיין גאָט פאַרמאָגן.

מיך באַהאַלט, שטייט אויף מיט צאָרן
קייטן רייסט מיט פייער,
און מיט שונא׳ס בייזע בלוטן
רייך באַשפּרענקט די פרייהייט!
אין געזינגד אין גרויסן, נייעם
מיט אַ פרייען ווילן
ניט פאַרגעסט אויך מיך דערמאָנען
מיט אַ וואָרט אַ שטילן.

טאַראַס שעווטשענקאָ

צו ליטע

היים־ערד אַלטע, ווייטע, שטילע
לאַנד פון מי און פרייד און תפלה,
לאַנד פון פריינטשאַפט און פון פרידן,
לאַנד פון ליטן און פון אידן.

ס׳רייסט דיין ליב דיין אַלטער שונא,
דער טעווטאָן, אַ הון געמיינער,
ס׳איז אַ שפּין זיין נייער קרייץ,
ווי אַמאָל, דיין בלוט צעפּלייצט . . .

דעמאָלט האָסטו לאַנג געשטריטן
העלדיש קעגן אוממענטש־ריטער.
איצט פאַרפייניקט דיך, פאַרוויסט
האָט דער אונטערמענטש־פאַשיסט.

ס׳וועט פאַרגיין די צייט די בייזע,
קומען וועט אויך דיין דערלייזער,
דעם נקמה־נעמער׳ס פויסט
און דעם אַלטן נביא׳ס טרייסט.

אויפשטיין וועסטו פון די טויטע
אַ גערייניקטע, אַ גרייטע
פאַר דיין מי און פרייד און לידער,
פאַר דעם הימן פון פעלקער־ברידער.

י. ג.

אַמעריקע

(פון דער פאָעמע „לאַאָן און ציטנע״)

פאַראַן אַ פאָלק, אַ מעכטיקס אין זיין פרילינג,
אַ לאַנד אַריבער ווייטע מערב־ים׳ען, —
פרייהייט און אמת זיינען דאָרטן הייליק . . .

זיין יונגן בליק אַ שטראַל פון מאָרגן נערט
אַ גאָלדענער, — אַן אָדלער איז דאָס לאַנד.
דורך שטורעם, איבער נאַכט־געהילטער ערד,
דער אָדלער שוועבט פון ערשטן שיין באַפלאַמט.
דיין רום אַן אויפשריפט זיי ביים קבר־ראַנד
פון די דערמאָרדעטע אייראָפּע׳ס פעלקער,
גרויס פאָלק! און מער זיך, ווי ביים ים דער זאַמד!
גיך קומט דיין וואוקס, ווי זון, ווען נאַכט מוז וועלקן;
אונטער דיין שאָטן שלאָפט אַ גאַנצע ערד מיט פעלקער.

דאָרט איז אין מדבר אויפגעבויט אַ היים
פאַר פרייהייט! שטאַרק איז דער זשעני, וואָס שטרעקט
הויך מאָנומענטן מענטשלעכע אין רוים.
מיליאָנען שטראָמען צו דעם נייעם ברעג,
מענטשן, וואָס דעספּאָטן, פון האָס צו שרעק,
האָבן פאַריאָגט פון חרוב׳ע היימען. יע,
אַהין פירט ציטנע׳ן אָפּ, צו פרייער ערד.
דער נאָמען פון דעם לאַנד — אַמעריקע!

פ ו י ר ס י ב י ש י ש ע ל י

אַמעריקע

די טײַכן דאָ — שפּיגלען
און זינגען פֿון פֿרייד;
און פֿייגל — די פֿליגלען
אין הויכן צעשפּרייט.

און מדבר פֿון דורות —
באַהערשט און באַזיגט;
און וועלדער און פּרעיריס
וואָס גריסן אַנטציקט.

און „הייל פֿון די ווינטן" —
גאָטס וואונדערלעך ווערק;
און שטראַלן, וואָס צינדן
די שפּיצן פֿון בערג.

און לאַנקעס וואָס צירן —
ווי סאַמעט געבעט;
און וועגן, וואָס פֿירן
צו אַלערליי שטעט.

און פֿעלקער פֿאַרשידן,
וואָס לעבן באַנאַנד,
און בויען אין פֿרידן
דאָס קינפֿטיקע לאַנד.

אברהם רייזען

פֿון „די סטאַטוע פֿון פֿרייהייט"

גרינט פֿון ווייטן די יבשה,
שווימט אַרויס די נייע וועלט,
ווייזט זיך אויפֿן שוועל די געטין,
פֿון אַ נייער זון באַהעלט.

הויך אין האַנט אַ פּרייהייטס־פֿאַקל,
און דער בליק אין ווייטן רוים,
שטייט זי צווישן ים און הימל,
ווי אַ שטאָלצער ריזן־טרוים.

ביי דער גרעניץ פון אָקיאַנוס
שטייט זי פאַר די וואַנדערער,
ווי די וואונדער־וואָר פון חלום
פון אַ וועלט אַן אַנדערער.

א. ליעסין

אויך איך

אויך איך באַזינג אַמעריקע.

איך בין דער טונקעלער ברודער.
מען שיקט מיך אין קיך,
ווען געסט קומען אָן.
איך אָבער לאַך,
און עס גוט,
און ווער שטאַרק.

מאָרגן
וועל איך זיצןביים טיש,
ווען געסט וועלן קומען.
קיינער וועט ניט וואַגן
זאָגן צו מיר —
„גיי, עס אין קיך”
דעמאָלט.

אגב, וועלן זיי דערזען, ווי שיין איך בין,
און זיי וועלן זיך פאַרשעמען, —

אויך איך בין אַמעריקע.

לענגסטאָן יוהז

אַמעריקע

צענטער פון גלייכע טעכטער, גלייכע זין,
אַלע, אַלע גלייך אויפגעכאַוועט, יונג אָדער אַלט,
שטאַרק, פול, שיין, מיט אויסדויער, פּייאיקייט, רייכטום,
אייביק מיט דער ערד, מיט פרייהייט, געזעץ און ליבשאַפט,
אַ פּרעכטיקע, געזונטע, הויכע, זיצנדיקע מוטער,
אַריינגעזעצט אין דעם אַדאַמאַנט פון דער צייט.

וואָלט וויטמאַן

אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער הימן

אָ, זאָג! זעסט די פאָן ביי דעם זוים פון דער נאַכט
וואָס געפלאַטערט האָט שטאָלץ ווען דער טאָג איז פאַרשוואונדן?
וועמעס שטערן און שטרייפן אין דער ביטערער שלאַכט
האָבן העלדיש געוועקט, און דעם ווילן געצונדן?
יעדער דונער פון ביקס, יעדער שאָס פון קאַנאָן
אין דער נאַכט האָט דערציילט, אַז עס פלאַטערט די פאָן.
זעסטו זי, די באַשטערנטע, פלאַטערן דאָרט
איבער לאַנד פון די בראַווע און פון פרייע דאָס אָרט?

ביי דעם ים־ברעג אָן דאָרט וואו דער נעבל זיך שפּינט,
וואו אין שטילקייט פון טויט ליגט דער שונא פאַרבאָרגן,
זעסטו עפּעס אַרויפפלאַטערן מיטן ווינט
און פאַרשווינדן צוריק אינם בלוי פון פרימאָרגן?
אָט באַווייזט זיך עס ווידער אַזוי אומגעריכט,
און עס לויכט אויפן וואַסער ווי זוניקע ליכט.
ס'איז די פאָן מיט די שטערן וואָס זעסט פלאַטערן דאָרט
איבער לאַנד פון די בראַווע און פון פרייע דאָס אָרט.

וואו זיינען זיי איצט וועלכע האָבן באַשווערט,
אַז אין פייער פון קריג און אוממענטשלעכן האַסן
מוז היים און מוז לאַנד זיין אויף אייביק צעשטערט?
זיי האָבן מיט בלוט זייערס די שפּורן פאַרוואַשן.
ניטאָ קיין ענד־מקלט פאַר פאַרעטער און שקלאַף
און קיין רעטונג פאַר אים אין דעם גאַנצן באַשאַף;
נאָר די פאָן מיט די שטערן הויך פלאַטערט זי דאָרט
איבער לאַנד פון די בראַווע און פון פרייע דאָס אָרט.

אָ, פלאַטער און לויכט איבער אונז טאָג און נאַכט
און שטאַרק אונזער מוט און פאַרטיף אונזער גלויבן!
לויב דעם וואָס האָט אונז ווי אַ פאָטער באַוואַכט,
און אונז צו אַ פאָלק צו אַ פרייען דערהויבן.
מיר קעמפן פאַר יושר דורך טעג און דורך נעכט,
און גאָט איז פון אייביק מיט דעם וואָס גערעכט!
אָ, פאָן מיט די שטערן, ווי די זון לויכטסטו דאָרט
איבער לאַנד פון די בראַווע און פון פרייע דאָס אָרט!

פ ר ע נ ס י ס ס ק א ט ק י

ד אַ כ אַ ו

ער האָט דעם קאָפּ אַזוי אַ וואָרף געטון
ווי ער וואָלט וועלן זיך פון עפּעס בייז באַפרייען.
פון אונטן דרינגט אין שטוב אַריין דאָס העלע שרייען
פון דעם געשפּיל פון קינדער דרויסן אין דער זון.

אין מוח פּיקט אַ וואָרט, אַ פרעמדער בליק — אַ פליג,
ס'גייט דאַכאַו נישט אַרויס אים פון זיין זינען:
וואו קען מען נאָך אַמאָל צוריק די רו געפינען?
ווי קען מען עס אַמאָל נאָך פילן טעם אין גליק?

אַנטקעגן בליט דער פּאַרק, און שיינע לאָנען גרינען,
און אַפן צאַם א האָפערדיקער קרייט דער האָן.
דאָס וואָרט צעשיט זיך ווי די זוימען פון אַ קעפל מאָן —
ס'נעמט דאַכאַו איבער אלע אברים רינען.

די זון נעמט זעצן זיך. אין לעצטן דעמער־שיין
באַוועגן זיך שפּערלען, מערעשקעס און שפּינען;
ס'ווערט קלערער יעדנס קול, און דינער פרייד און פּיין,
און — דאַכאַו שאַרפט זיך שאַרפער אין זיין זינען.

ס'נעמט אָוונטן. אין שכנות זינגט אַ מוטער: „שלאָף, שלאָף,
די שטערן זענען שאָף".
און קולות, שטראָלן, שאָטנס הייבן אָן אַנטרינען:
געשריי און שרעק, זיי רעווען אוף אין אים דערינען:
ס'וועט דאַכאַו קיינמאָל נישט ארויס אים פון זיין זינען,
ס'גייט דאַכאַו מיט אים אין וואַכן און אין שלאָף
שוין ביזן סוף.

נפתלי גראָס

דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען

כ'האָב אַלעמאָל געמיינט
איך בין שוין דאָ געוועזן.
מיט יעדן יאָר פון מיין איבערגעניצעוועט לעבן
האָב איך געוואָרעמט געוועבן
פון אָפּגעלעבטע שטיקער וועלט.
איך האָב דערקענט געדענקטע פּנים'ער און שמייכלען
און אפילו טאַטע־מאַמע זיינען פאַר מיר געווען
פאַרבענקטע פרעסקאָס אַמאָליקייט.
איך האָב געטראָטן אויף אַלטע רשעות'דיקע שטעגן
און צווישן ברעגן פון געשיכטע
האָב איך געזעגלט.
איך האָב כסדר געפונען דאָס וואונדער,
וואָס איז אין געדעכעניש געווען איינגעקריצט,
און ס'האָט די אָפּגעטומלטע פאַרגאַנגענהייט
זיך שעמעוודיק געבלעזלט אין דעם איצט.
איך האָב געמיינט
כ'בין שוין דאָ אַמאָל געוועזן.

נאָר די לעצטע שטיקלעך יאָרן־צויטן,
מיט די אויסגעטראַכטע טויטן,
זיינען מיינע אייגענע טעג און נעכט.
דאָס איז מיין אָנגעהויקערטע באַשערטקייט,
דאָס האָב איך אַליין אָנגעלעבט.
די פאַרגליווערטע פאַרקלערטקייט,
פאַרברענטע פעלדער,
די מאַפּעס מיט בית־עלמינ'ס,
פאַרשראָקענע שטילקייט.
די צייכנס פון פריידיקער רשעות —
כ'האָב עס פון ערגעץ נישט געדענקט.
כ'האָב עס קיינמאָל נישט געזען,
כ'בין דאָ קיינמאָל נישט געווען.

בלייב שטיל, טויטע וועלט.
שוויג איין אין זיך דיין פּאַרוויסטקייט.
ס'וועלן ווידעראַמאָל בליען פּאַרוויאַנעטע אָרנאַמענטן.
מיר וועלן איבערבויען דיינע פונדאַמענטן,
אויף דעם בלוט וואָס מען האָט פאַרגאָסן.
נאָר די טויטע וועלן וויינען אין חצות'ן,
יעדער מת וועט ווערן אַ טריפנדיק קול.
ווי אַ קליין ליכטל איבער יעדן קבר,
וועט פלעמלען אַ געבעט.
יעדער פאַר זיך.
איך בין איך —
וועלן טויזנטער געשאָכטענע איכן
וויינען אין דער נאַכט.
טויט בין איך און נישט דערקאָנט,
מיין בלוט נאָך אַלץ נישט אויפגעמאָנט.

אַזאַ עשירות פון מצבות
האָב איך קיינמאָל נישט געזען.
טאָג און נאַכט וועל איך יאָמערן די נעמען.

דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען.

יעקב גלאַטשטיין

מיין קינדישע היים ביים דעם טייך בערעזינע

מיין קינדישע היים ביי דעם טייך בערעזינע,
מיין היים מיטן שליאַך צו באָברויסק און באָריסעוו, —
עס שניידט היינט דער טויט דיינע פעלדער די גרינע,
און פייער פון חורבן פאַרפּלייצט היינט דיין ישוב.

עס שפּאַרן פון מערב די נאַצישע האָרדעס
צו דײַנע פאַרחלומטע שינדלשע כאַטעס,
זײַ רײַסן דיך אויך מיט די סוואַסטיקע־מאָרדעס,
און שענדן דײַן גוף מיט די געל־געלע לאַטעס.

ווי זאָל מיר דאָס ברויט הײַנט זײַן זיס צו מײַן גומען,
אַז ס'שרײַט אין מײַן האַרצן דאָס אײביקע הוי־ווײ; —
מײַן קאָפּ אין ניו־יאָרק און מײַן האַרץ — אין איהומען,
איך זאָג מיטן נוסח פון יהודה הלוי.

איך קען ניט געפינען קײן עכטערע ווערטער
ווי „הײַנט קומען פּרעסן פון לײבן די גלידער”. —
הײַנט נעמט טאַקע אויפגײן דער טרוים דער באַגערטער,
אַז איר זאָלט זײַן לײבן, איהומענער ברידער.

צו וואָס זאָל איך זײַן גאָר אַ וואָרט־איבערקלײבער
צו מאָלן דעם פינצטערן שונא, דעם שעכטער —
אַז אָט זע איך נאָענט די צעפלאַקערטע לײבער
פון אײערע זין און פון אײערע טעכטער.

און דאַרפן באַדאַרפט האָבן הײַנט גאָר די זאַנגען
פון אײערע פעלדער זײַן פול שווין און צײַטיק,
און ווער ס'איז אַמאָל ווען פאַרבײַ אײך געגאַנגען,
זאָל הײַנט אויך ניט טרעטן אויף אײך, נאָר גײן זײַטיק.

און אַנרירן צאַרט די געזוניקטע קערנער,
ווי איך פלעג עס טאָן אויף די קינדישע וועגן, —
און דאַרפן באַדאַרפט האָבן דינינקע הערנער
פון ציגעלעך ווײַסע מיר שפּרינגען אַנטקעגן.

נו גײ און פאַרבײַט הײַנט — צו אַלדע שוואַרץ־רוחות! —
אויף האַרטע קאַנאַנען די זאַנגיקע זונען,

די דינינקע הערנער — אויף נאַצישע יוכעס,
און אַקערער, זייער — אויף בלוטיקע הונען.

אָ, גאָט, וויפל שטערן, אָ, גאָט, וויפל חלום
עס צינדן זיך אָן איבער הימלען פון קינדער! —
נו גיי און גיב איבער — צו אַלדע טייוואָלים! —
די קינדער צום שינדער, צו מערדער און פּלינדער!

אָ, ניין, מיין געשריי נעם ניט אויף, זאָג ניט איבער, —
אָ פיר מיך צום שליאַך פון מיין חלום־מדינה, —
לייג צו מיין געזיכט צו די וועגנט פון די שטיבער,
וואָס פלאַקערן היינט ביי דעם טייך בערעזינע.

ה. לייוויק

היינט האָבן די נאַצי־חילות

היינט האָבן די נאַצי־חילות דורך מיין שטעטל אין פוילן אַדורכמאַרשירט.
און איך בין פון וויטן און וואויל איז צו מיר —
אומשטיינס־מיר־געזאָגט,
באַהאַלטן זיך אויף דעם זיכערסטן פּלאַץ
פון דער ערד
און אַ לידל שרייב מיר נאָר אויך, איך — פּאַיאַץ,
און גראַמען צום בלוטיקן לידל
האָב איך מיר צוגעקלערט,
עס פעלט נאָר צום רומל — ס'זאָל זיין אַ סאָנעט —
און פאַרוואָס טאַקע נישט?

כ'בין היינט אויפגעשטאַנען פון אַ קלאָרן בעט,
און געגעסן ברויט, און געטרונקען מילך,
און — מיין מאַמע איז אין קעלער געלעגן אין אונזער אַלטן הויז,
און אַ סקאָרינקע געגריזשעט אַזוי ווי אַ מויז.

אַז ווי איז צו מיר — כ׳האָב דאָך היינט שפּאַצירט אין פרייער גאַס,
וואָלקנס און הימל געזען, וואָלקנס באַגילדט פון דער זון,
און פריינט געטראָפן און געמאַכט מיט זיי שפּאַס.
און — היינט נאַכט וועט מיין מאַמע קריכן פון קעלער אַף אַלע פיר,
אָטעם צו כאַפּן, צו טאָן אַף דער נאַכטיקער וועלט אַ בליק,
און פּלוצלונג וועט זי אַ שאַרף דערהערן,
וועט זי אין קעלער אַריין צוריק
אַנטלויפן און זיך האַלטן האַרט ביי דער מויער,
און אַף אַלע פיר — ווי אַ שפּייכלער-טכויר.

אַז ווי איז צו מיר, כ׳האָב היינט דאָך מיט מענטשן זיך פריינטלעך געגריסט,
גערעדט וועגן קריג, וועגן ניטשע און פראַנצויז,
און — מיין מאַמע האָט אַ גאַנצן טאָג געשוויגן
אין קעלער פון אונזער אַלטן הויז,
אַף אַ סטויגעלע האָלץ געלעגן — און האָט זיך איינגעהערט,
ווי עס ציטערט דאָס הויז איבער איר, אונטער איר — די ערד.
איר טייער האַרץ האָט כסדר געקלאַפּט, ווי מיט לעצטע קלעפּ.
ווי מען האַקט אין ווענט מיט מענטשלעכע קעפּ,
ווי מיט לעצטע טראָפּנס — רינט אַ וואונד.

ווי אַ קײלעכל געלעגן איינגעניורעט אין זיך,
ווי אַן אָפּגעשטראָפטער — אַ דערשלאָגענער הונט
פון אַ מערדער — אַ באַלעבאָס,
און ווי דער הונט — נישט געוואוסט פאַרוואָס.

און פּלוצלונג איז אין ווינקל, אין דעם פולן קעלער,
אָנגעפּאַקט ווי צו כל נדרי אַ שול,
די מאַמע אַזוי ווי משוגע געוואָרן און האָט
אַ ווילדן געשריי געטון: מענטשן —
מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז נישטאָ אַף דער וועלט קיין גאָט —
דער פולער קעלער האָט דעם אָטעם אינגאַנצן איינגעהאַלטן,
און האָט זיך נאָך טיפער באַהאַלטן,
און זיך נאָך שטאַרקער איינגעהערט,
ווי עס ציטערט פון אויבן דאָס הויז און פון אונטן — די ערד.

מלך ראַוויטש

אין שטעטלעך פון מיין היימלאַנד

אין שטעטל פון מיין היימלאַנד רויכערט נישט קיין קוימען,
און ס'קאָרטשעט זיך די ערד דאָרט אין צער און אין וויי;
און איבער שטיבער עלנטע און אומבאַשיצטע היימען
עס הענגט דער בלוי־פּרוכת און שפּרענקלט רעגן־שפּריי.

עס דעקט די נאַכט צו, ווי אַ שוואַרצע שמאַטע,
און ס'שמאַכט אין שטיקעניש מיין ברודער צווישן ווענט;
זיין לייב צעקיילט ביז בלוט איז פון דער בייטש פון קאַטע,
און אַנגסט פון טויט־יסורים אין זיינע אויגן ברענט.

די טויטע שטילקייט רייסן אויף נאָר עראָפּלאַנען,
און וואו ס'גייט אויף אַ תפילה — דאָרט אַ באָמבע טרעפט;
אין טעג פון פּיין און צער איז דען אַ טרייסט פאַראַנען?
צום לעבן פון קדושים מיין ברודער זיך באַהעפט.

איבער וויסטע שטרעקעס

איבער וויסטע שטרעקעס, אונטער דעך פון הימלען,
יאָגט מיין פאָלק דער שונא דורך דעם גרויל פון טעג.
ס'איז פאַרוואָגלט יעקב, אָן אַ היים ישראל,
און די קליינע קינדער אָן אַ וויג אין וועג.

זאָגערס פון מה־טובו'ס און פון והוא־רחום'ס,
וואו אין רויך און פלאַמען ס'ווערט מיין היים צעשטערט;
שוין ניט לאַנג געבליבן ביז צו דער גאולה,
קומען וועט אַ סוף צום וואָגלען אויף דער ערד.

ס'וועלן הענגען הימלען שטיל דאַן איבער שטיבער,
און דער שניטער זאַמלען וועט דעם שניט אין פעלד;
און ישראל וועט זיך צו אַ ברעג דערשלאָגן,
און מיט נייעם גלויבן בויען זיין געצעלט.

ע. קאַרמאַן

פון מיין היימלאַנד

שווערע געדאַנקען, שווערע געדאַנקען
טאַטשען מיין מוח, ווי גיפטיקע שלאַנגען,
דרינגען אַריין טיף אין מיין האַרץ,
זע איך מיין היימאַט בלוטיק שוואַרץ,
יע, ס'איז מיין היימאַט בלוטיק און שוואַרץ!

עס מאַטערט און בלוטיקט מיין לאַנד
דייטשלאַנד'ס בלוטדאָרשטיקע גרויזאַמע האַנט,
פאַרוויסט און פאַרדאָרבן האָט זי יעדן גאָרטן,
מיין מוטער, מיין שוועסטער זיי מאַטערן דאָרטן,
מיין שוועסטער, דאָס ביימעלע שענסטע אין גאָרטן.

ווי וואָלט איך געוואָלט מיט זיי לײַדן צוזאַמען,
זיין אין איין שטאָט מיט מיין שוועסטער און מאַמען,
מיט זיי אין איין שטוב, אויב ס'איז דאָ נאָך אַ שטוב
און אויב ס'איז די שטוב זיי אַ פינצטערע גרוב —
ווי וואָלט איך געוואָלט מיט זיי זיין אין איין גרוב.

צ י ל י ע ד ר א פ ק י ן

גירוש

פון דער פאָעמע „זאַוול רימער"

ס'נעמט גרויען, און עס טרייסלט פון דער קילקייט.
מען הייבט זיך אויף, עס וואַקסט דער טומל,
און פון די קופּעס שאָטנס ווערט אַן אומרואיקע מחנה,
וואָס קריכט און ליאַרעמט, אָבער זאַוול אויך קריכט אום,
טראָגט וואַסער, שלעפּט די פּעק און פאַרעט זיך
און וואָס די נאַכט האָט אים געגעבן בלייבט.
אַריינגעפּאַקט מיט פּופּציק אַנדערע אין פּי־וואַגאָן,
וואָס שלאָגט אין נאָז מיט פערדן־מיסט; צעלייגט זיך
אויף פּעק און דיל, און ווען נאָך לאַנגע שעה'ן וואַרטן
האָט זיך אַ ריר געטאָן די באַן, און ס'האָט דאָס קלאַפּן
פון רעדער זיך דערהערט — איז אויסגעקומען זאַוולען,

אַז ס'האָט זיך יאָרנלאַנג אין אים געקליבן אַ דערוואַרטונג,
און איצטער, שטייענדיק אַן אָנגעלענטער אָן דעם שטאַנג,
וואָס ביי דעם טויער פון וואַגאָן, און הערנדיק
דאָס ריטמיש קלאַפּן אונטער זיינע פיס, דערפילט ער,
אַז דאָס איז עס, נאָך וואָס ער האָט די אַלע יאָרן
געבענקט און נישט געוואוסט — און ס'שפּרינגט דאָס האַרץ . . .
אין וואַכקייט פון דעם מידן קאָפּ קלינגט אָפּ דאָס אומגליק
מיט יעדן קוק און אויסגעשריי, נאָר אין די אויגן די פאַרשלאָפענע
שיינט זון און גרינע ליכטיקייט, אוןביידע ווערן איינס:
דאָס אומגליק און די זון. און ס'דאַכט, אַז אַלע מאָל,
ווען ס'האָט זיך בלינדערהייט געבענקט נאָך אָט דעם וויטן טאָג,
האָט זיך נאָך דעם געבענקט: עס זאָל ווייטאָק זיין,
און טראָגן זאָל ער זיך אין ווייטער ליכטיקייט אַריין,
און רעדער זאָלן קלאַפּן, און דאָס איבערפולטע האַרץ
זאָל אין דער גרינלעך־בלויער ווייטעניש אַרויסוויינען
מיט דעם געוויין פון קליינע קינדער אין די אויערן . . .
אַזוי־אָ דאַרף עס זיין: קליפּ־קלאַפּ די רעדער, קלאַפּ.
און אַז דער וואַלד פאַרמיידט און גרויסע בלויע ליכטיקייט
פאַרפּלייצט דאָס אויג און דער געוויין בלייבט שטיין פאַרבלענדט,
פראַלט אויף אַ קוואַל פון ווערטער, נישט גערעדטע, אומגעוויינלעכע
און איינס פאַרפלאָנטערט זיך אין קלאַפּן פון די רעדער
און קלאַפּט זיך מיט כסדר: הייליק־ליק, הייליק־ליק, הייליק־ליק.
ער כאַפּט עס אונטער, זאַוול, ווי אַ נס, ווי אַן אַנטפּלעקונג
פון אָט דער נאַכט און טאָג, וואָס זיינען פול מיט וואונדער,
און נאָכזאָגנדיק עס אין טאַקט פון קלאַפּן, פילט ער,
ווי וואונדערלעך עס איז. ווי אַלץ איז אין דעם וואָרט:
פאַרלוירנקייט און בענקשאַפט, שרעק און אויסלייזונג,
און אומגליק אין דער זוניקער אומענדלעכקייט, און שטאָלץ
פון עלנט, און דאָס פלאַטערן פון האַרץ, וואָס גיסט זיך איבער
מיט אַלעם דעם — אַ וואָרט, אַליין שוין אַ דערלייזונג,
אַליין — אַ וואונדערלעכע היילונג פאַר אַן אויסגעווייטאָגט האַרץ.
און ס'קלאַפּן צו די רעדער: הייליק־ליק, הייליק־ליק, הייליק.

מנחם באריישא

פון דער פּאָעמע „אַ בוים פון פוילן"

געקומען באַגינען קיין חיפה
און פּלוצלונג אַלאַרם און שנעלער . . .
עס שרייט די סירענע, מיר לויפן
און גאָט זאָל אונז העלפן . . . אין קעלער.
אַזוי גאָר — די זעלבע סכנה . . .
איך קוק זיך אַרום ווי אין גיהנום,
דאָך זאָג איך צו זיך אויף נאמנות ;
עס שרעקט מיך ניט מער די סירענע . . .
איך האָב שוין אין וואַרשע געציטערט,
אין קאָוונע און ראָוונע — בלויז שרעקן,
עס האָט מיך שוין לוקאָוו דערשיטערט . . .
אויף מערער וועט שרעק שוין ניט קלעקן.
און לוקאָוו, אוי אָרעמע שטעטל !
דיין חורבן איז מיר פאַר די אויגן . . .
אַ הייזל, אַ שטול און אַ בעטל
און מענטש איז מיט דעם מיטגעפלויגן.
אַ גאַס אין דער לופטן געשפּרונגען
און דאָ אויף דער ערד זיך צעשאָטן . . .
אַ שטעטל פון פייער דערשלונגען,
און מענטשן אויף טויט אָפּגעבראָטן.

געזען האָב איך פּאַרקאַן און ווענטל,
באַשמירט מיט פריש־בלוטיקע פלעקן,
געזען אַ קליין־קינדערשע הענטל . . .
געלעגן באַזונדער . . . צום שרעקן.
טאָ וואָס זאָל מיר ווערן איצט טייער ?
און וואָס פאַר אַ טרייסט איז מיר נייטיק ?
אַרויס בין איך דעמאָלט פון פייער,
דאָס לעבן איז אָבער איין וויטיק.
טאָ וואָס איז מיין טרייסט אויף דער עלטער ?

רבונו של עולם . . . דערבאַרעם !
שוין רואיק, מען גייט שוין פון שעלטער.
אין גאַס איז פול־זוניק, איז וואַרעם.
מען שפּרייזט אין די נעצן פון שטראַלן,
מען האַנדלט, פאַרשיידענע בראַנזשן,
און וואו נאַר דיין אויג זאָל ניט פאַלן,
אַראַנזשן און ווידער אַראַנזשן . . .
מען האָט עס אַ סך און טאָג־טעגלעך,
מען קוקט ניט אויף דעם, מען צעטרעט עס . . .
די עפּל . . . ווען זיין וואָלט עס מעגלעך,
זיי כאַפּן און וואַרפן אין געטאָ . . .

פון חיפה, אַ כביש, אַ מאַסיוועער
אַ ליכטיקער וועג און אַ ברייטער,
אויף גאַסן אַריין תל־אביב׳ער
מיט איינעם אַ פריינט, אַ באַגלייטער.
פאַראַן איז אַ ים דאָ און אָטעם,
אַ שטאָט מיט פאַרנעם, זיי צופרידן !
אַ שטאָט, וואָס איז ליב אין פיל פרטים —
געבויט און געהאַמערט פון אידן.
געקומען איז איינער פון תימן,
דער צווייטער פון ווין און פון דאַנציג,
פון ליטע, פון רוסישע היימען,
און שפּראַכן, אויף זיכער אַ צוואַנציק.
מיט לאַנגע געשיכטעס פון וואַנדער,
מיט טיפע לעגענדעס פון דויער . . .
איך גיי זיך מיט זיי ניט פאַנאַנדער
אויף אידישע וועגן פון טרויער.
מיט קליידונג פון אַנדערע ראַסן,
מיט פרעמדע און אייגענע לידער . . .
און אידן פון וואַרשעווער גאַסן . . .
מיט מזל, מיר זעען זיך ווידער.

ז. סעגאַלאָוויטש

אַ כראָניק פון וויטעבסק

"די ערד האָט געקרעכצט גאַנצע צוויי טעג".

(פון די צייטונגען)

. . . און טויטע און לעבעדיקע האָט מען ביינאַנד
געוואָרפן אין איין גרויסער גרוב און פאַרשאָטן,
און די ערד האָט געקרעכצט צוויי טעג נאָכאַנאַנד,
געזשיפּעט צוויי טעג מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם.

צוויי טעג האָט די ערד געזשיפּעט, געהוסט,
געפּאָכעט, ווי אַ בויך פון אַ חולה מסוכן,
גע׳דופק׳ט אַגאַניש, אַזוי ווי אַ ברוסט,
צוויי טעג נאָכאַנאַנד ניט אויפגעהערט צוקן.

ניט אויפגעהערט קרעכצן מיט אַן אימה׳דיק קול
צוויי לאַנגע טעג, ווי צוויי טויזנט יאָרן,
און ערשט אויפן טאָג דעם דריטן אין צאָל
איז די ערד אַן אמת׳ער קבר געוואָרן . . .

ס׳איז כראָניש די כראָניק, וואָס איז פאַרשריבן, —
אַזוי ווי אין וויטעבסק, אַזוי — אין מיין קיעוו.
און ווי איז צו מיר, וואָס איך בין געבליבן
די וואונדן מיט שערבלעך צו קראַצן, ווי איוב.

און ווי איז צו מיר, וואָס איך צאָל מיט גראַמען
פאַרן שלאָג פון מיין האַרץ, פאַרן צוג פון מיין אָטעם
און ליג ניט מיט זיי אין קבר צוזאַמען
פאַרפייניקט צום טויט, צי ביים לעבן פאַרשאָטן.

מ. טעקאַטש

דער סאָלדאַט

אויב איך וועל שטאַרבן, זאָלט איר איינס נאָר קלערן:
א ווינקל איז פאַראַן אויף פרעמדן באָדן,
וואָס אייביק ענגלאַנד איז, און דאָרט וועט ווערן
אין רייכער ערד נאָך רייכערער שטויב פאַרקנאָטן.
לעבן און גוף האָט ענגלאַנד אים געגעבן,
בלומען צו ליבן, וועגן אומצושפּאַנען,
און ענגלאַנד׳ס לופט צו אָטעמען, און זיין לעבן
געבענטשט מיט אייגענע וואַסערן און זונען.

און קלערט, אַ פּולס אין אייביקן פאַרשטאַנד
איז אָט דאָס האַרץ, פון אַל־דאָס־בייז באַפרייט, —
גיט אָפּ, וואָס איז פון ענגלאַנד אים געקומען
געדאַנקען, וויזיעס, קלאַנגען, הימלאַנד׳ס טרוימען,
לאַכן פון פריינט געלערנט, צערטלעכקייט
פון הערצער פרידלעכע אין אייגענעם לאַנד.

ר ו פּ ע ר ט ב ר ו ק

וואגלער פון דער ערד

אַלץ, וואָס דו האָסט אונז געגעבן,
וועלן מיר דיר אָפּגעבן צוריק,
מיר, דיין שפּראַך, דיין גרינס, דיין לעבן —
אונזער אויפגלי, אונזער גלויבן, אונזער גליק.

האָסט געגעבן אונז צו זען און וויסן
אויף דיין אָטעמדיקער פלאַך.
האָסט אין פעלד געגרייט אַ שטיין אונז פאַר אַ קישן,
ברייטע הימלען פאַר אַ דאַך.

פון דיין אינגעווייד דיר ברענגען מיר אַ קרבן,
אונזער אָפּערונג אין שפּראַצנדיקן וואָרט.
און אויף אייביק בלייבט אין רוימען ניט פאַרשטאָרבן
יעדע רגע אַן אַקאָרד.

י. קיסין

איך האָב געהאַט אַ שיין, ליב פאָטערלאַנד

איך האָב געהאַט אַ שיין, ליב פאָטערלאַנד:
דער דעמב אין רוים
שטייט הויך דאָרט, און די וויאָלעט זיך נייגט —
דאָס איז געווען אַ טרוים.

דאָרט האָט מען מיך געקושט, געזאָגט אויף דייטש
(פאַראַנען קוים
נאָך אַזאַ כישוף־קלאַנג): „איך ליבע דיך״ —
דאָס איז געווען אַ טרוים.

היינריך היינע

פון דער דראַמע „ירמיהו״

שטימען פון גייער:

אין פרעמדע שטיבער וועלן מיר וואוינען,
און עסן ברויט, געזאַלצן מיט טרערן.
אויף בענקלעך פון שאַנד וועלן מיר זיצן,
און שלאָפן אין אַנגסטן אין שונא׳ס געצעלט.
דער אומעט פון יאָרן וועט אויף אונז פאַלן,
דער יאָך פון קעניגן און דרוק פון הערשער —
דאָך וועט אונזער גייסט פאַרלאָזן די פרעמד
און שטענדיק רוהען אין ירושלים.

אַנדערע שטימען פון גייער:
פון ווייטע וואַסערן וועלן מיר טרינקען,
און ביטערניש וועט ברענען דאָס פאַרשמאַכטע מויל,
מיט פרעמד וועלן ביימער אונז באַשאָטענען,
און שטימען פון אַנגסטן וועט אונז ברענגען דער ווינט —
דאָך וועט גלות ביי אונז ניט ווערן קיין ווייט,
ווייל פון שטערן פינקלט צו אונז טרייסט,
און פון נעכט טויכן־אויף טרוימען פון היים,
און אונזערע זעלן ווערן געקרעפטיקט
פון דער הייליקער נאָרונג — ירושלים.

ווייטערע שטימען פון גייער:
אויף פרעמדע וועגן וועלן מיר גיין,
דורך לאַנד און לענדער יאָגט אונז דער ווינט,
הימלאַנד נאָך הימלאַנד רייסן די פעלקער
אַרויס אונז פון אונטער די ברענענדע זוילן,
מען לאָזט אונזער שטאַם ניט אין ערגעץ זיך וואָרצלען,
איין קייט פון וואַנדער איז אונזער וועלט —
דאָך גליקזעליק זיינען מיר, די וועלט־באַזיגטע,
גליקלעך אויך, ווען מיר זיינען בלויז שטויב פון די וועגן,
מיט קיינעם פאַרברידערט, פון קיינעם פאַרבעטן,
דאָך גייט אונזער וועג דורך אַלע צייטן
צו אונזער שטענדיק געגאַרטער ירושלים!

סטעפאן צווייג

דער וועג פון וואָגלער

זע און געדענק. קוק הויך אַרויף אין הימל,
קוק טיף און טיף אין ים־לופט ריינע, קילע,
אין רוים אָן ענד, אין דעם סוף־וועג פון תפילה.
איצט רייד און רייד אַרויף צום הייליקן דאָם.
וואָס איז די תשובה, וואָס דו הערסט פון הימל?
— פאַרנומען איז דער הימל; דאָ איז ניט דיין היים.

זע און געדענק. קוק ווייט אַרויס צום ים,
קוק טיף אין אייביקן שטראָם, קוק טיף אַרונטער.
אפשר דאָ אינווייניק, אפשר דאָ אונטן —
קבר צו וויג אין קרייזלדיקן שוים?
אויף כוואַליעס ווינט איז מסכים מיט'ן ים:
— פאַרנומען איז דאָס וואַסער; דאָ איז ניט דיין היים.

זע און געדענק. קוק אויף דאָס ברייטע לאַנד,
ווייט, ווייט, פול מיט פאַבריקן און מיט גראָזן.
זייִן, דורכגיין דאָ געוויס וועט מען דיר לאָזן.
רייד, פרעג ביים וואַלד און פרעג ביים פעטן ליים.
וואָס הערסטו איצט? וואָס ענטפערט דיר דאָס לאַנד?
— פאַרנומען איז די ערד; ניין, דאָ איז ניט דיין היים.

קאַרל דזש. שאַפּיראָ

מיין פאָלק

(מיין געליבטן זון פּאָול)

דער פעלז צעפאַלט,
פון וועלכן איך שטאַם,
צו וועלכן איך זינג מיינע הימנען . . .
מיטאַמאָל שאַרף קער איך זיך אָפּ פון וועג
און ריזל מיט געברום געהיים
ווייט, ווייט איבער טרויער־שטיינער
צום ים.
אַזוי האָב איך אָפּגעשטראָמט
פון דעם יוירענדיקן זאַפט
פון מיין אייגענעם בלוט.
און דאָך, און דאָך קלינגט אַלעמאָל אָפּ אין מיר
אַן עכאָ,
ווען, ציטערנדיק, אַנטקעגן מזרח
יענער צעפאַלנדיקער פעלז־געביין,
מיין פאָלק,
שרייט צו גאָט.

עלזע לאַסקער־שילער

אוי, ברידער . . .

אוי, ברידער מיינע, ברידער מיינע,
אוי, קינדער אידישע — גאָט׳ס צער!
פון דייטשלאַנד, פוילן און אוקריינע
געפאַלן איז אויף אייך גאָט׳ס גזר.

דער שווערער שטיוול פון דעם שונא
האָט אייך צעטראָטן אין זיין וואוט . . .
קדושים הייליקע און ריינע,
שטום גייט איר אויס אין אייער בלוט.

און שטום, אין גלויבן ווי די זיידעס,
איר גייט אויף שייטער ווי די שאָף;
און טעג פון פיין — זיי זיינען עדות
ווי שטאָלץ איר נעמט פון גאָט די שטראָף.

און אין דער גסיסה לעבט איר ווייטער
אין אייביק דויערנדיקן ליכט,
און הייליק פון די העלע שייטער
איר לאַכט דעם שונא אין געזיכט.

מאָני לייב

פופציק ספר־תורה׳ס

אויף דער שטוּביקער פּאָליצע פון ביבליאָטעק
ליגן פּופּציק ספר־תורה׳ס איינגעוויקלט אין זעק.

פּופּציק פּליטים פון דאַנציג, וואָס אויף יענער זייט ים —
אַנטלאָפן מיטן לעבן פון רציחה און פּלאָם.

כל־המינים ספר־תורה׳ס פון פאַרשיידענער גרויס,
פון רייכן בית־המדרש און פון אָרעמען קלויז.

פון די יוסטע באַלעבאַטים און לומדים פון שול,
און די מענטשן פון נאָדל און זעג און קאַפּול.

פּופּציק ספר־תורה׳ס איינגעוויקלט אין זעק, —
אַנטלויפן פון פייער און רוצחישע העק.

ליגן אויף דער גרויער פּאָליצע פאַרשעמט
אין שטוּביקן שאָטן פון באַלקן און ווענט.

און אַמאָל האָבן לאָמפּן איבער זיי געבליצט,
און די שמחה האָט פון אַלע זייטן געשפּריצט.

ס׳האָט געקלונגען דער כתר מיט גאָלדיקן קלאַנג,
מיט אַ פליעסקען פון הענט און אַ פריידיק געזאַנג.

און די מענטעלעך — סאַמעט, מיט בלוט און קווייט,
מיט לייבן און הירשן אין זייד אויסגענייט.

און געפּלאָטערט, געציטערט איבער זיי האָבן בערד —
זייער כבוד לתורה! — געאַכפּערט, געערט.

פּופּציק ספר־תּורה׳ס, אַנשטאָט סאַמעט־זעק,
אָפּגעריסענע פּליטים אויף אַמעריקע׳ס ברעג.

און די אַלטע שכינה הויערט איבער זיי,
הויערט איבער זיי אין אַ שטום געשריי.

דמשק, צור און צידון און לבנון

זיי דונערן אויף אייער באַרג און פּלאַך.
דמשק, צור און צידון און לבנון —
ווידער זייט איר אויפגעשטאַנען פון תנ״ך;
די טאַנקען, עראָפּלאַנען און קאַנאָנען

אַ ציטער נעמט מיך אָן ביי אייער נאָמען
און ס׳פלאַקערט אויף דאָס הארץ און ברענט;
עס האָבן פון דער וועלט די בייזע שטראָמען
דעם זכר אייערן ניט אָפּווישן געקענט.

אָ, שוועסטער לייבלעכע פון ירושלים —
אויך אייך האָבן געטראַמפּלט האָרד נאָך האָרד
די רויבער: אשור, בבל און מצרים,
ווי ס׳לעבט אין בוך ישעה׳ס וואָרט.

„דער פעלשער פעלשט, דער רויבער רויבט״ — פון אייביק,
די רויבער פון אַמאָל און היינט דער הון.
מיר זיינען אַלט, דערפאַרן, זיינען גלייביק,
ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון.

ביט אַלעמאָל האָט איר זיך פיין באַנומען,
ווי ס׳האָט באַדאַרפט זיין צוויטן פריינט;
נאָר זאָל זיך צוקלעפּן מיין צונג צום גומען
אויב איך וועל דאָס דערמאָנען היינט.

הײנט שטײט איר אַלע אײנגעהילט אין פלאַמען
װי אין יחזקאל׳ס צײט אַמאָל;
מיר שטײען אױך אין טױטגעפאַר צוזאַמען —
זאָל גאָט פאַרנעמען אונזער קול.

בײ אונז — װאָס איז אַ טױזנט יאָר? אַ נעכטן!
אין לאַנגער אײביקײט אַ קורצער שפּאַן
מיר גלױבן אַלץ אין זיג פון דעם גערעכטן —
ס׳איז דין און דײן אױף דער װעלט פאַראַן!

י. י. שװאַרץ

פון „דער אײביקער איד"

איך פיל, איך בין שטאַרקער פון אַלע יסורים,
פון מענטשלעכער בײזקײט און שטרײט,
און שטאַרקער פון װאַסער, פון פײער, פון שטורעם,
און שטאַרקער אפילו פון צײט.
עס זײנען פאַר מיר, דורך די טױזנטער יאָרן,
די מלוכות די גרעסטע געגאַנגען פאַרלאָרן,
די פעלקער די שטאַרקסטע פאַרטיליקט געװאָרן,
און װעלט־שטעט צעאַקערט אין זאַלץ;
און ריזיקע בערג זײנען לאַנג שױן צעשאָטן,
און אײביקע װעלדער — צעפױלט און צעטראָטן,
און מעכטיקע פעלזן — צעװײקט און צעקנאָטן —
איך לעב און געדײע נאָך אַלץ.
איך לעב און איך לעב און איך װעל נאָך אַלץ לעבן
דורך טױזנטער יאָרן פון שטרײט;
איך װעל נאָך אַלץ לעבן און קעמפן און שטרעבן
און טעמפּ איז דער צאָן פון דער צײט!

פון דער פּאָעמע „אידיש"

פון וואָרמס, פון מיינץ און פון שפּייער,
דורך פּראָג און לובלין, ביז אָדעס,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין פייער,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין נס.
האָט שטענדיק דער בלוט־פיינט געהויערט,
געלויערט פילאָויגיק, דער טויט —
אָט דאָרט האָב איך, וויסט און פאַרטרויערט,
די עלטערן דיינע באַגלייט.
איך בין מיט זיי הונדערטער יאָרן
געגאַנגען דורך יעדער געפאַר,
און איינגעזאַפּט האָב איך דעם צאָרן,
און איינגעזאַפּט האָב איך דעם צער.
און אויסגעשמידט האָב איך דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און ווײ,
צו לעבן פאַר הייליקע תורות
און שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר זיי.

זאָלן זיי קומען

איך האָב ניט, אַ עלנטע אומה, מיט וואָס דיר צו דינען
אַרום אין דעם אָרימען, וואַכיקן לעבן ;
דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם היילן —
איך קען דיר אים געבן !

אַך, זאָלן זיי קומען, די הענקער, די ווערגער, די קוילער,
וואָס האָבן דיר אַלע היסטאָרישע וועגן
מיט בלוטן פאַרטרונקען — איך שטרעק מיט אַ שמחה
דעם האַלז זיי אַנטקעגן !

און וואָרעם זאָל פליסען אויך מיין בלוט אַהין אין די רייען,
אַהין אין די הייליקע, בלוטיקע ים׳ען
פון דיינע מיליאָנען גבורים און קדושים —
און שטראָמען צוזאַמען.

א. ליעסין

אהאספער

שוין וויפיל מאָל די ערדרונד דורכגעקרייצט,
דאָס ליכט פון טאָג איז קיינמאָל ניט פאַרגאַנגען,
די ווייטע וויסט נאָר רופט מיך אַלץ און רייצט.

קיין זאַך האָט נאָך מיין אומרו ניט געפאַנגען,
אין חלום שווינדן ים און באַרג און טאָל,
אין נעבל ווערן זיי פון מיר פאַרהאַנגען.

ווי ביי אַ שיכור איינזאַם קלינגט מיין קול,
אַלץ דרייט זיך אין אַ ראָד פאַר מיינע אויגן:
וויל אַלץ, וואָס ווערט, איז שוין געווען אַמאָל.

געבאָרן אין אַ רגע און פאַרפלויגן.
צווישן די רגע׳ס — אייביק גרויסע תהומ׳ען, —
ווי לאַנג האָט יעדע רגע זיך געצויגן.

און צווישן אייך וועט קלינגען אַלץ מיין נאָמען
אין די לעגענדעס פון מיין רום און שאַנד,
וועט פלייצן אַלץ מיין ליכט אין ברייטע שטראָמען.

ביז אויף דעם סוף פון אַלע טעג מיין האַנט
דערהויבן לעבן אייך וועט איר דערזען,
וואָס ווייזט אייך אויף דאָס צוגעזאָגטע לאַנד.

מיט ערפאָרכט וועט איר מורמלען: ס׳איז געשען.

י. ג.

זיי און מיר

זיי מיינען, די רשעים, אַז מיר זיינען שטויב אין שטורעם, —
און אין צעברויזטן ים דערהויבן מיר זיך ווי די פעלזן;
ווען זיי פאַרוויסטן אונזערע געצעלטן — בלייבט דער טורעם
פון אונזער גלויבן און פון אונזער איבערצייטלעך העל־זען.
זיי לויפן אום און לאָבן זיך מיט ביינער פון נצחון, —
און מיר, דעם קאָפּ אויף שטיין, אַ לייטער זעען מיר אין חלום,
אויף וועלכן עס גייען אויף און נידערן אַראָפּ מלאכים,
און אויף די פליגלען גרינען זיך די צווייגעלעך פון שלום.

אַ תפילה

מיר שטייען פאַר דיר אויסגעשעפּטע:
אַזויפיל פאַר דיר שוין געליטן!
באַוויליק שוין, גאָט, אונזער קרבן,
און טו אונזער זכר פאַרהיטן.
מיר שטייען פאַר דיר און מיר בעטן:
אָ, לאָז ניט פאַרגיין אונזער זאָמען!
ס'וועט באַלד שוין ניט בלייבן דאָ קיינער
אַמאָל צו דערמאָנען דיין נאָמען.

מרדכי יאפע

די לייט פון בלוט און באַטרוג

(תהלים, נ"ה)

פאַר דעם געזאַנגמייסטער, מיט סטרונעשפּיל ;
אַ באַטראַכטונג פון דוד'ן.
פאַרנעם, גאָט, מיין תפילה,
און זאָלסט זיך ניט פאַרהוילן פון מיין געבעט.

האָרך צו מיר, און ענטפֿער מיר;
איך לויף אום אין מײַן קלאָג, און איך ברום,
פֿון דעם קול פֿון דעם פֿײַנט,
פֿון וועגן דער דריקונג פֿון דעם רשע;
וואָרום זיי ברענגען אויף מיר אומגליק,
און מיט צאָרן טוען זיי מיך פֿײַנטן.
מײַן האַרץ צאַפּלט אין מיר,
און טויטשרעקן זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף מיר,
און אַ שוידער האָט מיך באַדעקט.
און איך זאָג: ווער גיט מיר פֿליגלען ווי אַ טויב,
איך וואָלט אַוועקגעפֿלויגן און גערוט.
אָט וואָלט איך אַוועקגעוואָגלט ווײַט,
איך וואָלט געוויילט אין דער מדבר. סלה.
איך וואָלט מיך געאײַלט צו אַן אָנטרינונג
פֿון רײַסיקן ווינט, פֿונעם שטורעם.
צעמיש, גאָט, צעטייל זייער שפּראַך,
וואָרום איך האָב געזען רויב און קריג אין שטאָט.
טאָג און נאַכט רינגלען זיי זי אַרום אויף אירע מויערן,
און אומרעכט און אומגליק איז אין איר מיט.
פֿאַרברעכן זײַנען אין איר מיט.
און פֿון איר מאַרק טוט זיך ניט אָפּ דריקונג און באַטרוג.

וואָרים ניט אַ פֿײַנט טוט מיך לעסטערן —
דאָס וואָלט איך פֿאַרטראָגן;
ניט מײַן שונא האָט זיך געגרייסט איבער מיר —
פֿון אים וואָלט איך מיר פֿאַרבאָרגן;
נאָר דו, אַ מענטש מײַן גלײַכן,
מײַן חבר און מײַן באַקענטער,
וואָס באַנאַנד פֿלעגן מיר זיס זיך סודען,
גיין אין גאָט'ס הויז מיט געזעמל.
זאָל ער אָנרײַצן דעם טויט אויף זיי,
זאָלן זיי נידערן לעבעדיקערהייט אין אונטערערד!
וואָרים בייז איז אין זייער וואוינונג, צווישן זיי.

איך וועל רופן צו גאָט,
און יהוה וועט מיך העלפן.
אָוונט און פרימאָרגן און מיטנטאָג
וועל איך קלאָגן און וועל ברומען,
און ער טוט הערן מיין קול.
ער טוט אויסלייזן בשלום מיין זעל,
מען זאָל ניט גענענען צו מיר,
הגם זיי זיינען פיל קעגן מיר.
גאָט וועט הערן און וועט זיי אונטערטעניק מאַכן —
דער וואָס טראָגט פון אייביק אָן. סלה.
ווארים ניטאָ קיין אָפּבייט ביי זיי,
און זיי האָבן ניט מורא פאַר גאָט.
ער שטרעקט אויס זיינע הענט
אויף די וואָס זיינען אין שלום מיט אים,
ער פאַרשוועכט זיין בונד.
גלאַט זיינען די שמאַנטיקע רייד פון זיין מויל,
און זיין האַרץ איז מלחמה;
ווייכער פון בוימל זיינען זיינע ווערטער,
אָבער זיי זיינען שווערדן בלויזע.

וואַרף אויף גאָט דיין לאַסט,
און ער וועט דיך פאַרזאָרגן;
ער וועט קיינמאָל ניט לאָזן פאַלן דעם צדיק.
אָבער דו גאָט וועסט זיי נידערן אין קבר־גרוב,
די לייט פון בלוט און באַטרוג
וועלן ניט אויסלעבן האַלב זייערע טעג;
און איך וועל מיך פאַרזיכערן אויף דיר.

אַ פעסטונג איז אונז דער גאָט פון יעקב
(תהלים, מ״ו)

פאַר דעם געזאַנגמייסטער ; פון די קינדער פון קורח ;
אויף עלמות ; אַ ליד.
גאָט איז אונז אַ באַשיצונג און אַ שטאַרקייט,
אַ הילף אין צרות, גרינג צו געפינען.
דרום וועלן מיר ניט מורא האָבן,
ווען די ערד זאָל זיך בייטן,
און ווען די בערג זאָלן אומפאַלן
אין האַרצן פון ים.
מעגן ברומען, מעגן שוימען זיינע וואַסערן,
מעגן ציטערן די בערג פאַר זיין הויכקייט. סלה.

אַ טייך איז דאָ, וואָס זיינע שטראָמען דערפרייען די
שטאָט פון גאָט,
די הייליקסטע וואוינונג פון העכסטן.
גאָט איז אין איר מיט, זי וועט ניט אומפאַלן,
גאָט וועט זי העלפן אַקעגן פרימאָרגן.
פעלקער האָבן געטומלט, קיניגרייכן זיינען אומגעפאַלן ;
ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין קול, טוט זיך וואַקלען די ערד.
מיט אונז איז יהוה פון צבאות,
אַ פעסטונג איז אונז דער גאָט פון יעקב, סלה.

גייט זעט די אויפטוען פון גאָט,
וואָס האָט געמאַכט פאַרוויסטונגען אין לאַנד.
ער מאַכט אויפהערן מלחמות ביזן עק פון דער ערד,
דעם בויגן צעברעכט ער, און טוט צעהאַקן דעם שפּיז ;
רייטוועגן פאַרברענט ער אין פייער.
לאָזט אָפּ, און זייט וויסן אַז איך בין גאָט,
איך בין דערהויבן צווישן די פעלקער,
דערהויבן אויף דער ערד.
יהוה פון צבאות איז מיט אונז,
אַ פעסטונג איז אונז דער גאָט פון יעקב, סלה.

גאָט איז מיין פּאַסטוך

(תהלים, כ״ג)

אַ מזמור פון דוד׳ן.
גאָט איז מיין פּאַסטוך,
מיר וועט ניט פעלן.
אויף גראָזיקע פיטערפּלעצער מאַכט ער מיך הויערן,
ביי רואיקע וואַסערן טוט ער מיך פירן.
ער דערקוויקט מיין זעל;
ער פירט מיך אין ריכטיקע שטעגן
פון וועגן זיין נאָמען.
אפילו אַז איך גיי אין טאָל פון טויטשאָטן,
האָב איך ניט מורא פאַר בייז,
וואָרים דו ביסט מיט מיר;
דיין שטעקן און דיין אָנלען,
זיי טרייסטן מיך.
דו גרייטסט פאַר מיר אַ טיש
אַנטקעגן מיינע פיינט;
האָסט באַזאַלבט מיט אייל מיין קאָפּ,
מיין כוס לויפט אַריבער.
נאָר גוטס און גענאָד וועלן מיר נאָכגיין
אַלע טעג פון מיין לעבן,
און איך וועל זיצן אין גאָט׳ס הויז
אויף לאַנגע טעג.

י ה ו א ש

ג ע ט אָ

לענג־אויס צעקרימטע געסלעך — די דיקע געטאָ־מויער.
דער ווינט רייסט בייז דעם שווערן, שוואַרצן שלאָס.
ס'איז מיטן־נאַכט. ווער קלאַפּט? עס קלאַפּט אַ האַנט אין טויער:
„שטייט־אויף, געפּייניקטע, שטייט־אויף צו חצות!

„שטייט־אויף צו קללה אויפן שונא און צו תפלה —
שטייט־אויף און קלאָגט אַרויס פון זיך דעם צאַרן און דעם גיפט;
זעט: אויפגעוויקלט איז דער הימל־רוים ווי אַ מגילה
און ס'ברענט דורך פינסטערניש די שטערן־שריפט.

„די שריפט דערציילט, דערציילט — פּאַרצייטישע באַלאַדן —
צי הערט איר ניט די טריט די שווערע דורך דער געטאָ־צוים? —
חילות . . . מחנות . . .אנטיכוס . . . נבוזרדן . . .
טריאומף־געשריי פון פּרס און פון רוים.

„דיזעלבע שטערן האָבן דעמאָלט אויך פאַרשריבן
דעם אָנהויב און דעם סוף פון קריגער־מאַרש דורך שטאָט און פעלד;
פאַרטריבן זיינען די, וואָס האָבן אייך געטריבן
און איר — אין געטאָס — זענט געוואָרן: וועלט.

„דער בלוטיקער גערמאַן — דער פייניקער און צוימער —
אויך ער קאָן ניט פאַרצוימען מיט אַ וואַנט דעם אוניווערס;
זעט: ס'פאַלט אויף אים דער שאָטן פון דעם לעצטן רוימער,
די שאָטנס פון דעם יון און דעם פּערס.

„וואָס איז אַ מויער פאַרן פאָלק, וואָס האָט צעבראָכן
די צוימען אַלע צווישן מענטש און מענטש — און מענטש און גאָט;
צעטראָגן איבער גאָרער ערד גאָט'ס נאָמען און בטחון
און איינגעקריצט אין אייביגקייט: אחד?!

„שטייט אויף צו חצות! געפייניקט לייב און גלידער
און גאָט און שטערן זיינען איינס אַצינד;
די נאַכט איז אַ שוואַרץ־טאָוולדיקער אַלטער סידור,
די גאַנצע וועלט — איין אויפגעיערטע וואונד.

שטייט־אויף צו חצות, איר שטאָלצע, גאָט־געקושטע שלעפער,
מיט געלער לאַטע און אַ האַרץ מיט בראַנד;
מיליאָנען ביי דער טעמזע, האָדסאָן, דניעסטער, דניעפּער
דערהויבן זיך צום רוף מיט אייך באַנאַנד.

„שטייט־אויף, געפייניקטע, צו קללה און צו תפלה
און קלאָגט־אַרויס פון זיך דעם וויי און צאָרן פון מעת־לעת;
דער הימל־רוים — אַן אויפגעוויקלטע מגילה —
די נאַכט איז גרייט פאַר חשבון און פאַר נס!"

געלע לאַטע

פאַמעלעך לעשט זיך אויס די זון אין געלן גאָלד.
די פעלדער זויגן לעצטע שטראַלן — זאַטע;
לעצט ליכט . . . לעצט גאָלד . . . די זון אין מערב־האָריזאָנט —
אַ געלע לאַטע.

די נאַכט קומט־אָן מיט שטילע, טרויעריקע טריט.
לבנה שאַרט זיך, ווי פאַרשעמט, אַ מאַטע;
לבנה געל . . . לבנה איבער גאָרער וועלט —
אַ געלע לאַטע.

צום הימל האַלט אַזוי געווענדט דיין שטאַרן בליק
און מיט דיין בליק קריץ־אויס אין בלאָ די דאַטע:
יאָר ניינצן־פערציק — צייט פון ראַדיאָ, עראָפּלאַן
און געלער לאַטע.

די צייט פון האַקנקרייץ. די וועלט — אַ תפיסה־צעל.
ווער יאָמערט אַזוי עלנט הינטער גראַטע?
דאָס יאָמערט גאָט, און פון זיין קלייד, ווי שכינה, שיינט —
אַ געלע לאַטע.

א. אלמי

געטאָ־ליד

מיין געזאַנג אין דיינע ביינדלעך
ווי יונגער שניי צעגייט.
אין דיינע שטערנדיקע אויגן
וואַכט אויף אַן אַלטע פרייד.
לאַכעלע, מיין קינד,
זינגעניו, מיין טרויער,
ס'גייען אויף זיבן זונען
אויף אַן אַלטן מויער.

דער שבת ווינט אַ פאַרשוועכטער,
פון די בוימער־שפּיצן.
אויף אַלע חושכ'דיקע געסלעך
טויטע בעטלער זיצן.
שוויגעניו, מיין קינד,
שלאָפעלע, מיין קרישל,
אויף דיין לײדיקן טעלער
טאַנצט אַ גילדן פישל.

שטערן פון אונטערוועגס,
באַלייכט דיין טאַטנ׳ס וועג.
די לבנה איז זיין פאַרמעגנס,
אויפן נאַכטיקן געיעג.
שלאָפעשי, מיין קינד,
קושעניו דיינע אויגן,
איבער קלאַגנדיקע חורבות
איז אַ טייבעלע געפלויגן.

דאָס טייבעלע ביסטו דאָך,
דיינע הענטלעך ווייסע פליגל.
דיין מאַמע וועט נישט אָפטרעטן
פון דיין הונגעריק וויגל.
שאַזשעשי, מיין קינד,
שטילעניו, מיין טרויער.
דיין טאַטנ׳ס גוטע הענט
עפענען דעם טויער.

יעקב גלאַטשטיין

כבוד, געלע לאַטע!

איך האָב געהאַלטן אין מיין האַנט
אַ שטיקל געל געוואַנט —
אַ צעדריבלטן, צעקנייטשטן ווי אַ שמאַטע,
און ס׳האַט מיט קרימעניש און גרויל
זיך דורכגעריסן דורך מיין מויל:
אַט דאָס איז זי — די אידישע, די געלע לאַטע!

און ס׳האַט פאַרביי מיין אויג געטאָן אַ בליץ:
פון צווישן יעדן קנייטש אַ בלויער שפּיץ —
זעקס בלויע קרומע שפּיצן פונעם מגן־דוד;

און ס'האָט צום האַלז געטאָן אַ שלאָג,
אַזוי ווי אַ געשטורץ פון בלוט, אַ הייסער זאָג:
אָט דאָס איז ער — דער אידישער, דער בלויער כבוד!

און ווי איך האָב מיין אַנגסט געשטיקט אַזוי —
האָט איבער מיר געיאָגט זיך אַ געשריי
און ווי אַ שטורעמווינט אַ וואָרף געטאָן מיך נידער;
און נאָך דעם, דורך דער גאַנצער נאַכט ביז פרי,
געשפּירט האָב איך אויף מיינע הענט אַ ברי,
ווי כ'וואָלט זיך צוגערירט צו לייב, צו גלידער.

אַ כבוד, וואָס די שפּיצן זיינען קרום;
אַ כבוד, וואָס די קנייטשן כאַפּן אַרום
די אָרעמס און די פּלייצעס די האָרבאַטע!
אַ כבוד אָנגעזאָפּטער ווי אַ שוואָם
מיט חורבן, קדוש־השם און מיט פּאָגראָם —
שפּרייט אויס דיין ליבשאַפט אויף דער געלער לאַטע!

ה. לייוויק

צו מיינע ברידער אין די געטאָס

בלוט פון אייער אַלטן בלוט, אַ גליד פון אייער צעבראָכענעם גליד,
ברידער מיינע אין די געטאָס, כ'האָב קיין ווערטער פאַר מיין טרויעריק געמיט.

אייער מאַרטירעריש בלוט גליוועט אויף דער פּוילישער ערד,
אייער מאַרטירעריש בלוט איז פאַר מיין ליד אַזוי שווער.

אויף די פעלדער טריקנט ווייס אייער ביינערדיקער ברוך,
ס'וויכן עס די הונגעריקע הינט: ס'וויהט דערפון מיט פלוך.

אייערע אינגעווייטן פליקט דער הונגער און ס׳צערייסט זיי דעם שונא׳ס שרויט.
אומזיסט וואַרט איר אויף אַ נס, אין פּאַפּיר־תכריכים הילט אייך דער טויט.

מיט פּאַפּיר: די פליגל פון נייעם מלאך המות אין זייער פינצטערן געפּעכט,
פלאַטערט מיין ווייטאָג־געזאַנג אין די פיינפולע, שלאַפלאָזע נעכט.

וואו ביזטו, הימלישער מן אין דער וועלט׳ס נייעם, ענדלאָזן מדבר?
וואו ביזטו, משה׳ס שטעקן, וואָס מיט יעדן צוריר טוט ער וואונדער?

וואו ביזטו, קוואַל פון גנאַד, וואָס שווענקט אָפּ און לויטערט די זינד?
וואו ביזטו, ליכטיקער באַגינען, וואָס צעיאָגט די פינצטערניש ווי אַ ווינט?

אין וואַרשע, אויף נאַוואַליפּיע, שפּריצט מילך פון יעדן שטיין,
פון די ציגלדיקע קנעכטשאַפטס־מויערן שיט זיך מעל — לויטער, ריין.

ווי די שפּועים פון הר הכרמל איז מיט וויין־קוסטעס די לעשנאָ באַדעקט.
פריינט, האָסט אין מיין זינדלאָזער נשמה פאַר׳שכור׳ענדע טרוימען געוועקט.

נאָך דער אַמעריקאַנער הילף, ווי צום משיח אַמאָל, שטרעקסטו אויס דיינע הענט,
אומזיסט פּרוּווט דער אידישער רופא פאַרטרייבן דאָס עפּידעמישע געשפּענסט.

אַ קריסטלעכער ברודער האָט אין געהיים דיר געבראַכט קאַרטאָפל אַ טאָפּ,
סם האָט גענומען דיין געטאָ־בירגערמייסטער אַדאַם טשערניאַקאָף.

פּרעזידענט סטאַזשינסקי האָט אים באַגריסט אויפן מאַגיסטאַרט פון דער אייביגקייט,
„דערלאַנג מיר די האַנט, ברודער!״ — האָט ער געזאָגט אָן שום ווייטערדיקע רייד.

בלוט פון אייער אַלטן בלוט, אַ גליד פון אייער צעבראָכענעם גליד,
אַ, ברידער! — פון דער וויטער פרייהייט שיק איך אייך אַ טרויעריק ליד.

אייערע אינגעווייטן פליקט דער הונגער און ס'צערייסט זיי דעם שונא'ס
שרויט,
אומזיסט וואַרט איר אויף אַ נס, מיט פּאַפּיר פאַרהילט אייך דער טויט.

מיט פּאַפּיר: די פליגל פון נייעם מלאך המות אין זייער פינצטערן
געפעכט,
פלאַטערט מיין ווייטאָג־געזאַנג אין די פיינפולע, שלאָפלאָזע נעכט.

יוזעף וויטלין

צו אַ קינד אין געטאָ

מיין האַרץ לויפט שנעלער, ווי אַ טאַנק,
מיין אויג זעט העלער, ווי אַ טעלעסקאָפּ,
דורך וויטן ברייטן און פאַרסמטן ים —
זע איך דיין טייערן, דיין קליינעם קאָפּ.
דיין בלאָנד קעפּעלע, די הערעלעך, ווי פלאַקס,
דעם גרויסן נס איך זע — אַ קינד אין געטאָ וואַקסט.

מיט הויכע פּיסעלעך,
אַ באָרוועסע, אָן שיך,
ביסט היינט אין הויף אַרויס
מיט שטראַליקן געזיכט.
און פאַר די פּיצעלעך —
די קינדער אין אַ קרייז —
געפּלוידערט און דערציילט
וועגן אַ „פּעקל שפּייז".

„אָנגעקומען אין פּאַפּיר,
אָנגעקומען אַ פּעקל שפּייז,
אָנגעקומען מיט אַ שיף
מעל און צוקער, טיי און רייז".

האָבן דיין גלייכן — פּיצעלעך — זיך איינגעהערט,
מיט צינגעלעך געלעקט, אָנגעקוקט דיך טיף,
און אויף דער ערד זיך אויסגעזעצט
און אויסגעקלעפּט אין זאַמד אַ שיף.

אַ שיף — — — —
די הענטעלעך אַרבעטן מיט פלייס,
אַ שיף — זי זאָל דורך געטאָ־ווענט
ברענגען צוקער, מעל און רייז.

זיך איך איצטער דאָ ביינאַכט
און ווייַן פאַרן אייביקן, וואָס ער האָט אפשר טרערן ליב,
עס זאָל דורך ווייטן, דורך פאַרסמטן ים —
דורכשווימען אייער אויפגעקלעפּטע שיף.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

אומפאַרשטענדלעך

די נאַכט . . . די נאַכט וועט אייביק בלייבן שטערנלאָז?
דאָס חשכות טוט דאָס שטאַרבנדיקע האַרץ פאַרצערן.
ווי איז עס? זיינען טאָקע קיינמאָל —
קיינמאָל ניט געווען קיין שטערן?

און איז דען ווען געווען —
אַ טאָג — אַ ליכטיקער, אַ קלאָרער? —
אָן פּייניקונג, אָן שאַדנפרייד?
גאָט, פאַרלעש די לעצטע פונקען פון זכרון.

און ווען־ניט־ווען בלייכט־אויף, גייט־אויף
אַ וואונטש, וואָס ווערט מאָדנער, ווייטער רעיון,
און נאָכדעם . . . נאָכדעם — אַלץ בלחש:
טיפע ווערטער, תפילות; — פלוצים — אַ פאַרשטיקטער שרייען.

און סאַראַ חוזק . . . הויך אין חשכות בליט
אַ וואַלקנדיק־צעשוימטע האַנט,
און צינדט־אָן — בראשיתדיק — אַ שטערן,
וואָס ציטערט, וואַקסט, און בליצט פון ראַנד צו ראַנד.

און ס׳ווערן אומפאַרשטענדלעך: —
לאַנג־פאַרענטפערטע פאַרוואָסן,
אימה׳דיקע תפילות, ווייטע ליכט,
און ווילדע, שטומע חצותן.

נ. ב. מינקאָוו

פון שטאָל שמיד אויס אַ האַרץ,
דו מענטש, און קום . . .

מע גייט און מע קלאָגט, און מע קלייבט אין די פּאַלעס
ווי ירמיהו אויף דעם גלות־וועג,
שפּורן און צייכנס פון וויפילטן גלות —
שפּורן און צייכנס פון פאַרכטיקע טעג.

מע גייט, און מע קלייבט, און מען קלאָגט אויפן גלות
און ניטאָ קיין סוף צו דעם לאַנגן וועג.
און עס שרייט דאָס בלוט פון דעם נביא׳ס פּאַלעס,
און עס שרייט דאָס האַרץ ווי אונטער אַ זעג.

עס שרייט דאָס האַרץ, און עס ברעכט דעם רוקן
דער פּאַק — וואָס מע טראָגט צום העכסטן געריכט,
און עס ברענען די אויגן פון מידן קוקן
ביים קאַרגן שיין פון לאַמטערן־ליכט.

גענוג דיר, דיכטער פון צער און צאָרן,
פאַרלעש דעם לאַמטערן, וואָס טויג דאָס ליכט?
אין קראַנקע נעפּלען פון טויזנטער יאָרן,
פאַרגייט, פאַרגייט משיח׳ס געזיכט.

געגוג דיר, דיכטער פון צער און צאָרן,
פיר מיך אַרויס פון טויטנטאָל,
דאָס געשמידטע האַרץ איז צעבראָכן געוואָרן,
קלעקט דען אַצינד אַ האַרץ פון שטאָל?

געגוג דיר, דיכטער פון צער און צאָרן,
ס׳איז פאַרלאָשן דאָס ליכט און ס׳איז בלינד דער וועג —
וואָרצל מיך אויס ווי אַ ווילדן דאָרן,
רייס מיך אַרויס פון די פאַרכטיקע טעג!

א. טאַבאַטשניק

איך זע אין 1938

אויף דער גאַנצער קיילעכדיקער ערד
זיינען צעשפּריט מיינע נאָך אַלץ ניט געליטערטע
ברידער,
וועמעס איינציקע זון איז די לאַנגע, לעצטע נאַכט.

זייער בלוט שפּראָצט הייס און רויט אויף ווייסע שנייען ,
זייערע ביינער זיינען בלאַסער ציטער אין מדבר־זאַמדן,
זייערע צעבראָכענע רוקנס — פוס־בענקלעך פון פעלקער,
און אידישע פאַרשטאַרטע און אַלץ שוין ווי‌סנדיקע אויגן
גייען ווי ביליקע פּאַטשערקעס פון האַנט צו האַנט.

איז אפשר ערגעץ דאָ אַ טראָפּן לויטערע טרייסט.
אָבער טיפער פון טיף זיינען די יסורים־ברונימער
פון מיין צום לעבן פאַרמשפּטן פאָלק,
און זיינע דיכטער שעפּן אייביק פולע עמערס.

גבריאל פרייל

אָזימאַנדיאַס

מיר האָט אַ וואַנדערער פון וויטן לאַנד
אַמאָל געזאָגט: צוויי ריזן־פיס פון שטיין
אין מדבר שטייען, און דערביי, אין זאַמד
פאַרגראָבן, קוקט דער קאָפּ אַרויס אַליין
מיט האַרטן שטאָלץ, און קאַלט און גרויזאַם שיין
אַ שמייכל שפּילט ביים בויג פון ליפּן־ראַנד.
פון ליידנשאַפטן וואויל דעם טיפן מיין
געשטעמפּלט האָט אין שטיין דעם סקולפּטאָר׳ס האַנט.

און ווערטער זאָגן אויפן סטאַטוע־שפּליטער:
„כ׳בין אָזימאַנדיאַס, מלך איבער מלכים —
זעט, הערשער, מיינע ווערק אַרום און ציטערט.״

קיין זאַך אַרום דעם ריז, וואָס ליגט צעבראָכן,
איז מער ניטאָ — נאָר אונטער הימל שטום
צעשטרעקט אין וויט איז פלאַכער זאַמד אַרום.

פּ ו י ר ס י ב י ש ש ע ל י

אין הימל

און יענעם טאָג אין הימל, ביים עסקאַרפּ,
האָט מען קיין הלל־זינגען ניט פאַרנומען.
געציטערט האָט נאָך די אַנטשטומטע האַרף.
אַ מלאך האָט געוויינט אַזוי באַנומען,

און יעדער טרער געווען איז אַזוי שאַרף,
אַז ש וועלקן האָבן אָנגעהויבן בלומען.

אַ צווייטער האָט גענומען פֿאַלש אַ פּסאַלם, —
מען האָט דערהערט אַ לעסטערונג־אַקאָרד,
אַ שטיפֿערל, אַ שד אין מלאכטום,
מיט בייזן רעיון, נאָר אָן בייזן וואָרט,
געטייטלט נאָר ביי יעדן הלל־ברום
אַראָפּ צו דר׳ערד, צו אַ געמיינער האָרד,

גאָט קוקט אַראָפּ: דאָרט אונטן מענטשן וואָיען,
אין אָקסן־צוג געפֿירט צו אייזיקן לאַנד.
אין בלוטיקע וואונדן קערפּערס ברוין־און־בלויע.
עס זוכט אַ קינד זיין אָפּגעפֿליקטע האַנט.
שמעקט וויסנשאַפֿט קריג פֿאַרחתמעטן אין סלאָיעס,
אָן צאָל זשעניען מעדיצין אַנטמאַנט.

אַ וואונדער־פֿידלער וואַשט מיט צאַרטע פֿינגער
מיט לויג אַ רינשטאָק אונטער וואַכמאַנ׳ס רוט.
אַ הילף־רוף הערט זיך פֿון אַ פּריסטער יונגן.
אָן מוט, אָן ציל אַ צוויפֿלער תּפֿילה טוט.
און גאָט פֿאַרנעמט אַ פֿויל־גערוך פֿון הונגער
און דעם גערוך פֿון האַלב־פֿאַרטריקנטן בלוט.

קוקט דער פֿאַרוויינטער מלאך אין גאָט׳ס אויגן,
דער זינגער טייטלט מער ניט צו דער ערד.
מיט פֿליגל־קלאַפּן און מיט בליק פֿאַרצויגן
מיט פֿרייד, דאָס שרפֿל משוגע ווערט.
דער גוטער גאָט טוט נאָר דעם קאָפּ פֿאַרנויגן
און שיקט די סדום־מלאכים אויף דער ערד.

א. מ. קליין

דאָס וועט זיין אין צייט פון קץ

ועמד על כנו נבזה (דניאל י״א)

דאָס וועט זיין אין צייט פון קץ —
צייט פון אָפּגאָט און פון געץ.

ס׳וועט אַ נבזה׳ניק זיך נעמען
גלאַנץ און מאַכט פון אַ מלוכה,
און וועט אַלעמען פאַרשעמען,
און וועט אַלעמען באַטריגן
מיט פאַרשווערונג און מיט ליגן.

דאָס וועט זיין אין צייט פון קץ —
צייט פון אָפּגאָט און פון געץ.

ער וועט ציבדן, ער וועט רויבן
און זיך גרייסן איבער גאָט,
זיך אַליין וועט ער דערהייבן
צו דער הויך פון אַ געבאָט.

דאָס וועט זיין אין צייט פון קץ —
צייט פון אָפּגאָט און פון געץ.

אַלץ וועט טויטן דער פאַרלענדער
מיט דער פלייצונג פון זיין האַנט,
ער וועט שענדן אַלע לענדער
און נאָך מער דאָס שיינע לאַנד.

דאָס וועט זיין אין צייט פון קץ —
צייט פון אָפּגאָט און פון געץ.

וואויל צו דעם וואָס האָפט און וואַרט,
וואויל צו דעם וואָס גלויבט און האַרט, —
ווייל ס׳וועט קומען אויך דער גזר
אויף דעם נבזה׳ניק דעם האַר.

ה. לייוויק

סנחרב׳ס אונטערגאַנג

אשור לויפט — ווי אַ וואָלף, וואָס אַ סטאַדע באַפאַלט;
ס׳האָט זיין חיל אין גאָלד און אין פורפור געשטראַלט.
ס׳האָבן שפּיזן געגלאַנצט, ווי די שטערן אין תהום,
ווען עס רוישט פאַרביי גליל דער נאַכטיקער שטראָם.

ווי די בלעטער פון וואַלד — ווען דער פרילינג דערוואַכט,
האָט די מחנה מיט פאָנען געשימערט פאַרנאַכט.
ווי די בלעטער פון וואַלד — אין די האַרבסטיקע טעג,
ליגט די מחנה באַגינען פאַרוועלקט אויפן וועג.

ווייל דער מלאך פון טויט האָט די פליגלען פאַרשפּרייט,
און זיין אָטעם אין פּנים פון שונא געווייט;
ס׳זיינען אויגן אין שלומער געוואָרן פאַרקילט, —
ס׳האָבן הערצער געפלאַצט און אויף אייביק פאַרשטילט.

און דער קריגס־פערד אָט ליגט, ברייט־געעפנט זיין נאָז,
נאָר עס גליט ניט אין אים פון נצחון דער פלאַם.
ס׳איז דער שוים פון זיין גסיסה פאַרגליווערט אין גראָז,
ווי די וויס־קאַלטע פּיענע ביים ברעג פונם ים.

און דער רייטער אָט ליגט — זיין געזיכט אַזוי בלאַס,
ס׳איז זיין פאַנצער פאַראָסט, און זיין שטערן איז נאַס.
די געצעלטן פאַרשטומט; ס׳האָט דער שפּיז ניט געפּראַלט,
ס׳האָט די פאָן ניט געווייט; דער טראָמפּייט — ניט געשאַלט.

די אַלמנה פון אשור גיסט טרערן אַ קוואַל,
ס׳ליגט דער אָפּגאָט צעשמעטערט אין די טעמפּלען פון בעל.
און דער פיינט — ווען׳ דער שווערד ניט געמאַכט האָט צו שפּאָט
איז צעגאַנגען ווי שניי אין דעם אָטעם פון גאָט!

אין דעם טאָג, ווען טיטוס
האָט חרוב געמאַכט ירושלים

פון באַרג וואָס האָט לעצט אויף דיין מקדש געקוקט,
כ'האָב דיך, ציון, דערזען! פון די רוימער פאַרצוקט,
לעצטע זון אין פאַרגיי, און פון חורבן דער בראַנד, —
האָט געוואָרפן אַ שיין אויף מיין בליק — צו דיין וואַנט.

כ'האָב דיין טעמפּל געזוכט, און מיין היים, וואָס פאַרשטומט,
ניט געשפּירט גאָר די יאַכיקע קנעכטשאַפט ,וואָס קומט.
כ'האָב דעם טויט־פלאַם געזען, וואָס דיין וואוינאָרט פאַרלענדט,
און די קייט, וואָס פאַרשמידט פון נקמה די הענט.

און פאַרנאַכט נאָך פאַרנאַכט, הויכער באַרג, און אַליין,
האָט דערגליט לעצטן שטראַל פון די טעג אין פאַרגיין. —
כ'האָב געזען פון דעם שפּיץ בין־השמשות, געהיים, —
ווי עס נידערט און לעשט זיך דער בליק אויף דיין היים.

שטיי איך ווידער אויף באַרג אין דעם טאָג פון דיין פאַל,
נאָר מיך קימערט ניט מער דער פאַרנאַכטיקער שטראַל.
אַ, וואָלט בעסער אַ בליץ איצט זיך שניידיק צעשיינט,
און אַ דונער געקראַכט אויף דעם קאָפּ פון דעם פיינט.

ס'וועט דער געץ דער דאָך דיין נאָמען ניט מאַכן צו שאַנד,
אין דעם היכל, וואָס דו האָסט געוויילט אין דיין לאַנד;
כאָטש דיין פאָלק איז צעזייט און צעשפּרייט, און צו שפּאָט,
אונזער תפילה וועט אויפגיין צו דיר נאָר, צו גאָט!

די זעאונג פון בלשצר

דער קעניג אויפן טראָן,
און טויזנט ליכט אין זאַל;
סאַטראַפּן אויבנאָן,
ס'איז גרויס, אין רויש, דער גאַל.

די כוסות גאָלד־געגילט,
זײַ דאַרפֿן הייליק זײַן:
גאָט׳ס בלים אָנגעפֿילט —
מיט געצנדינער׳ס ווײַן.

אין זאַל, אין זעלבער שטונד,
די פֿינגער פֿון אַ האַנט,
ווי שרײַבנדיק דורך זאַמד,
באַווײַזן זיך אויפֿן וואַנט.
די פֿינגער — פֿלייש און בלוט,
נאָר האַנט — געשפּענסטיק, בלויז.
ווי כשופֿדיקע רוט,
רופֿט אות נאָך אות אַרויס.

אַ פֿרעמדער און אַ שקלאַף,
געפֿאַנגען אין דעם לאַנד,
ער זעט דעם מאָדנעם כתב,
און ווייס, וואָס ס׳שרײַבט די האַנט.
די לאָמפּן — העל אַ פּראַכט,
די זעאונג אויך איז קלאָר:
דער יונג באַשיידט בײַנאַכט,
דער מאָרגן ווײַזט ס׳איז וואָר.

בלשצר׳ס גרוב געענט,
זײַן קעניגרײַך צעפֿאַלט:
און ער, אין גורל׳ס הענט,
ווערט ליים, ווערט קליין און קאַלט.
זײַן שטול ווערט קבר־שטיין,
תכריכים פֿון זײַן טראַכט,
קומט מדי שוין צוגיין,
און פּרס נעמט זײַן מאַכט.

לאָרד באַיראָן

יהודית

אין יהודית'עס אויגן
צעבליטער טאָג,
נאָר נאַכט אין איר האַרץ.
די ערד איז אָנטבלויזט,
דער הימל איז שאַרף.
די צייט אַ מגילה מיט רויטע טריט.

יהודית קאַמט דעם קלעם
פון אירע שוואַרצע האָר.
העליפאַרנוס צינדט דעם נצחון אָרום —
אַן אָרגיע פון הענט און פון שווערד.

און יהודית טרינקט דעם זאַפט
פון זון
און וויינט.
די פעסטקייט פון שטאָם אין איר טראָט,
און וויינפול די פרייד אין אירע גלידער.

אַפן שאַרף פון איר שווערד
העליפאַרנוסעס קאָפּ —
ער זעט
די אייביקע זון
אין יהודית'עס בליק.

שלמה שוואַרץ

אין קליידער פון נקמה
(ישעיה, נ"ט, 15-19)

און דער אמת פעלט,
און דער וואָס קערט זיך אָפּ פון בייז,
ווערט פאַר משוגע געהאַלטן.

און גאָט האָט געזען,
און עס איז געווען שלעכט אין זיינע אויגן,
וואָס קיין גערעכטיגקייט איז ניטאָ.
און ער האָט געזען, אַז קיין מענטש איז ניטאָ,
און זיך פאַרוואונדערט, וואָס קיינער שטעלט זיך ניט איין;
האָט אים זיין אָרעם געהאָלפן,
און זיין גערעכטיגקייט. זי האָט אים אונטערגעלענט.
און ער האָט אָנגעטאָן גערעכטיגקייט ווי אַ פּאַנצער,
און אַ קיווער פון הילף אויף זיין קאָפּ;
און ער האָט אָנגעטאָן קליידער פון נקמה צום מלבוש,
און זיך איינגעוויקלט ווי אין אַ מאַנטל אין צאָרן.
אַזוי ווי נאָך די טואונגען, אַזויערנאָך וועט ער באַצאָלן,
גרימצאָרן צו זיינע פיינט, פאַרגעלטונג צו זיינע שונאים;
צו די אינזלען וועט ער פאַרגעלטונג באַצאָלן.
און מע וועט מורא האָבן פאַרן נאָמען יהוה פון מערב,
און פון אויפגאַנג פון זון פאַר זיין פּראַכט;
ווארים דער פיינט וועט קומען ווי אַ שטראָם,
וואָס דער אָטעם פון גאָט טרייבט אים אָן.

ווי נישט וועלן ווערן די מענטשן פון מלחמה

(ישעיה, מ״א, 8־13)

און דו ישראל מיין קנעכט,
יעקב, וואָס איך האָב דיך אויסדערוויילט,
דער זאָמען פון אברהם מיין ליבהאָבער,
וואָס איך האָב דיך אָנגענומען פון די עקן ערד,
און פון אירע ברעגן דיך גערופן,
און געזאָגט צו דיר: מיין קנעכט ביסטו,
איך האָב דיך אויסדערוויילט און דיך ניט פאַראַכט;
זאָלסט ניט מורא האָבן, ווארים איך בין מיט דיר,

זאָלסט זיך ניט אומקוקן, ווארים איך בין דיין גאָט;
איך שטאַרק דיך און איך העלף דיך,
און איך לען דיך אונטער
מיט דער רעכטער האַנט פון מיין גערעכטיגקייט.
זע, פאַרשעמט און צו שאַנד וועלן ווערן
אַלע וואָס זיינען אָנגעצונדן אויף דיר;
ווי נישט וועלן ווערן און אונטערגיין
די מענטשן אין קריג מיט דיר;
וועסט זיי זוכן און זיי ניט געפינען,
די מענטשן אין שטרייט מיט דיר;
ווי נישט און ווי גאָרנישט וועלן ווערן
די מענטשן אין מלחמה מיט דיר.
וואָרים איך בין יהוה דיין גאָט,
וואָס האַלט דיין רעכטע האַנט,
דער וואָס זאָגט צו דיר:
זאָלסט ניט מורא האָבן, איך העלף דיך.

יהואש

איך טראַכט כסדר וועגן די . . .

איך טראַכט כסדר וועגן די, וועלכע זיינען ווירקלעך געווען גרויס.
וואָס האָבן פון מוטערלייב געדענקט דער זעל׳ס געשיכטע
דורך די קאָרידאָרן פון ליכט, וואו יעדע שעה אַ זון —
אַן ענדלאָזע, אַ זינגענדיקע. וואו זייער הארציק שטרעבן
איז געווען, אַז זייערע ליפּן, די נאָך־פלאַם־באַרירטע,
זאָלן דערציילן פון גייסט, וואָס איז פון קאָפּ ביז פוס געזאַנג.
און וואָס האָבן געזאַמלט פון די פרילינג־צווייגן
די באַגערן, צעשפּרייטע ווי בליטן איבער זייערע לייבער.

דאָס טייערסטע איז קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן
די גרינטלעכע פרייד פון דעם בלוט, וואָס קומט פון אייביקע פרילינגען,
און ברעכט דורך דעם פעלז פון וועלטן, לאַנג פאַר אונזער ערד.
קיינמאָל נישט צו פאַרשטויסן די הנאה פון פשוט׳ן מאָרגן־ליכט,
אויך נישט די ערנסטע אָוונט־מאָנונג נאָך ליבע.
קיינמאָל נישט צו דערלאָזן דעם טומל ביסלעכווייז צו דערשטיקן
מיט רויש און נעפּל דאָס צוויטן פון גייסט.

פון שניי ביז זון, אויף די העכסטע לאָנען —
זע, ווי ס׳וויגנדיקע גראָז יום־טוב׳ט זייערע נעמען,
ווי ס׳גריסן זיי די פּאַסמעס ווייסער וואָלקן,
און די פליסטערס פון ווינט אין האַרכנדיקן הימל.
די נעמען פון יענע וואָס האָבן געלעבט מיטן קאַמף פאַר לעבן,

וואָס האָבן אין זייערע הערצער געטוליעט דאָס האַרץ פון פייער.
זון־געבוירענע האָבן זיי אַ קורצע ווייל געררייזט צו דער זון,
און איבערגעלאָזט אויף פלאַטערנדיקער לופט זייער ערן־חתימה.

סטיווען ספענדער

די טויטע גיבורים

פלאַמט אויף, איר הימלען, פלאַמט אויף,
אונזערע גיבורים באַגריסט.
קושט זייערע אויגן אין שלאָף,
זיי שלאָפן נישט אומזיסט.

צעבליצט, שרפים, איבער וועלט
אייער פייער־שפּיז מיט קראַפט.
מיט נייע טעג צעהעלט
זייער טונקעלע העלדנשאַפט.

זייער ערשטער קרבן־טריט
פּילט די שטאָלצע לופטן אָן.
ס'ברענט אַלץ אַרויף און גליט
די קריגערישע פאָן.

פלאַם אויף, פלאַם אויף, געזאַנג.
איר שטערן — זינגט אין כאָר ;
ווי אונזער פּיין און פאַרלאַנג,
איז שטאַרק דער יונגער דור.

ס'איז ענגלאַנד'ס האַרץ זייער בלוט ;
דורך זייערע טויטע הענט,
דורך זייער נאָבעלן מוט
שטייט ענגלאַנד אומפאַרלענדט.

ענגלאַנד, זיי זיינען געוועזן גרייט
צו צאָלן דעם חוב דיר אָפּ.
זיי האָבן איצט אייביקייט,
ס'קומט זיי גאָט'ס קוש אין קאָפּ.

אייזיק ראָזענבערג

אָ, קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן!

אָ, קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! די שווערע רייזע איז צו ענד;
מיר האָבן דורכגעליטן פיל, מיר זיינען שוין ביי אונזער ציל;
די שיף קומט אָן אין האַפן באַלד, איך הער, דאָס פאָלק פאַר שמחה שאַלט,
אין גלאָקן קלינגען אונז אַ גרוס, און ליפּן שיקן אונז אַ קוש;
נאָר, אָ, מיין האַרץ! מיין האַרץ!
פאַרלאָז ניט אויפן דעק דעם אָרט,
וואו ס'ליגט מיין קאַפּיטאַן,
אָ, קאַלט און טויט!

אָ, קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! דערוואַך אין דיר דעם גלאָקן־קלאַנג!
פאַר דיר דיין האָרן שאַלט און רופט, און פאָנען פלאַטערן אין לופט;
פאַר דיר די קראַנצן און די פּראַכט, פאַר דיר די הערליכקייט און מאַכט;
מיט מענטשן ברויזט דער ברעג פון גליק, עס זוכט דיך דאָרשטיק
יעדער בליק;
אָ, קאַפּיטאַן! אָ פאָטער ליב!
מיין אָרעם לייב איך מונטער דיך;
צי ליגסטו ווירקלעך דאָ,
אָ, קאַלט און טויט!

מיין קאַפּיטאַן, ער ענטפערט ניט, זיין פּולס, זיין האַרץ שוין שלאָגט
ניט מער;
ער ליגט פאַר מיר אַ בלאַסער שטום און זעט שוין קיינעם ניט אַרום;
דאָך גליטשט די שיף זיך זיכער, לייכט, און אָט איז באַלד דער ציל
דערגרייכט;

פון לאַנגן וועג, פון וויסטן וועג, די שיף פון זיג, זי קומט צום ברעג;
איר, ברעגן, זינגט! איר, גלאָקן, קלינגט!
איך אָבער שטייביים שטילן אָרט,
וואו ס'ליגט מיין קאַפּיטאַן,
אַ, קאַלט און טויט.

וואלט וויטמאן

פון דער פּאָעמע „לינקאָלן"

עס איז געווען אַ פינסטערניש אין אָט דעם מאַן,
אַן אומגעהויערע און אויסגעהיילטע פינסטערניש,
וועלכע מיר דאַרפן ניט דערמאָנען, ניט טיילן מיט אים,
ניט אַריינגיין אין איר;
אַ פינסטערניש, דורך וועלכער שטאַרקע וואָרצלען האָבן זיך געשטריקט
אַרונטער אין דער ערד
צו אוראַלטע זאַכן;
צו די פּאַסטוכער־מלכים, וואָס זיינען געגאַנגען אויף דער ערד
און גערעדט מיט גאָט,
צו די וואַנדערער, וואָס האָבן געזוכט און אַליין ניט געוואוסט וואָס,
און געפונען זייער ציל צולעצט.
צו די מענטשן, וואָס האָבן געוואַכט, נאָר געוואַכט געדולדיק,
ווען אַלץ איז געווען פאַרלאָרן,
אַ סך ביטערע ווינטערס פון דורכפאַל;
אַרונטער צום גראַניט פון געדולד
האָבן אָט די וואָרצלען געצויגן, קנופּיקע אָדערדיקע וואָרצלען,
וואָס האָבן געגישטערט, געבויערט, געזוכט,
און געצויגן פון לעבעדיקן פעלז און לעבעדיקן וואַסער אַרום
דעם רויטן זאַפט אַרויפצוציִען צו דער זון.

ניט שטאָלץ, נאָר עניוות'דיק,
נאָר צו דינען און איבערגעבן ווייטער, דורכטראָגן ביז צום סוף
דורך דינסט;

וואָרים די האָק ווערט געצילטביים וואָרצל פון ביימער,
און די וואָס ברענגען ניט אַרויס קיין גוטע פּרוכט
וועלן, ווען דער טאָג וועט קומען, אָפּגעהאַקט ווערן און געוואָרפן ווערן
אין פייער.

ד ז ש א ן ג ו ל ד פ ל ע ט ש ע ר

דזשאָן בראַונס תפילה

(פון „דזשאָן בראַונ׳ס באָדי״)

אַלמעכטיקער, וואָס מיט דיין גרויסן ווילן
און מיט דיין רחמים איז מיר באַשערט געוואָרן
די גבורה פון דיין האַנט צו דערפילן
און די מאַכט פון דיין הייליקן צאָרן.

ניין און פערציק שווערע יאָרן
האָט דיין גוטסקייט מיך כסדר געפורעמט,
ביז מיינע טרערן זיינען אייזן געוואָרן,
דאָס האַרץ — געשטאָלט און צעשטורעמט.

איך ווייס, די פיין קען בויגן מיין קאָפּ,
די ענויים — פאַר מיין גוף צו שווער,
איז איידער דו שיקסט דיין צאָרן אַראָפּ
נאָך איינמאָל מיין תפילה הער.

כ׳האָב דיך געזען ווען דו האָסט אויסגעשטעלט
דעם שוואַרצן מאַן און זיין האָר,
באַפריי דעם קנעכט, האָסטו מיר באַפעלט,
דעם האָר פאַרלענד, דיין גזר.

פאַרגיס ניט בלוט, האָב איך געהערט
דיין קול צעקלינגען העל,
און כאָטש גאַנץ קאַנזעס ווערט צעשטערט,
איז עס דאָך אויף דיין באַפעל.

איך הער געדויש אויף ערד און שטיין,
די וועגענער אין לויף,
די צאַמען ברעכן זיך אַליין,
די טויערן פראַלן אויף.

כ'הער אויפקומען די חיה קריק,
זי ווערט פון רום געגנערט,
די העלדן קומען אויף צוריק
ווי ווירויך פון דער ערד.

פאַראויס פון זיי מאַרטירער־טריט
און קרוינען זון און בלוט,
אָ, קענזעס מיינע, גיסט מיר ניט
קיין רו אויף אַ מינוט.

שטייט אויף איר זין מיינע און הערט,
פאַרגעסט אָן אייער גליק,
מיר זיינען איצטער ביקס און שווערד
אין גאָט'ס געהייליקט קריג.

און לעבן מיר, ווערט פריי דער שקלאַף,
און שטאַרבן מיר, איז טויט.
נאָר גאָט האָט אונז אין זיין באַשאַף
אַ קבר אָנגעגרייט.

און ליכט צעגאָסן מיט זיין האַנט
פאַר אונזערטוועגן דאָרט,
יהושוע'ס שווערד הענגט אויף דער וואַנט,
פאַר מיינעם אויך דאָ אָרט.

און אויב דער שונא זיכער גייט
און זיגט אינ'ם געפעכט,
ווערט גאָט, וואָס שיקט זיין זון צום טויט,
ביים שונא מאָנען רעכט.

סטיווען ווינסענט בענעי

וועיק־אינזל

צום סוף זיינען זיי געשטאָרבן, אַנצופּילן די לערן־ביכער מיט רויש
פון קאַראַוואַנען, פון שלאַכט און די וואונדן
פון העלדנלאַנד וואָס שאַפט די פּאַן צו לערנען איר בראַווקייט.
געדענק זיי וואָס האָבן אייך געגעבן פרישן מוט דורך זייער טויט,
האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן וועג צו פאַרהאַרטעווען
דאָס בלוט וואָס איז גערונען דורך דער ים־מויער.

זיי האָבן געפּאַכטן, כאָטש זיי האָבן די נידערלאַגע פאַר זיך געזען,
און האָבן זייער הערלאַשקייט צו אַ געשעעניש געבראַכט,
אין פאַרלענגערן דעם טאָג כדי צו מאַכן די נאַכט שפּעט.
די שטילע קלאַנגען פון הימל אָדער די ווילדקייט
פון גיהנום, פאַרנעמען פאַר זיי דאָס אָרט פון זייער מלחמה־נעסט;
אָבער כאָטש זיי דאַרפן ערשט טעקסטביכער באַרייכערן,
זיינען זיי געשטאָרבן אויסגעלייענט, הינטער דעם שול־טויער.

ד ז ש א ן ה ע י

אַז ער איז פון פערד געפאַלן

אַז ער איז פון פערד געפאַלן
אָפן ווייסן שניי —
סלאַוואַ! סלאַוואַ! האָט געקלונגען
אים אַ לויב־געשריי.

און ער האָט צום קראַנקן האַרצן
שטיל זיין האַנט געדריקט,
עד, ווי קערט מען אַזאַ ווינטער
אום צוריק!

אַך, האָט מען דעם פיינט געשניטן, —
וואו אַ פראָנט איז דאָ,
נאָר פון הייכן אויף זיין קערפּער
פליט אַ שוואַרצע קראָ.

טוט אַ ציטער גאָר די וועלט,
ווען דער רייטער שיסט.
ווען ער איז אין פעלד געשטאָרבן,
האָט ער אַלץ באַגריסט.

פאולא טיטשינא

קדושים

רייס אויף, נשמה, דעם מאַרטירער קוואַל
וואָס האָט זיך דאָרט יאָרטויזנטן געזאַמלט
און זינג דעם פינצטערן פאַנאַנדערפאַל
פון פאָלק, וואָס האָט זיין שליחות אָפּגעשטאַמלט.
די זון גייט אויף און אונטער און מען שעכט:
מאַן, ווייב און קליינע קינדער, ווי די שאָף;
דער תליון זינגט זיין ליד פון מאַכט איז רעכט,
און גאָט איז נישט צו וועקן פון זיין שלאָף.
עס יאָגן אונז ווי וועלף די בלאָנדע הינט,
מיט שטאָלץ פון קאַלטן צפון דיינעם ווייסן;
און ס'האָט אונז איינגעשרויפּט אַ ווירבלווינט,
אַז ס'איז פון אים זיך נישט אַרויסצורייסן.
אין לעצטער פּיין, דאָ ברעכן מיר צוזאַמען:
דער מדבר קומט מיט זיינע פערציק יאָר.
איצט טוליען מיר זיך צו דער ערד דער מאַמען
און וואַרטן ביז די הימלען ווערן קלאָר.

מארק שווייד

דאָס לעבן זינגט אפילו אין טויט

רבי, ס'איז טרויעריק אויפן האַרץ:
שייך טרויעריק, ביט מיט ווערטער צו שילדערן,
ביטאַ אַזאַ פאַרב דעם טרויער אויסצובילדערן,
אַז פון דעם אַליין זאָל ווערן לויטערער געזאַנג.

— הער אויף, הער אויף, מ׳טאָר ניט אַזוי, מ׳טאָר ניט:
איך, דער רבי, זאָג, ס׳האָט זיך ניט געביטן אויף אַ האָר ניט,
ס׳איז ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווי גאָט ברוך הוא האָט געבאָטן.
ס׳איז אמת דער מענטש און ס׳איז אמת זיין שאָטן.

אַזוי ווי די טבע איז קיין טבע ניט אָן שטורעם,
אַזוי איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט אָן יסורים.
און שטורעם וואָס איז. האָ? שטורעם וואָס איז, ווייסטו?
און יסורים וואָס זיינען? יסורים פאַרשטייסטו?
שטורעם איז געזאַנג ווען דער טרויער ביז איבער די ברעגן טוט גרייכן
און יסורים איז קדושה וואָס שלאָגט אָן אין די העכסטע הייכן.
אַז ניט וואָלט דאָך חלילה געווען אַ סכנה,
אַז מען זאָל זיך אין גאָט ברוך הוא ניט דערמאָנען.
און וואָס וואָלט דאַן געווען? און וואָס וואָלט פון אונז געוואָרן? —
פאַרטרייב זי, די מחשבה, טרייב זי אַרויס פון זכרון.

און אַז מען וויל צוריקשמועסן איז עס אפשר גאָר קיין טרויער ניט.
נאָר לויטערער תוכן פון העכסטער פרייד,
וואָס, ניט קענענדיק געפינען אין זיך אַליין דעם באַשייד,
האָט עס אָנגעקלאַפּט אין העכערע טויערן.
וואו זיינען זיי, פרעגסטו?
אָט דאָ ניט ווייט,
אין דעם ספר הזכרונות
פון דער היינטיקער צייט:

— דורך אַ וועלדל, וואָס האָט מיט זון שעמערירט,
האָט אַ נאַצי צוויי אידן געפירט,
אַ טאַטן און אַ זון;
זיינען די דריי געגאַנגען,
און איבער די דריי איז די זון געהאַנגען,
און אַרום די דריי האָבן בלעטער געגרינט,
און מיט די בלעטער האָט זיך געשפּילט אַ ווינט.

האָט דער נאַצי געזאָגט:
איר צוויי, הערט זיך איין,
ס'מוז פוןביידן היינט שטאַרבן איינער,
וואַרפט גורל ווער דער איינער זאָל זיין.

איז וואָס מיינסטו, האָבן זיי גענומען ווייבען
און וועלטן איינלייגן? חלילה!
דאָס וואָלט געמיינט פאַרשאַפן דעם שטן נחת רוח;
נאָר פון די אויגן אַרויס, ווי פון הייליקן בוך,
האָט אַרויסגעלויכטן אַ ליכטיקע תפילה,
און די ליפּן פון ביידן זיינען געבליבן שטום,
און ביידע האָבן זיך געטאָן אַ נעם אַרום, —

ניט נאָר די פייגל און די זון אינדערמיט
און די פליגעלעך וואָס זיינען אַרומגעשפּרונגען,
נאָר די בלעטער, דאָס גראָז, און אַלץ וואָס האָט קיין לשון ניט,
האָבן זיך הויך אויפן קול צעזונגען.

איז וואָס זאָגסטו? טרויעריק? גיי שוין גיי:
לאָמיר צוזאַמען מיט די בלעטער און מיטן ווינט,
מיט די פייגל, מיט די פליגעלעך און מיט די גראָזן,
נו, גיכער, געשווינט,
העכער, נאָך העכער, לעבעדיקער, אָט אַזוי:
— ממעמקים פון דער טיפעניש, האָב איך גערופן יה,
ענני במרחב, און ער האָט געענטפערט: יאָ.

אַ געזאַנג

דער אַלטער איד זעט
ווי עס גייט דער מחבל
אָנגעגורט, באַפּאַנצערט
אין שטאָל פון קאָפּ ביז די פיס;

— אַנטלויף, אַלטער איד!
— עט, שוין בייגעוואוינט
דעם מבול,
און אַט,
דאַנקען גאָט,
מ׳לעבט ווי עס איז.

דער מחבל איז טויט־ערנסט,
ער איז דאָ אויף צו פֿאַרניכטן,
זיין האַנט איז פֿלינק און געניט,
און זיין פּולווער איז פֿלאַם;
— פּאַל, אַלטער איד! —
— ווי אַזוי קען איך?
אַז כ׳האָב נאָך ניט פֿאַרענדיקט
מיין געשיכטע,
נאָך ניט איינגעוויגט מיינע אייניקלעך,
איי־טי־די־דאָם־די־דאָם.

דעם מחבל׳ס בלוט וועט ניט איינשטילן
און רו וועט ניט געגענען,
פֿעלדער וועלן וויסטן,
און האָגלען וועט מיט פֿייער פֿון אויבן;
— שטאַרב, אַלטער איד! —
— שוטה, און אַז איך זאָל אפֿילו וועלן,
קען איך?
ווער וועט מחדש זיין די לבנה
און גאָט־ברוך־הוא לויבן?

און אַז עס וועט רעגענען,
ווער וועט זאָגן טל־ומטר,
חג־האסיף ווער וועט פֿייערן
און בורא־פּרי־אדמה מאַכן?

ס'איז דיר גרינג צו זאָגן:
— שטאַרב, אַלטער איד, — און פּטור;
אויף וועמען זאָל איך זיך פאַרלאָזן
מיט אָט־די אַלע זאַכן?

אַז, אָט,
און די קעלטן זיינען פאַרביי,
און דער ווינטער וועט ניט ווערן;
פון גאָט'ס פאַרוויסטער ערד
וועט אויפגיין אַ גרינער ים;
ווי אַ הון מיט הינדעלעך,
וועט אויפגיין
אַ וואַרעמע לבנה מיט שטערן —
טאָ ווער וועט זיי באַגעגענען
מיט אַ ברוך־הבא?
איי־טי־די־דאַם־טי־די־דאַם.

א. ניסענזאָן

אַ תפילה צו אַרכימעדן

פילהעגטיקער, צו דיר איז אונזער תפילה.
באַלאַגערט איז די ערד און שטיל איר קול,
ווי שטום איז לאַנג שוין דאַפּניסעס פּייפּיאַל,
טעאָקריט'ס זוניק ליד אין דיין סיציליע.

פון גרינער הים איז דאַפניס לאַנג אָן ווילן
אין פרעמד אַוועק, באַרויבט פון ווייץ און וואָל
און ווייַן. מ'האָט אים אין האַנט געגעבן שטאָל
און פרעמדע מאָרד־לוסט אים געהייסן שטילן.

דיין ווילן, אַרכימעד פון סיראַקוז,
איז אין אַ לאַנגער נאַכט אַ שיין געבליבן.
דיין פאָלק האָסטו געזאָגט אַמאָל: „איך מוז";

און, אָנגעטרויט דעם זאַמדביים בלויען ים
אַ בליק־געדאַנק אין נייער דיאַגראַם,
באַפרייט דיין שטאַם, דעם פיינד אין שרעק פאַרטריבן.

איצט רופן שטאַמען־ברידער דיך פון ווייט און נאָענט:
קום, מאַן פון שפיל, קום, מאַן פון קריג, קום, אַרכימעד,
צעשטויב דעם שוואַרצן דראַכן פון ניפאָן,
די אַקס פון בייז, דעם רוים־בערלינער שד.

הלל און עקיבא

(א. וואַלט־ליעסיניען)

אַזוי האָט אונז דער זקן נאָך געלערנט,
וואָס איז געווען דער פירשט פון ליכט און פרידן:
ווי זיך אַליין ליב יענעם — און ביי אידן
אַ גלייכער מיט דעם למדן ווערטן ווערן.
ליכט זאָל אין בלוט בלוט זיך ביים גערעכטן מערן, —
טראַכט רבי עקיבא, — לאָמיר שווערדן שמידן:
לעבן צי טויט — דער גורל איז אַנטשידן,
יהודה׳ס זין צו פרייהייט פירט אַ שטערן.

עליאַ קאַפיטאָלינאַ ווערט פון ציון,
ס׳האָט רוים פאַר איר זיין תורה און געבאָטן, —
ירושלים וועט פאַר געצן קניען.

נאָר, תנא, דיר קומט טויט דורך אייזן־ציינער.
עקיבא שטאַרבט מיט לעצטן „גאָט איז איינער". —
ניט דיין נצחון, פירשט פון חושך, שטן.

י. קיסין

דער סוף פון בר־כוכבא

(פון דער פּאָעמע „אין קיינעמס לאַנד")

עס רוישן שלאַכטן יאָר נאָך יאָר
אין בלוטיקן געהודער,
עס יאָגט דער רוימישער קאָהאָרט
דאָס חיל פון יהודה.

אַנטוישט, געיאָגט נאָך לעצטער שלאַכט
פון שונאים און פאַררעטער,
בר־כוכבא זיצט אין שפּעטער נאַכט
פאַרשפּאַרט אין פעסטונג ביתר.

עס צאַנקט אין אויל־רער טריבע שיין,
טויכט־אויף און ווערט פאַרגליווערט.
ביים זייט פון העלד — זיין לעצטער פריינט,
דער אַלטער רב עקיבא.

עס קוקט בר־כוכבא אויפן רער,
אויף צאַנק פון שיין פון טריבער:
— „מע רופט מיך ניט בר־כוכבא מער,
מע רופט מיך בר־כזיבא.

— „עס מורמלען צינגער: כ'האָב גענאַרט,
פאַרפירט דאָס פאָלק צום צורר . . .
עס שרעקט מיך ניט די טויט־געפאַר,
עס שרעקט ישראל'ס גורל." —

עקיבא שוויגט אַ וויל פאַרווירט,
נאָר פלוצים קלינגט זיין שטימע:
— „האָסט ניט גענאַרט און ניט פאַרפירט
דאָס פאָלק ישראל, שמעון.

— „אין דורות־לאַנגן הינערפלעט
וועט שטאַרבן בר־כזיבא.
אין פאָלקס זכרון לעבן וועט:
בר־כוכבא — העלד און גבור."

ל. פיינבערג

יהודה המכבי

אין הארץ די ליבע צו זיין בורא,
אין האַנט אַ שווערד, טרעט אויף אין פעלד
זיין פאָלק צו רעטן און זיין תורה
ירושלים׳ס לעצטער העלד . . .
מיט חוצפה פון אַ ווילדן טיגער,
מיט שטאַרקייט פון אַ יונגן לייב,
דערשיינט אין פעלד ער צווישן קריגער,
דערלאַנגט יהודה זיך אַ הייב.
אַט ברומט דער פיינט פון אַלע זייטן,
חילות פיל, ווי זאַמד און ערד,
פון נאָענטן קומען זיי און ווייטן,
צופוסן און אויף שטאַרקע פערד.
דאָך שלאָגט דער העלד דורך ווייטע מיילן
זיך דורך און שניידט דעם פיינט צו דר׳ערד,
דורך וואָלקנס שטויב און ימים פיילן
בליצט דורך יהודה׳ס שאַרפער שווערד.
שוין ליגט דער שונא פון די אידן,
און ער, דער פרומער פעכטער, רוט:
דער קאַמף איז אויס, דער זיג אַנטשידן,
גערעכנט איז ישראל׳ס בלוט . . .

מ. ראָזענפעלד

א י ו ב

געעפנט איז פאַר מיר מיט „איוב" דער תנ"ך.
— דו וואונדערלעכער מענש! אונז לערן אויך אין פלאָגן
מקבל זיין דאָס שלעכטע, ווי יעדע גוטע זאַך,
און לויבן גאָט אויך ווערנדיק פון אים געשלאָגן.

אַ, ווען מיר קאָנען נאָר ווי דו מיט גרויס געוויין
און מיט געמורמל אויסגיסן פאַר אים די זאָרגן;
און אין זיין פאָטערלעכן שויס, ווי דו אַליין,
דעם מידן קאָפּ אַזוי אַריינטאָן און פאַרבאָרגן.

רחל

שוצקעלער־ליד

סירענעס יאָמערן, אפשר לאָכן זיי?
באָמבעס טאַנצן און טאַנציק קראַכן זיי.
ס׳לעבט דער טויט און דער מענטש פאַרשווינדט.
אין שוץ־קעלער זיצן מאַמע און קינד.

יום־טוב׳דיק ווייזט זיך צום קינד אין קעלער
אַ דרויסן אַ גרויסער, אַ רויטער, אַ העלער.
מאַמע, ס׳מוז גוט זיין אַ באָמבע צו זיין!
כ׳וואָלט מיר געפליגן אַרויס און אַריין
און וואָלט געזען, ווי די וועלט פאַלט איין.
מאַמע, ס׳מוז גוט זיין דער באָמבע דער פרייער!
פליענדיק פייער, פליענדיק פייער.

מאַמע, ווען איך וואָלט אַ באָמבע געווען —
וואָלט איך געפליגן זוכן דעם טאַטן.
מאַמע, וואָס שווייגסטו? ס׳וואָלט פריילעך געווען.
כ׳וואָלט אויף די פליגלען גענומען דעם טאַטן
און זיך צוריקגעיאָגט — איינס, צוויי, דריי —
שנעל צו דיר, מאַמע, אַלץ שנעלער און שנעלער.
דרויסן מוז העל זיין — אַזוי ווי אין מאַי.
דרויסן מוז שיין זיין — אַזוי ווי אויף בעלער . . .
נישט אמת, מאַמע? אַזוי ווי אויף בעלער . . .

— — — — — — — — — — — — — —

מאַמע, פאַרוואָס זיינען באָמבעס פריי —
אַזוי פריילעך און פריי —
און אַ קינד מוז ליגן אין קעלער?

שלום גרין

צייט-ליד

מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן
ניט האָבן —
די פעלדער, די ברייטע, זיי שטייען אין גריבער
צעגראָבן.

מיר וועלן קיין שאָף און קיין רינד אויף דעם פעלד מער
ניט האָבן —
די פעלדער, זיי זיינען פאַרנומען מיט מתים
און ראָבן.

די ביימער, זיי שטייען באַלאָדן מיט עפל
און באַרן —
זיי וועלן אַזוי אויף די צווייגן פאַרפוילן,
פאַרדאַרן.

די אינגסטע, די קרעפטיקסטע מענטשן, זיי שטייען
אין פלאַקער —
ניטאָ ווער ס'זאָל זייען און פלאַנצן און פירן
דעם אַקער.

די פעלדער, זיי זיינען פאַרנומען מיט מתים
און ראָבן —
מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן
ניט האָבן.

י. אַדלער

אורלויב

האָסטו נאָך אַ קיום, מיין היים?
צי ביזטו גלייך מיט דער ערד?
וואגלען אויף דיינע בריקן מענטשן?
קוקן פון דיינע ליכטיקע פענצטער פערד?

אַך, האָט אונז גאָט צעזייט — מיין מאַמע!
ענדלעך האָבן מיר זיך געטראָפן!
אַ נחת איז צו זיין צוזאַמען!
אַ פאַרשלאָגן ווענטל, אַן ענג קאַבינעט,
אַ היים אין דער פרעמד . . .
ס'איז אָוונט, ס'ברענט דער לאָמפּ,
איך ליג אין בעט — — —
מיין מאַמע זיצט ביים טישל
און נייט ביים ליכט.
אויף איר טייער פנים שפּילט די שיין . . .

זי פלוידערט: „הערסט, מיין קינד?"
„ווייסט, מיין זון?" . . .
נחת . . . שטילע געבענטשטע פרייד — — —

אין דער מינוט
פאַלן מלוכות,
עס שטאַרבן פעלקער,
געשיקן פון קינדער טויכן אין בלוט!
מיין מאָרגן איז פרעמד —

די הייליקע הענט מיין מאַמע'ס
לאַטען מיר מיין העמד! . . .

בער האָראָוויץ

אַ מוטער גייט אַוועק

די מוטער איז ערשט געווען נאָך דאָ!
איצט איז זי שוין אַוועקגעגאַנגען,
ווי קיינמאָל נישט אַפריער.
זי האָט געלאָזן נישט באַזאָרגט דאָס הויז און אונז,
דעם פאָטער און די קיך,

דאָס בעטציַיג נישט צעטרייסלט, אפילו די בלומען
אָן פריש וואַסער —
און איז אַוועקגעגאַנגען, נישט אויסדרייענדיק זיך, —
איר ערשטער וועג אַליין, זינט יאָרן פיל,
אפשר זינט זי איז געווען אַ מיידל. און איז דאָך אַוועק,
נישט וויסנדיק קיין ציל, אָן איר פּאַס,
און אָן אַ פּאָר־שיך, אָן אַ מאַנטל,
הגם סע האָט גערעגנט. אפילו ס׳ביסל צירונג,
וואָס זי האָט זיך איין אַנגסט געראַטעוועט פון ווין,
האָט זי געלאָזט אָף אפקר אין דעם פרעמדן קופערט.
זי איז אַוועק אַזוי גיך, ווי ס׳וואָלט זי נישט געאַרט
די אייביקייט, וואָס זי וועט זיין אַוועק,
און וואָס זי וועט פון אונז מער גאָר נישט הערן.
ווי ס׳וואָלט אַלץ, וואָס ביי איר איז אַלץ געווען,
גאָר קיינמאָל נישט געווען: דער מאַן און די פאַמיליע;
ווי זי וואָלט דעם פאָטער פון אירע קינדער
אין יוגנט און געזונטקייט קיינמאָל נישט געטראָפן,
און קיינמאָל נישט געזען קיין קינד מיט אייגענע אויגן,
ווי ס׳איז דאָך איטלעכס אַנגעקומען פון איר לייב.
זי האָט דאָס אַלץ אינגאַנצן איבערגעלאָזט
מיט אַלע זאָרגן פון דעם דאַזיקן היינט,
און פון דעם נעכטן די באַליבטע דאגות,
וואָס זיינען געווען בעסערע, זוניקערע זאָרגן.
האָט אויפגעגעבן דעם מאָרגן, וואָס באַדראָט,
און גיט אונדז ווייניק האָפענונג, ווייל די פּאַרוואַגלונג,
דאָס איז אַ פעלד, וואו ס׳וואַקסט קנאַפּ האָפענונג,
אַ לאַנד פון שווערע וועגן. און פון דעם סוף
פון דער מלחמה וועט זי קיינמאָל מער ניט הערן,
אויב ער וועט זיך ענדיקן אַמאָל. פלוצלונג איז איר פּנים
געווען אַזוי גלאַט, ווי ס׳וואָלט שוין היינט געווען שלום,
תמיד געווען שלום, און ס׳וואָלט די שנאה,
וואָס זי האָט קיינמאָל נישט באַנומען, גאַרנישט ניט אַנטדעקט געוואָרן.
איר שווייגעוודיק פּנים האָט גערעדט פון אַנדערע זאַכן:

פון אַן אָנקומען בשלום נאָך אַ מיזאַמער נסיעה
צו אַ לאַנד, וואו אַלע פרעמדע לשונות זיינען איבערגעזעצט
אין דער מילדער שפּראַך פון מענשלעכן האַרצן.
ס'איז געוואָרן אינגער מיט אַ טויזנט יאָר דאָס פּנים אירס,
דאָס אַלטע.

וויינט נישט, וואָס די מוטער איז דאָ איצטער מער נישטאָ,
און וואָס זי איז אַוועקגעגאַנגען ווי אַ מענטש אָן זאָרגן,
וואָס פאַרמאָגט ניט גאָרנישט און צעגיט אַיעדע פליכט.
שטעלט אייך פאָר, זי האָט זיך לסוף גענומען אורלויב, פאַרגינט אים איר!
גיי, גוטע אַלטע פרוי! קוק דיך נישט אום קעריק!

ב ע ר ט אָ ל ד   פ י ר ט ע ל

אַ קאַרטל אין אַ פעקל צום פראָנט

„זאָל זיין, כ'האָב קיינמאָל ניט געזען אים, —
אַ מיידל שרייבט, — איך וועל אים זען:
מיין קאַרטל גיט אַוועק נאָר יענעם,
וואָס איז אין שלאַכט אַ העלד געווען.

איך קען ניט ליב האָבן קיין פחדן,
כ'וויל מיט קיין טרוס ניט זיין באַקאַנט!"
ביי סטאַראַיאַ רוסאַ האָט דאָס קאַרטל
אויף ברוסט באַהאַלטן אַ סערזשאַנט.

פליט פייער איבער קעפּ און דעכער,
ווערט ערד צעאַקערט מיטאַמאָל.
אין אַן אַטאַקע דורכגעלעכערט
דאָס קאַרטל האָט אַ קויל פון שטאָל.

קיין מיידל איז אים איצט ניט ליבער
אין לאַנגער פיבערדיקער נאַכט.
דער טויט פון הינטן שרעקט זיך איבער,
ווען זי פון קאַרטל לאַכט און לאַכט.

ס ט ע פ אַ ן   ש ט ש י פּ אַ ט ש אָ ו

נאַכט אין דאַנקערק

פראַנקרייך, פאַר די פיס ווי אַן אָפּגענוצטער טעפּיך צעשפּרייט,
שרומפּט איין פון שטענדיקן טרעטן, בעת דער טאָג פאַרגייט.
אויפן ים שווימען טויטע, מיט ברוכוואַרג צונויפגעמישטע,
איבערגעקערטע שיפלעך קוקן אויס ווי מיצן פון בישאָפּס;
אַ הונדערט טויזנט מאַן אויף נאַכט־וואַך זיינען דאָ,
וואו הימל באַגעגנט דעם ים אין דעם האָפן פון מאַלאָ;
פערד פוילן, עס שטייגט דער געשטאַנק אין פאַרנאַכטיקן הימל אַרויף,
און עס טראָגט זיך אַן אויפהער פאַרביי דער גרויסער געלויף.
די גלייכע קרייצונג הייבט אויף אין דער לופט צוויי אָרעמס,
מיר געפינען אין זיך די הערצער, וואָס זיינען ערגעץ געווען פאַרלאָרן;
אין די הערצער פון הונדערט טויזנט מאַן אַן לאַנד
וועט מען אפשר קיינמאָל מער ניט הערן פון ליבע קיין קלאַנג.
אָ, מיטבאַטייליקטע פון הייליקן סעבאַסטיאַנ'ס גסיסה,
ווי זייט איר איצט צו מיר, צו מיר געגליכן.
איך וועל ניט פאַרשטאַנען ווערן פון די וואָס האַלטן פון דעם כלל,
אַז דאָס האַרץ איז שטאַרקער פון דער וואונד אַלעמאָל.
אָבער רוף הויך אויס דיין אַנגסט, דיין באַגער,
אין דער נאַכט די בלומען פון פייער זעען זיך מער, —
ביז די נאַכטוואַנדלער קומען מיט וואַקלענדיקע טריט
פון די ברענענדיקע דעכער איבער גאָר דער שטאָט אַרונטער.
אויסרופן מיין ליבע, ווי דער מאַן, וואָס פלעגט זיך דאָ שלייכן
דורך די גאַסן און רופן: „מעסערס צו שלייפן!"
רופן און רופן — אָ, וואוהין, מיין ליבע, ביזטו פאַרפלויגן,
מיין שוואַלב, מיין קליינע טויב, ליכט פון מיינע אויגן;
רוף הויך, פאַרטויב דעם קוילן און גראַנאַטן־דונער
אויף די, וואָס זיינען נאָך ניט דערטרונקען און וואָס זיינען פאַרוואונדעט;
שריי אויס: ניטאָ אין ערגעץ גאָר אַזעלכע ווייַנען,
אַזוי רייך און זיס, ווי ס'איז דיין מויל אויף מיינעם.
דיינע אָרעמס האַלטן מיך דאָ פעסט, ווי אַ קריכנדיקער פלאַנץ:
מען קען ניט שטאַרבן. די טויטע פאַרגעסן דאָך אַלץ.

איך געדענק זייערע אויגן, ווען די שיפן האָבן גענומען אָפּגיין:
קאָן אַ מאַן פֿאַרגעסן זיין ליבע צוליב דאַנקערק?
איך קאָן ניט שלאָפֿן: די ראַקעטן פּלאַצן, קומען אין פֿלאַמען אַראָפּ;
וועלכע משקה קאָן עמיצן העלפֿן פֿאַרגעסן זיין זאָרג?
זייערע איינצעלנע היילן האָבן אויסגעגראָבן די סאָלדאַטן,
און עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן אויסגעפּרוּווט פֿון זייערע קברים
די שאַטנס.
פּנים'ער ווי שטיין, באַנעמונגען פֿון משוגעים,
פֿינצטערע אַנונגען אויף זייער שלומער לויערן.
קיין פֿרילינג־דופֿט טראָגט זיך ניט איבער אָט דעם לאַנד;
דאָ שטאַרבט מאַי אויף די בערגלעך זאַמד.

לואי אַראַגאָן

פֿון חורבן פֿראַנקרייך

איצט אָרימקייט מיט אירע מידע אויגן,
אירע היגטישע האָר און איר ריח פֿון אורין:
די לאַנגע פּראָצעסיע פֿון אומגליק.

איצט די אומגעהויערע פֿאַרשטיינערטקייט אָן פֿאַרצווייפֿלונג.
דעם פֿאָלק'ס ווילן און צייט, זייערע מיילער אָן באַגער.
זיי ווייסן שוין מער ניט, צי זיי וועלן זיך פֿאַרמערן.

זיי ווייסן שוין מער ניט, וואָס זיי זאָלן ליב האָבן.
זיי פּרוּוון טרינקען פֿון אומזעבאַרע קוואַלן,
זיי זוכן וועגן, אויף וועלכע זיי האָבן קיינמאָל ניט געוואָלט טרעטן.

מיטנאַכט מיט איר האַרץ פֿון שוואַרצן וויין.
אַ ניט־דערקענטער מאַן.
די וועלט איז אַזוי ביטער, ווי אָט די ליפּן:
„איר וועט מיך ניט שלאָגן?"

עלנט, עלנט, זינגען די נאַכטיגאַלן אויף דער וואַנט.
דער לעצטער טראַמוויי לויפט טונקל פאַרביי.
דער יונגער וואַקלדיקער ווינט נעמט אַרויס זיין פידל.
„איר וועט מיך ניט שלאָגן?"

אַט איז די פרוי אַליין ווי אַ שטיין.
אַ מענגע נעכט שפּאַרן זיך פאַרביי אירע אויגן,
ביז זי ציטערט אויף אין איר גרויער מאַסקע:
„איר וועט מיך ניט שלאָגן?"

די לעצטע לעבעדיקע אין אַ טויטער וועלט,
היטנדיק זייער בלוט אין זיינע געהיימע וועגן,
אַנטלויפן פון ברענענדיקן הימלאַנד
מיט דער אומבאַוואוסטזיניקער שליחות פון זייערע קערפּערס.

זיי וועלן גיין ווידער אויף וועגן פון שטיינדלעך און זשוויר,
זייערע ניטדאָאיקע פּנים׳ער ווי פאַרטונקלטע לאַמטערנעס.
זייערע אויגן זעען גאָרנישט ניט, נאָר דעם שוימלאָזן טאָג,
וואָס גייט אויף אויף אייביק.

וואָס איז וויכטיק איז, אַז דאָס לעבעדיקע בלוט, נאָך שלאָגנדיק,
זאָל בלייבן פאַר אַ ראַסע וואָס וועט קומען.

זשאַן ריוויע

טונקעלע בערג

טונקעלע בערג אין מערב, וואו
ס׳פאַרציטערט שקיעה׳ס גאָלד־טרומייט,
ווי ס׳וואָלט באַגלייט צו זייער רו
קריגסלייט, וואָס ליגן דאָרטן טויט,
שוין איצטער ווייט פון פאָנען־וועג
און פון דער זון׳ס לעגיאָנען־בלענד;
איר וועלקט, ווי לעצטער פון די טעג,
ווי ס׳וואָלט צו קריג געוועזן אַ ענד.

עדווין אַרלינגטאָן ראָבינסאָן

מיר ווײנען ניט

מיר ווײנען ניט — צי ווײל אונז פעלן טרערן,
צי ווײל אין האַרצן איז דער האַס צו גרויס,
נאָר אונזער שבועה ווען דו קאָנסט דערהערן,
דו וואָלסט צעקלעמט די פינגער פון דײן פויסט.

קײן זײ־געזונט מיר וועלן דיר ניט זאָגן —
דו ליגסט דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אין אַ זײט.
ס'איז דורך די נאַכט. עס הייבט שוין אָן צו טאָגן,
דער באַטאַליאָן גייט נאָכאַמאָל אין שטרײט.

און ווײסן זײ: אין שלאַכט וועט אונז באַגלײטן
דײן ערלעכער, דײן הײסער אויגן־בליק . . .
מיר אײלן זיך. די סאַמע שענסטע קווייטן
פאַרפלאַנצן וועלן מיר אויף אונזער וועג צוריק.

און איצט דער קרומער סאָסנע־צווײַג, דער גרינער,
וועט אויף דײן קבר ווערן טרוקן, געל . . .
דײן האַס ביז צו די פלעצער די בערלינער
וועט גײן מיט אונז אין שלאַכט, ווי אַ באַפעל.

מ. טאלאלאיעווסקי

אל מלא רחמים

גאָט דערבאַרמדיקער וואָס אין הייכן טוסטו וואוינען,
אונטער דײנע פליגלען ברײנג די הײליקע און רײנע,
די וואָס אומגעבראַכט האָט זײ די בײזע האַנט פון שונא,
די וואָס זײנען פון דער וועלט געגאַנגען אָן באַווײנער.
ווי דאָס ליכט אין הימל שײנען זײ אַזוי געזויבערט,
די נשמות פון פאַרפײניקטע געשענדטע גופים.
ווען די לעצטע רגע האָט מיט טויט אויף זײ געלויערט,

האָט דאָס קלאָרע האַרץ צו יושר אויף דער וועלט גערופֿן.
ניט פֿאַרשניטן האָט דער טויט די אידישע אמונה,
ניט פֿאַרשטומט דעם נביא'ס וואָרט פֿון אויסלייז אויף די ליפּן.
גאָט, וואָס דיין דערבאַרימקייט איז טיפֿער פֿון אַ ברונעם,
אינעם קנופּ פֿון אייביק לעבן זאָלסטו זיי פֿאַרקניפּן.
ס'האָט געהייליקט זיי דאָס לעבן און דער טויט נאָך מערער.
ס'האָט זיי ריינער נאָך געמאַכט די מערדערישע טומאה.
אַז פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן צינדער און צושטערער,
פֿון דעם קרבן זאָל דער אויסלייז, אונזער יושר, קומען.
אמן.

א. אויערבאך

ישעיה

(ישעיה, ס"ח, 1-8)

גאָט האָט מיך געזאַלבט אָנצוזאָגן אַ גוטע בשורה צו די, וואָס האָבן אַ נידעריק געמיט, ער האָט מיך געשיקט צו פֿאַרבינדן די צעבראָכענע הערצער, אויסצורופֿן פֿרייהייט צו די געפֿאַנגענע און לויזצולאָזן די געבונדענע.

אויסצורופֿן אַ יאָר פֿון וואוילגעפֿאַלן פֿון גאָט, אין אַ טאָג פֿון נקמה פֿון אונזער גאָט, צו טרייסטן אַלע טרויערער.

צו באַשערן פֿאַר די טרויערער אין ציון זיי צו געבן שיינקייט פֿאַר אַש, אייל פֿון פֿרייד פֿאַר טרויער, אַ מאַנטל פֿון לויב פֿאַר אַ טונקל געמיט, און מען וועט זיי אָנרופֿן ביימער פֿון גערעכטיגקייט, אַ פֿלאַנצונג פֿון גאָט, אַז ער זאָל פֿאַרערלעכט ווערן.

און זיי וועלן אָפּבויען די אַלטע חורבות, זיי וועלן אויפֿריכטן די פֿריערדיקע פֿאַרוויסטונגען, און זיי וועלן באַנייען די חרוב'ע שטעט, די פֿאַרוויסטונגען פֿון אַלטע דורות.

וואָרים איך, יהוה, האָב ליב גערעכטיגקייט און האָב פֿיינט גזלה, און איך וועל וואָרהאַפֿטיק באַלוינען זייער מי און איך וועל מיט זיי שליסן אַן אייביקן בונד.

איז אַוועק צום קריג דער מלך

איז אַוועק צום קריג דער מלך —
בלאָזן אַלע שופרות פריילעך;
שופרות בלאָזן, רוישן, ברומען,
אַז ער זאָל בשלום קומען.

איז געגאַנגען סטאַך זיך שלאָגן,
האָט דער טייך גענומען קלאָגן
און די זאַנגען שטיל צו ציטערן
אויף זיין מזל, אויף זיין ביטערן . . .

אויפן שלאַכטפעלד אונטן, אויבן
פליען קוילן, מענטשן ליגן —
מלכים שלאָגן זיך ווי לייבן,
כלאָפּעס פאַלן ווי די פליגן . . .

פאָנען רוישן, שאָסן קראַכן
און די מחנות ציען ווייטער;
ס׳האָט אַ קויל געטראָפן סטאַכן,
ס׳קומט אַהיים דער מלך הייטער.

ווי געקומען איז דער מלך,
עפענען זיך די טויערן פריילעך;
די טראָמפּייטן רוישן, שאַלן
און די זון, זי שיט מיט שטראַלן.

ווי מען האָט גענומען גראָבן
פאַר דעם סטאַך אַ גרוב, דאַן האָבן
שטיל געוויינט אין פעלד די גראָזן
און אַ ווינט האָט צוגעבלאָזן.

מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ

ווען כ׳הער זיך צו צום שרעק פון שלאַכט...

ווען כ׳הער זיך צום שרעק פון שלאַכט,
ביי יעדן נייעם פרישן קרבן,
דאַן אַרט מיך נישט דאָס ווייב, דער פריינט,
און ניט דער העלד וואָס איז געשטאָרבן...
דעם פריינט פאַרגעסט דער בעסטער פריינט,
דאָס ווייב געפינען וועט נחמה,
נאָר ערגעץ־וואו אַ טרייע לעבט
אַ נישט־פאַרגעסענע נשמה.
צווישן שמוציק־פאַלשע מענטשן,
אין אונזער לעבן אין דעם שוואַרצן
האָב איך געזען נאָר איינע טרערן,
וואָס גיסן זיך פון טיפן האַרצן...
דאָס זיינען טרערן פון די מוטערס.
זיי קענען די קינדער נישט פאַרגעסן,
וואָס ליגן טויטע פון דעם שווערד,
ווי ס׳קען נישט אויפהייבן די ווערבע
די צווייגן אירע פון דער ערד.

נ. א. נעקראַסאָוו

מזרח און מעריב

מיט וואָס איז ערגער אָט דער דור פון פריערדיקע דורות?
צי דען מיט דעם, וואָס אינעם טשאַד פון פיינען און פון מורא׳ס,
האָט ער זיך צוגערירט צו וואונד דער שוואַרצער גופא —
און האָט פאַר איר קיין תרופה?

אין מערב־לענדער אַ צעשטראַלטע שיינט די זון אויף וועלט נאָך,
און דעכער פון די שטעט זיי ברענען אין איר שיין צעהעלט נאָך...
און דאָ — מיט שוואַרצע צייכנס זייגען שוין די הייזער אומעטום,
און מיט אַ קראַקעריי די ראָבן פליען אום.

אנא אכמאטאווא

אַ צייט אַזאַ

אַנדרע שעניע איז אויפגעגאַנגען אויפן עשאַפאָט.
און איך — איך לעב; און דאָס איז דאָך אַ זינד, אַ שאַנד.
פאַראַן אַ צייט, אַן אייזערנע, פאַר אַלעמען באַנאַנד.
און דער איז ניט קיין דיכטער, וועד עס זינגט, ווען ס'קנאַלט דער פולעמיאָט.

און נישט קיין פאָטער, וועד עס רייסט אַראָפּ פון זון, דערשעפּט
און מיט אַ ציטערדיקער האַנט ביים טויער דאָס געווער.
פאַראַן אַ צייט, ווען ס'איז די זון אַ זינד גאָר און נישט מער.
אין אונזער צייט איז דער קיין מענש ניט, וועד עס לעבט.

די אמת'ע שונאים

ווען באַפליגלט די נשמה איז געבאָרן —
ליגט ניט פּאַלאַץ אָדער כאַטקע אין זכרון.
שרעקט ניט אָפּ קיין האָרדע און קיין טשינגיז־כאַן!
שונאים צוויי נאָר זייגען נאָך פאַר מיר פאַראַן,
אַ צווילינג ביט־צעשיידבאַרער לעת עתה:
דער הונגער פון די הונגעריקע און די זאַטקייט פון די זאַטע.

מארינא צוועטאיעווא

פון דער פּאָעמע „קאָנראַד וואַלענראָד"

אי די, אי יענע האָבן וועכטער דאָ אַוועקגעשטעלט.
אַזוי איז ניעמאַן, מיט גאַסטפריינטשאַפט באַרימט אַמאָל,
אַ ברידערלעכער וועג צווישן טאָל און טאָל,
געוואָרן איצט פאַר זיי צו אייביקייט אַ שוועל —
און ס'גיט זיין פריהייט, ס'לעבן זיינס אַוועק,
ווער דרייסט דערוועגט זיך גרייכן צווייטן ברעג.
אַ צווייגל נאָר פון ליטווישן, פון פראָסטן האָפּן,
געמאַניעט פונם חן פון פרייסיש־שלאַנקער טאָפּאָל,
ציט זיך איבער ווערבעס און טשערעט און קרייטעך,
שטרעקט אויס פאַרבענקטע אָרעמס ווייטער אַלץ און ווייטער
און שפּרינגט אַריבער ביז צום ברעג צום צווייטן
און צערטלט די געליבטע, פאַרשיט זי גאַנץ מיט קווייטן.
און נאַכטיגאַלן נאָר אין שטילע קאָוונער וועלדלעך,
און ברידער זייערע אויף זאַפּושטשאַנסקער באַרג —
מיט קלאַנגען ליטווישע רופן זיי זיך איבער,
אָדער פאַרבענקטע, ווען דער טאָג פאַרבלאַסט
אויף אינזלען איינזאַמע טרעפן זיך צו גאַסט.

און מענטשן? מענטשן האָט צעשיידט מלחמה־פלאַקער!
גוטפריינטשאַפט אַלטע צווישן ליטע און פּרוסאַקן
איז לאַנג פאַרגעסן . . . אַמאָל נאָר ליבע זיך צעברענט
און פירט צונויף אויף מענטשן. — כ'האָב מענטשן צוויי געקענט . . .

אַ ניעמאַן! באַלד וועלן ווילד־צעברויזטע מחנות
מיט טויט און שרפות דיינע ברעגעס שענדן.
אַ האַק אַ בייזע וועט דיין וואַלד פאַרלענדן,
צעגרינטעביימער וועלן שטומע פאַלן,
האַרמאַט־געבראַזג פאַריאָגן וועט די נאַכטיגאַלן.
און קייטן גאָלדענע, פון דור צו דור געקניפּטע,
וועט פעלקערהאַס צעררייסן און פאַרלענדן,
צעררייסן אַלץ — נאָר הערצער פון פאַרליבטע
טרעפן וועלן זיך אין ליד און אין לעגענדע.

אדאם מיצקיעוויטש

נאָר וואו? . . .

געטויטע, מיסט און בלוט און רויך.
די זון האָט ווידער פון דער הויך
געצערטלט וויסטע פעלדער.
און רואיק איז אַראָפּ די נאַכט.
און זעלטן ווער איז פון דער שלאַכט
צוריק אַהיים געקומען.

אַ אינגל האָט צום ערשטן מאָל
געשמעקט דעם פולווער און דעם שטאָל.
ער איז אין שלאַכט געפאַלן.
ווי הויך האָט ער די פאָן געשפּרייט!
און פון די אָרעמס פון דעם טויט
האָט ער געוואָלט נאָך שטרייטן.

אַ תפילה־בוך אַ קליינס, ניט ווייט,
פאַרבלוטיקט, ביי דעם אינגל'ס זייט
איז אויף זיין שווערד געלעגן.
אין פעלד וואָס איז געלעגן וויסט
זיין פריינט האָט שפּעטער אין דעם מיסט
דאָס תפילה־בוך געפונען.

ער איז געקומען פון דער שלאַכט
און האָט דעם טאַטן באַלד געבראַכט
די טרויעריקע בשורה.
דעם טאַטנ'ס האַנט האָט ווי אַ שפּרוך
פאַרצייכנט אויף דעם תפילה־בוך:
מיין קינד ליגט טויט — נאָר וואו?

און דער, וואָס לייענט עס אַצינד,
און זינגט דאָס ליד פון יענעם קינד,
איז גאַנץ, געזונט און פריילעך . . .
און דאָך איז מיר און דיר באַשערט
פאַרדעקט זיין אין דער זעלבער ערד . . .
נאָר וואו? — נאָר וואו?

פון דער פּאַמע „וואַלעריק"

פאַרשטילט איז אַלץ. די טויטע קערפּערס
צונויפגעשלעפּט, ס'האָט בלוט פון זיי
געשטראָמט נאָך רויכיק איבער שטיינער,
און מיט דעם שווערן הויך פון בלוטן
די לופט איז פול. דער גענעראַל
האָט צוגעזעצט זיך אויף דער פּויק
און ראַפּאָרטן נעמט דאָרטן אָפּ.
דער וואַלד אַרום, ווי אין אַ נעפּל,
האָט זיך אין פּולווער־רויך געבלויט,
און דאָרטן ווייט אין בייט ניט־גלייכער,
נאָר אייביק־רואיקער און שטאָלצער,
אין זייער שניי־דעק האָבן בערג
געצויגן זיך. און ס'האָט קאַזבעק
געשיינט מיט קאָפּ מיט זיין פאַרשפּיצטן.
און מיט געהיימען צער אין האַרצן
האָב איך געטראַכט: נישטיקער מענטש,
וואָס וויל ער נאָך? ס'איז קלאָר דער הימל,
און אָרט איז דאָ גענוג פאַראַנען,
נאָר אָן אַן אויפהער און אומזיסטיק
דער מענטש, ער איינער, שטרייט, — צו וואָס? . . .
גאַלוב שלאָגט איבער מיינע טרוימען
מיט קלאַפּ אויף פּלייצע, — מיין באַדינער
און שלאַכט־חבר איז ער. איך פרעג אים:
דעם אָרט ווי רופט מען, וואו מיר זיינען? —
ער זאָגט: „מען רופט אים וואַלעריק.
אויף אייער שפּראַך וואָלט דאָס געהייסן —
טייכל פון טויט. מען האָט מסתמא
דעם נאָמען גאָר אַמאָל געגעבן." —
„און וויפל האָבן זיך, אַן ערך,
געשלאָגן היינט?" — „אַ זיבן טויזנט." —
„און וויפל האָבן זיי פאַרלאָרן?" —

„ווער ווייס ? וואָס האָט איר ניט געציילט ?״
„זיי ווילן, — האָט געזאָגט אַ צווייטער, —
דעם טאָג דעם בלוטיקן געדענקען.״
אַ שמייכל האָט גאַלוב געטאָן
און מיטן קאָפּ געטאָן אַ שאָקל . . .

נאָר איך האָב מורא אייך דערעסן.
ביי אייך דאָרט ווילן נאַריש אויסזען
די ווילדע אומרוען פון קריג ;
איר זיינט ניט צוגעוואוינט צו קלערן
אין שווערן צער וועגן סוף ;
ניטאָ אויף אייער יונגן פּנים
קיין שפּור פון זאָרג און טרויער, און
איר האָט אוודאי קיינמאָל נאָך ניט
געזען פון נאָענט, ווי מען שטאַרבט.
זאָל גאָט אייך אויסהיטן פון זען דאָס
אויף ווייטער אויך ! פאַראַן גענוג
אויך אַנד׳רע זאָרגן. איז ניט בעסער
אין זעלבסטפאַרגעסנקייט פאַרגיין
און איינשלאָפן אין לעצטן שלאָף
מיט טרוימען וועגן נאָנטן אויפשטיין ?

איצט — זייט געזונט ! און אויב ס׳וועט אייך
די איינפאַכע דערציילונג מיינע
פאַרשאַפן פריילעכקייט אַביסל,
וועל איך זיין גליקלעך ; טאָמער ניט,
נעמט אָן דאָס ווי אַ שטיפעריי,
פאַרצייט מיך און זאָגט שטיל : „אַ לץ.״

מ. י. לערמאָנטאָוו

זייער גוטפריינטשאַפט מיטן טויט

(תהלים כ״ח)

און זיי האָבן געזאָגט: מיר זיינען גוטע פריינט מיט דעם טויט און מיט אונטערער וועלט האָבן מיר אַ בונד געשלאָסן, די פלינקע שטראָף־בייטש וועט צו אונז ניט צוקומען, דען אין פאַלשקייט האָבן מיר זיך איינגעהילט און מיר האָבן זיך פאַרבאָרגן אין ליגן.

דער אויבערשטער וועט אָבער ניט שווייגן און פון זייער שטראָף וועלן זיי ניט אַנטרינען.

אויף גערעכטיגקייט איז זיין קיניגרייך געבויט און רעכטשאַפנקייט איז זיין באַגער, און אויסרייסן וועט דער האָגל פון זיין צאָרן אַלע צודעקן און די באַהעלטענישן זייערע וועלן די וואַסערן אַוועקשווענקען.

און פאַרשטערט וועט ווערן זייער גוטפריינטשאַפט מיטן טויט און זייער בונד מיט דער אונטערער וועלט וועט ניט באַשטיין. און וועט די פלינקע שטראָף־בייטש אַראָפּלאָזן זיך אויף זייער רוקן, וועלן זיי פון איר צעטראָטן ווערן.

ב. וולאַדעק׳ס „פון דער טיפעניש פון הארצן״.

דאָס געזאַנג פון שאול המלך
פאַר זיין לעצטער שלאַכט

קריגער און הויפּטלינגס! אויב שווערד אָדער פייל,
וועט מיר דער׳הרג׳ן ביים פירן גאָט׳ס חיל —
איבער מיין גוף, כאָטש אַ קעניג׳ס, אין טאָל
ציהט קעגן גת מיט דעם בלאַנקענדיקן שטאָל!
דו, נושא כלים, מיין אָנזאָג איז היינט:
אויב מיין אַרמיי ווערט דערשראָקן פון פיינט, —
שטעך מיך, און וואַרף מיך אין בלוט צו דיין טראָט,
איך נעם דעם גורל, וואָס האָט זיי באַדראָט.
כ׳שייד זיך מיט יעדן, מיט דיר ניט צעשייד!
זון פון מיין האַרצן און יורש פון טראָן!
לייכט זי, די קרוין, איז די מאַכט אַזוי ברייט —
מלכות׳דיק איז ער, דער טויט, וואָס קומט אָן.

ל אָ ר ד ב א י ר א ן

פון דער פּאָעמע „דער טריבון“

. . . ווי ס'וואָלט די גאַנצע וועלט אויף קומען זיינעם זיך געגרייט,
מיט אים צוזאַמען אַלע הערצער פלאַטערן פאַר פרייד;
ער איז — פאַרניכטונג, צאָרן, גרויל און טויט,
ער איז — רו און פרידן, קראַפט און פרייד;
אין אים — פון ווילן פון איינזאַמען דער סוד,
וואָס שמידט די האַמערן פון גרויסער טאַט, —
און יענער שטאָלץ, וואָס ס'וויסן נאָר געציילטע,
מיט בלוט פון אייביגקייט אין אים פאַרהוילן איז!

און אָט איז ער ביים סלופּ, צום שיידוועג פון דער וועלט געקומען,
וואו אַלטער וועג מיט נייעם איז צעשניטן,
אַהין, וואו יונגע זוכער האָבן שפּאַנען זיך גענומען,
צום אומבאַוואוסטן אויפגאַנג פון פרילינג רויט צעבליטן!

און גרויס איז ער מיט דעם, ער גיט זיך אָפּ דעם ווילן,
מיט גאָר זיין האַרץ אויף קרבן גרייטער,
וואָס ער אַליין באַגרייפט ניט זיינע לעצטע צילן,
די בליצן פון דעם גורל אים פאַרטרויטע!
וואָס ער איז — רעטעניש דורכאויס מיט ניט־געפונענער באַשיידונג.
וואָס מיט לייב און לעבן ער איז אין פאָלק פאַרטאָן,
און לעבט דורכאויס מיט זיינע ליידן,
און וועט שטאַרבן מיט זיין פאָן.

זאָל זיין, אַז דורכגעבליצט זיין וועג, ער וועט ניט ווערן,
פאַרשווינדן פון דער וועלט אין חרפּה צי אין טאָג פון פריידן,

און זאָל אים רום די שנאה בלויז באַגלייטן,
זאָל זיין די נייע שעה געהערן ווער אַ צווייטן!
עס זיינען ניט די פריינט זיינע ביז לעצט געגאַנגען
אויף פלאַמענדיקן רוף פון זיין נביא׳יש וואָרט.
און אויב ער איז פאַרשוואונדן — וועט ער צוריק נאָך קומען!
געווען איז זיין נשמה אין מאָרגן, וייטן, דאָרט.

זי איז אין טיף פון גאָלדן־ים געוועזן,
זי וועט דער אָפּפלוס ניט פאַרשוימען,
ניט באַגראָבן אויפן דעק!
זיין קראַפט פאַרגאַנגענע — פינקלט זיך אויף שוימען,
ווי פאָספאָר־שיין אויף כוואַליעס קעפּ,
און ס׳איז אין פלייש און בלוט אַריין דער ברען פון זיינע טרוימען,
און אין אַלע הערצער הייגט זיין אמת לעבט! . . .

עמיל ווערהאַרן

פרייהייט

מיט דונערן ענטפערן אָפּ זיך וואולקאַנען,
פון באַרג צו באַרג אַ ווידערקול פאַלט;
איינס דעם אַנדערן שטורעמען אויף אָקעאַנען,
ביי ווינטער׳ס טראָן אייזבערג טרייסלען זיך באַלד,
ווען טאַיפון אין האַרן שאַלט.

פלאַמט אויף אין וואָלקן אַ בליץ, און אין ימען
ווערן טויזנט אינדזלען באַלויכטן אַרום;
מאַכט אַן ערדציטער חרוב אַ שטאָט — צוזאַמען
הונדערט אַנדערע ציטערן אויף: אומעטום
גייט אַן אונטערערדישער ברום.

נאָר שאַרפער דיין בליק איז פון וואָלקנברוך־פלאַמען,
און גיכער דיין טראָט פון ערדציטער׳ס מאַכט;

דו פֿאַרבלענדסט וואולקאַנען, פֿאַרטויבסט די ימען,
און דער זונ׳ס העלער לאָמפּ, ווען דער טאָג דערוואַכט,
איז אַ שיין נאַר אויף זומפּן בייּנאַכט.

פֿון כוואַליע און באַרג דורך טומאַן דעם שלומער
פֿון ערד דיין שטראַל צערייסט אין געלויף;
פֿון מענטש צו מענטש, פֿון אומה צו אומה,
פֿון שטאָט אויף דערפֿל דיין טאָג קומט אויף,
און טיראַן און קנעכט ווי שאָטנס יאָגט
דיין געזיכט, ווען דיין מאָרגן טאָגט.

פּ ו י ר ס י ב י ש ש ע ל י

צו דיר, אָ פֿרייהייט!

צו דיר, אָ פֿרייהייט, ריינער קוואַל
פֿון פֿריידן ליכטיקע און שטילע,
פֿליט אונזער ליד, פֿון טרערן מיד,
פֿאַר דיר צעגיסט זיך אונזער תּפֿילה:

קום, ליבע, טרייע, קום צו אונז!
און ווי די שאַרפֿע פֿייל פֿון בויגן
וועט טאָן אַ שלאָג דיין העלער טאָג
אין די תּלינים׳ס בייזע אויגן.

ווי אייזן האַרט און שווער ווי בליי
וועט זיי דיין פֿרישער ווינט צעדריקן,
אַ טויט־שטראָף זיין וועט זיי דיין שיין,
דיין ריינע לופֿט וועט זיי דערשטיקן.

צו דיר, אָ פֿרייהייט, קלאָרער קוואַל
פֿון פֿריידן ליכטיקע און שטילע,
פֿליט אונזער ליד, פֿון צאָרן מיד
אין פֿלאַמען גיסט זיך אונזער תּפֿלה.

ש. ש. פֿרוג

צום נייעם יאָרהונדערט

ווער עס וואַגט פאַר פרייהייט שטרייטן,
האָט דערגרייכט די ווייטסטע ווייטן,
האָט דעם גייסט אַליין באַפרייט.
אין דעם שטרייט פאַר פרייען דענקען,
אַלע פעלקער רעכט צו ברענגען
ווערט דערגרייכט די אייביגקייט.

פרידריך שילער

פון „פאַוסט"

אַזאַ דער אויספיר פון דער קלוגשאַפט אויף דער ערד איז
דערמיט די טיפן פון מיין האַרצן איך דערפריי:
אין וועלט דאָס לעבן און די פרייהייט ווערט איז
בלויז דער, וואָס שטענדיק קעמפט פאַר זיי.
אַנטקעגן די געפאַרן זאָלן טעטיק זיין און אומדערשראָקן
דאָס קינד, דער שטייפער מאַן, דער זקן.
דאַן איז מיר זען דאָס שענסטע גליק באַשערט:
שטיין מיט דעם פאָלק דעם פרייען אויף דער פרייער ערד!
דאַן זאָג איך צו דער רגע, וואָס איז פול מיט וואונדער:
„ביזט אַזוי שיין! פאַרהאַלט זיך! גיי ניט דורך!"
און ס'וועט ניט אונטערגיין אין די יאָרהונדערטס
פון טעג מיינע די ערדישע דער שפור.
אין פאָרגעפיל פון אָט דעם הויכן תענוג
געניס איך איצט די העכסטע רגע מיינע!

י. וו. געטע

פראַגמענט

דו האָסט דעם רעכטן וועג אַצינד באַטראָטן:
נאָר אין דער צייט קענסטו אַ טעות האָבן.
עס זיינען ריחות נישט פון לויטער בשמים,
וואָס זיינען מיר פון דייטשלאַנד צוגעשוואומען.

מיר טאָרן נישט טראָמפּייטערן פון נצחון,
ווי לאַנג עס טראָגן שווערדן אונזערע זעלנער:
איך ציטער, ווען די שלאַנגען פייפן ליבע
און וואָלף און אייזל פרייהייט־לידער ברומען.

היינריך היינע

די שקלאַפן־שיף

ביי זיך אין קאַיוטע זיצט מינהער פאַן קאָק,
גאָר טיף אין אַ חשבון פאַרגראָבן;
ער חשבונט זיך אויס, וואָס זיין סחורה באַטרעפט
און וויפל פאַרדינסט ער וועט האָבן:

„דער גומי איז גוט, און דער פעפער איז גוט,
„ביי דריי הונדערט זעקלעך און פעסער;
„און גאָלדשטויב און עלפענביין האָב איך, און דאָך —
„די סחורה די שוואַרצע איז בעסער.

„איך האָב פאַר אַ שפּאָט־פּרייז ביים סענעגאַל־טייך
„די זעקס הונדערט ניגערס געקראָגן;
„דאָס פלייש איז גאָר זאַרט און די מוסקלען געשפּאַנט, —
„ווי אייזן כמעט, קאָן מען זאָגן.

„איך האָב פאַר זיי בראַנפן און ווערקצייג פון שטאָל
„און גלעזערנע „פּערל" געגעבן.
„זיי וועלן מיר ברענגען אַכט הונדערט פּראָצענט
„אפילו אויך דאַן, ווען ביים לעבן

„וועט בלייבן ניט מער ווי די העלפט נאָר פון זיי.
„אין האַפן פון ריאָ־זשאַניירא
באַצאָלט מיר אַ הונדערט דוקאַטן פאַר שטיק
„די פירמע גאָנזאַלעס פּעריירא."

פאַן קאָק זיצט פאַרטיפט, זיין געדאַנק אָבער ווערט
גאָר פלוצלונג אים איבערגעריסן:
עס ווייזט זיך אין טיר דער צירולניק פון שיף
זיין נאָמען איז דאָקטאָר פאַן סמיסען.

ער איז לאַנג ווי אַ דראַנג און זיין נאָז איז באַדעקט
מיט וואַרצעלעך איבער און איבער.
„ווי גייטס, הער דאקטאר?" — פרעגט לוסטיק פאַן קאָק, —
„ווי גייט עס די שוואַרצע, מיין ליבער?"

דער דאָקטאָר באַדאַנקט פאַרן פרעגן און זאָגט:
„איך בין אייך צו מעלדן געקומען,
„אַז היינט אין דער נאַכט האָט זיך שטאַרקער ווי פריער
„דער טויט צו דער אַרבעט גענומען.

„ביז איצט פלעגן פגר'ן צוויי יעדן טאָג,
„היינט זיינען גע'פגר'ט שוין זיבן.
„פיר מענער, דריי פרויען — איך האָב דעם פאַרלוסט
„זאָפאָרט אין די ביכער פאַרשריבן.

„כ'האָב איינעם נאָך איינעם גענומען פון זיי
„אויך אונטער מיין מעסער דעם שאַרפן:
„די לומפן פאַרשטעלן זיך אָפטמאָל פאַר טויט,
„מען זאָל זיי אין ים אַריין וואַרפן.

„איך האָב זיי דערנאָך פון די קייטן באַפרייט,
„וואָס האָבן באַוואַכט זיי ביים לעבן.
„צומאָרגנס האָב איך, ווי געוויינלעך, דעם ים
„זיי אַלעמען איבערגעגעבן.

„דאַן זיינען פיל האַי־פיש פון וואַסער אַרויס,
„צום פרעס אַלע גרייט, אַלע פּאַרטיק:
„זיי זיינען די קעסט־קינדער מיינע אין ים,
„דאָס נעגער־פלייש שמעקט זיי גרויסאַרטיק.

„זיי האָבן דאָס פֿלייש פֿון די פּגר'ס דערשמעקט,
„מיר דאַכט זיך, כמעט שוין אין באָרטן, —
„זיי שווימען דאָך אַלע פֿון הינטער דער שיף
„שוין זייט אונזער אָפּפֿאָר פֿון דאָרטן.

„עס איז אַזוי שיין צו באַטראַכטן, ווי זיי
„פֿאַרכאַפּן אַ פּגר אַ נייעם:
„כאַפּט איינער דעם קאָפּ, כאַפּט דער צווייטער אַ פֿוס,
„דער דריטער פֿאַרשלינגט די שיריים.

„געענדיקט די סעודה, דאַן הייבן זיי אָן
„מיט פֿרייד אַרום שיף זיך באַוועגן.
„און שיין איז צו זען, ס'אַראַ דאַנקבאַרן בליק
„זיי טראָגן מיר אַלע אַנטקעגן!"

דאָך זיפֿצנדיק פֿאַלט אים אַריין אין די רייד
פֿאַן קאָק, און כמעט ווי מיט טרערן
פֿרעגט ער דעם דאָקטאָר: „וואָס קאָנען מיר טאָן
„דעם טויט אין זיין אַרבעט צו שטערן?"

אים ענטפֿערט דער דאָקטאָר: „ס'איז ניט אונזער שולד,
„די מערצאָל פֿון זיי איז געשטאָרבן
„דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן די לופֿט פֿון דער שיף
„מיט זייערע אָטעמס פֿאַרדאָרבן.

„פֿיל אַנדערע זיינען געשטאָרבן פֿון פּיין,
„זיי קאָנען קיין לאַנגווייל פֿאַרטראָגן.
„איך גלויב, אַז מיט טענץ און מוזיק אויפֿן דעק
„וועט לייכט זיין די קרענק צו פֿאַריאָגן."

„אַ טייערע עצה!" — דערפֿרייט זיך פֿאַן קאָק. —
„יאָ, דאָקטאָרשע קלוגשאַפֿט זאָל לעבן!
„איך גלויב, אַריסטאָטעלעס וואָלט מיר אַצינד
„קיין בעסערע עצה געגעבן.

„אין דעלפֿטע דער בלומען־פֿאַריין פּרעזידענט
„איז אויך ניט קיין נאַר, מעגט איר וויסן;
„דאָך איז ער, איך שווער אייך, ניט האַלב אַזוי קלוג,
„ווי איר, מיין צירולניק פֿאַן סמיסען.

„מוזיק, יאָ, מוזיק! אַט־אַ־דאָ אויפֿן דעק
„זאָל טאַנצן די חברה און שפּרינגען.
„און ווער ס'איז ניט לוסטיק ביים טאַנץ — זאָל מען אים
„מיט בייטשן צו לוסטיק זיין צווינגען!"

עס קוקן פֿון נאַכט־בלויען הימל אַראָפּ
פֿיל טויזנטער שטערנדלעך קליינע;
זיי גלאַנצן פֿאַרבענקט און גאָר טרוימעריש קלוג,
ווי אויגן פֿון פֿרויען גאָר שיינע.

זיי קוקן פֿון אויבן אַראָפּ אויפֿן ים,
וואָס ליגט איבערגעצויגן מיט שטראַלן,
מיט שטראַלן פֿון פּורפּור גאָר ווייט און גאָר ברייט
אַריבער די טאַנצענדע וואַלן.

פֿאַראַנקערט אין וואַסער דאָס שקלאַפֿן־שיף ליגט
און בויגט זיך און וויגט זיך פּאַמעלעך.
עס בליצן לאַמטערנדלעך פֿיל אויפֿן דעק
און טאַנץ־מוזיק רימפּלט גאָר פֿריילעך.

דער שטייערמאַן פֿאַרט אויפֿן פֿידל אַרום,
דער קוכער איז איצטער אַ פֿלייטער,
דער שיף־יונג באַארבעט גאָר צערטלעך די פּויק,
דער דאָקטאָר — ער בלאָזט אַ טרומייטער.

און נעגערס און נעגערטעס הונדערט און מער,
זיי דרייען זיך, קוויטשען און שפּרינגען;
ביי יעטווידער שפּרונג הערט מען קלינגען אויף זיי
די קייטן, די אייזערנע רינגען.

אַ שיינהייט אַ שוואַרצע נעמט פּלוצלונג אַרום
אַ באַקעטן בחור אַ שוואַרצן:
זיי טאַנצן גאַר לוסטיק — מען הערט אויך דאבײ
אַ קרעכצן, וואָס קומט פונם האַרצן.

אַ קנעכט שטייט אינמיטן און קנאַקט מיטן בייטש
צום טאַקט, ווי די מוזיקער שפּילן;
און ווער ס'איז ניט לוסטיק ביים טאַנץ, דער באַקומט
די בייטש אויפן רוקן צו פילן . . .

און טיידידיראַם־דאַם און טידל־די־דאַם, —
דער שרעקלעכער ליאַרעם נעמט וועקן
די ריזן, וואָס שלאָפן טיף אונטן אין ים,
זיי נעמען זיך רירן און שרעקן.

עס קומען פאַרשלאָפן אַרויף אין דער הויך
די האַי־פיש אומציילן יקע הונדערט;
זיי גלאָצן פאַר'גולמ'ט אַרויף צו דער שיף
און ווערן דערשטוינט און פאַרוואונדערט.

ס'איז קלאָר, אַז די אָנבייסן־צייט איז דאָס ניט, —
אַזוי טראַכט זיך איינער און איינער;
און פילע צעגעגעצן זיך אין דער ברייט
און ווייזן די שפּיציקע ציינער.

און טידידידאַמטאַם — עס נעמט ניט קיין סוף
צום טאַנצן, אַזוי ווי צום שמייסן;
פון אומגעדולד נעמען די האַי־פיש זיך גאָר
די אייגענע עקן צו בייסן.

איך גלויב, אַז זיי האָבן ניט ליב קיין מוזיק, —
און אַלביאָנ'ס דיכטער פלעגט זאָגן:
„פון חיות, וואָס האָבן ניט ליב קיין מוזיק,
„אַנטלויף, וואו דיין פוס וועט דיך טראָגן."

און טידידידאַמבאַם און טידלדידאַם! —
צום טאַנץ וויל קיין ענדע ניט ווערן.
ביים מאַסטבוים שטייט מינהער פאַן קאַק, און ער שטרעקט
די הענט מיט געבעט צו די שטערן:

„אין נאָמען פון יעזוסן בעט איך דיך, גאָט,
„לאָז לעבן די שוואַרצע, די זינדער,
„און טוען זיי בייזעס, טאָ וויסטו דאָך שוין,
„אַז זיי זיינען דום, ווי די רינדער!

„לאָז לעבן די שוואַרצע אין נאָמען פון אים,
„וואָס איז פאַר אונז אַלע געשטאָרבן:
„עס מוז מיר כאָטש בלייבן אַ דריי הונדערט שטיק,
„אַז ניט איז מיין מסחר פאַרדאָרבן! . . . "

היינריך היינע

צוויי ווערטער

אָדער אַ וואָרט, וואָס קען טויטן
אָדער אַ וואָרט, וואָס קען ליבן!
צוויי ווערטער האָסטו, אַ האַר, אונז
אין פלאַקערנישן געקליבן.

מיטן וואָרט, וואָס קען טויטן, האָסטו
די וועלט אונז צע'חרוב'ט, אַ האַסער!
ווי דעמאָלט הויערסטו טונקל
אויף דער נאַכטישער פלאַך פונם וואַסער.

מיטן וואָרט, וואָס ליבט, בויסטו ווידער
דעם וואונדערבויגן פון שטערן
און דו זעסט ווי דער שמייכל פון מאָרגן
אַ צעשמייכלטע וועלט טוט געבערן.

און גייסטו אויף צעשימערטע בריקן
צום אייגענעם ווערק אַ פֿאַרקלערטער,
און ווידער הערסטו דאָס רוישן
פֿון אָנגעצונדענע ווערטער.

אָ וואָס פֿאַר אַ וואָרט וועסטו, האַר, אונז
שמעלצן אין פֿלאַקער אין רויטן ?
צווײ ווערטער: אײנס, וואָס קען ליבן,
און דאָס אַנדערע וואָרט, וואָס קען טויטן!

מענדל נייגרעשל

פֿון עמוס

איר אויף עלפֿענבײנער בעטן,
וואו איר זינקט ביז שפּעט אין שלאָף;
איר, וואָס רײַבט די מי פֿון צווייטן
און איר לאַכט זיך אויס פֿון שטראָף;
איר, וואָס קלײַבט זיך אויס די בעסטע,
פֿעטסטע לעמער פֿון די שאָף;
מיט דעם בעסטן פֿרישסטן אויל
טוט איר אײער לײַב טאָן וואויל;
און אײַך קימערט ניט דער בראָך
פֿון מײַן פֿאָלק, און ניט זײַן יאָך; —
ס'קומט דער גרויסער טאָג פֿון שטראָף,
קומען וועט אויף אײַך אַ סוף!

אין דעם טאָג פֿון מײַן גרויזאַמען צאָרן
וועט יעדער אײנער גיין פֿאַרלאָרן . . .
אויב איר וועט אין דער ערד זיך פֿאַרשטעקן,
וועט פֿון דאָרטן מײַן אויג אײַך אַנטפּלעקן;

אויב אויף שפּיצן פון פעלזן אַנטרינען,
וועט איך דאָרטן מיין האַנט אויך געפינען.
אויב צום גרונט פון די ים'ען דערלאַנגען, —
וועל איך דאָרט אויף איך אַנשיקן שלאַנגען.
און געטריבן פון שונא, אין קייטן,
וועט דאָס פלאַמיקע שווערד מיינס איך טויטן!

און דער אַקערער וועט מיט דעם שניטער
זיך טרעפן אין פעלד.
און דאָס גרויסע און מעכטיקע ליד וועט
פאַרקלינגען די וועלט.

י. י. שווארץ

צוויי הימען

(פון „איבער דער שלאַכט")

די פיינערע גייסטער פון דער וועלט האָבן צוויי וואוינערטער: איינער איז אונזער פאָטערלאַנד אויף דער ערד, און דער אַנדערער — די שטאָט פון גאָט.

אין איינעם זיינען מיר די גַעסט, פון דעם אַנדערן זיינען מיר די בויער.

איינעם ווילן מיר אָפּגעבן אונזערע לעבנס און אונזערע געטרייע הערצער; אָבער ניט משפחה, פריינט, און ניט פאָטערלאַנד האָט ניט קיין אויבערמאַכט איבערן גייסט.

דער גייסט איז דאָס ליכט.

אונזער חוב איז צו דערהויבן אים איבער שטורעמס און אָפּצוואוואַרפן אָן אַ זייט די וואָלקנס, וואָס ווילן אים פאַרטונקלען.

אונזער חוב איז צו באַוועלטיקן דאָס אומרעכט און דעם האַס פון פעלקער און צו בויען העכער און שטאַרקער די וועלט פון יענער שטאָט, וואו די נשמות פון דער גאַנצער וועלט וועלן זיך קאָנען אויפזאַמלען.

ראמען ראלאן

נאָך-מלחמה׳דיק ברויט

פון פעטן גרונט וועט אייך אויסוואַקסן אַ זעלטענע תבואה:
ריזיקע זאַנגען, און די קערנער אָנגעשוואָלן שווער;
אין פוכיקער ערד וועלן וואונהער געשען מיט דער זריע,
פאַר יעדער קערנדל — אַ קערן וועט אייך געבן די שוואַרצע ערד.

עס וועט אייער שניט זיין רייך אויף לאַנגע יאָר אַוועק,
איר וועט דרעשן די גאָב פון פרוכפּערדיקן פעלד;
דער מילנער וועט מאָלן די קערנער פון די פולע זעק
און צום ברויט וועט די מאַמע פאַרקנעטן דאָס מעל.

און ביי פאַרעדיקער שיסל וועט איר זיך זעצן מיט גאָט׳ס שפּרוך,
דער טאַטע וועט מאַכן אַ ברכה איבערן אויסגעבאַקענעם ברויט;
נאָר ווען מיט שטומפּיקן מעסער איר וועט עס אַ שנייד־טאָן אַדורך,
וועט פון אייער ברויט אַ שפּריץ טאָן מיט בלוט שטראָמיק־רויט.

יוליאַן טואַוויס

וואַפנשטילשטאַנד

אַ מאָדנע חשכות הערשט איבער דער ערד,
ווי ס׳וואָלט פון הימל מורא זיך געשפּרייט;
צעריסן ליגן די נעצן פונעם טויט
אויף פעלדער, וואָס דורך זיי דאָס לעבן יערט.

מיט אויגן טויטע, פון משוגעת גענערט,
גאַפט פרידן אויף וואָס קריג האָט אים פאַרגרייט,
דער פרידן, וואָס ניט ס׳לעבט און ניט ס׳איז טויט,
קרום שמייכלט אויף דעם זיג, וואָס ערד געבערט.

קיין ווינט ניטאָ, קיין מאָרגן־ליכט געצונדן,
אַוועקצוטרייבן טרויער וואָס פאַרלענדט;
די וועלט איז קראַנק; די עכטקייט ווערט פאַרשוואונדן;
מאַכט טויט די חכמה; ליבע דאָ איז פרעמד.

ניט ווערט צו זיין צו קיין זאַך צוגעבונדן,
נאָר צו דעם שאַרפֿן, פֿליסיקן מאָמענט.

באַבעט דויטש

געאָגראַפֿיע פֿון אונזער צייט

וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿון אונז איז אַז מיר זאָלן דערקענען די גרעניצן צווישן צוויי יאָרהונדערטן. און צו האָבן דעם מוט: אַריבערצושפּאַנען.

די וואָס ווערן דערהרגעט אין דעם צווישנאָרט צוליב זייער אומוויסנקייט, די וואָס וואַנדערן אום ווי בהמות און ווערן דערשאָסן, די וואָס ווערן דערשאָסן און איבערגעלאָזט אויף די שטיינערנע פֿעלדער צווישן די קאַפּיטלען געשיכטע — אויף אָט די מענער דאַרף מען האָבן רחמנות ווי מען האָט רחמנות אויף קרבנות פֿון צופֿעליקע געשעענישן; אָבער זייער טויט שטעלט מיט זיך גאָרניט פֿאָר. מען איז זיי ניט מקבר און מען טראָגט זיי ניט אין זכרון, נאָר זיי ליגן אין טויטן גראָז צווישן טרוקענע דערנער און אָפּגעבליאַקעוועטן ליכט. זייערע יאָרן בלייבן אָן מאָנומענטן.

פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע דאָ אינם זאַמד — אַ סך וואָס האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס האָבן געטראַכט אַז די צייט גייט גלאַט אַזוי, די יאָרן פֿאַרשווינדן גלאַט אַזוי, געשיכטע ווערט פֿאַרגעזעצט גלאַט אַזוי — וואָס האָבן געטראַכט, אַז דער מאָרגן איז פֿון זעלביקן אויסזען ווי דער היינט. פֿאַראַן אַ סך וואָס זיינען געקומען צו די גרעניצן צווישן די צייטן און זיי ניט דערקענט — וואָס האָבן געזוכט דעם שומר ביי דער שטיינערנער בריק, די באַריקאַדן צווישן די ביימער און די דערקלערונג אין צוויי שפּראַכן — די וואָרנונג און די געלעגנהייט זיך אומצוקערן. זיי ליגן דאָרט טויט אין בלאַסן ליכט, אין אויסגעליידיקטן פֿעלד.

וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿון אונז איז די דערקענונג אָן אַ צייכן, אָן אַ וואָרט, מיט די וועגן צעגראָבענע אויף רינוועס און די רינוועס צעטראָטענע אויף שטויב אָוועקגעטראָגן פֿון ווינט — די וועגן הינטער אונז וואָס פֿאַרענדיקן זיך אינם שטויב.

וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿון אונז איז די דערקענונג פֿון די גרעניצן וואו עס פֿאַרענדיקן זיך די וועגן.

מיר זיינען שוין זייער ווייט. מיר זיינען שוין ווייט אַוועק פונם אָרט וואו דאָס ליכט גייט אויף פון אונז און ווייטער אַ סך פון די בלעטער וואָס זיינען געלעגן ביי אונזערע פיס — פיל ווייטער אפילו פון דעם שטענדיק גרינעם קאַליר פון מזרח. פאָרויס ליגן אומקלאָרע שטעגן, די ביקסן, די שומרים.

וואָס עס פאָדערט זיך פון אונז, חברים, איז צו דערקענען די גרעניצן וואָס זיינען איבער דער געשיכטע, און זיך אָנצונעמען מיט מוט: און אַריבערשפּאַנען — זיך פאַרעקשענען און אַריבערשפּאַנען און בלייבן לעבן.

צו בלייבן לעבן.

אַריבערצושפּאַנען.

ארטשיבאלד מעקליש

מלחמה און שלום

שלום, שלום אומעטום, —
נאָר ניט דורך קלאַנג פון קייטן!
בלויז פון פרייהייט׳ס קדושה־הענט
זאָל שלום זיך פאַרשפּרייטן.

אויב אייביקער שלום זאָל אַזוי
האַלטן די ערד צוזאַמען,
איז וואַרפן מיר אונזערע וואָפן אָפּ
און זינקען זיי אין די ים׳ען.

אויב אָבער ניט — איז קאַמף ביז טויט,
זאָל וואָפן אייביק גליען!
יאָ, אויב אפילו ס׳זאָל דער קריג
ביז יום הדין זיך ציען.

סאנדאר פעטעפי

אַ הײנטיק דײַטש װיג־ליד

אין דופּט פון װעלדער און אין רויש פון קװאַלן
לײכט לויטער זיס דײַן קינדעריש געזיכט.
און דײַנע שװאַביש ברוינע אויגן שטראַלן
מיט פרײדיקן און טיפן רײנעם ליכט.
איך האָב געבאָרן דיך אין װיסטע צײַטן,
דו װאַקסט, מײַן קינד, — װאָס װעט דײַן מזל זײַן?
די קװאַלן רוישן, קלינגען אין די װײַטן . . .
שלאָף אײַן, מײַן קינד, שלאָף אײַן.

אין דײַנע פויסטלעך קען איך שוין דערקענען,
װי טראַציק, עהרלעך און װי בראַװ דו ביזט,
װי דיר איז שװער װען האַס און צאָרן ברענען,
און װען עס הערשט דער נאַצי — דער פאַשיסט.
ער העצט אונז פרעמדע פעלקער צו באַצװינגען,
און דיר איז אַזױ באַנג אַ צװײטנ'ס פּײַן.
דײַן צער, דײַן פרייד אין מאַמע'ס האַרצן קלינגען . . .
שלאָף אײַן, מײַן קינד, שלאָף אײַן.

װען לעבן לויפט — װער קען דעם לויף באַנעמען?
דאָך האָפט דער מאַמע'ס האַרץ, אַז אין די טעג
װעסטו דעם װעג דעם ריכטיקן זיך נעמען,
דעם שװערן, שװערן און דעם װײַטן װעג.
און דו װעסט העלפן דײַטשלאַנד'ס שאַנד פאַרריכטן,
און אונזער װעלט װעט אַ גן־עדן זײַן
אין טאָג פון אַלע טעג, דעם אויפגעריכטן . . .
שלאָף אײַן, מײַן קינד, שלאָף אײַן.

קלאַרא בלום

פאַרוואָס איז דער ים אַזוי רויט?

א רוסיש פאָלקליד

„פאַרוואָס, פאַרוואָס איז דער ים אַזוי רויט?"
— הער זיך איין, איך וועל דאָס דיר זאָגן:
די זון, די אַלטע זון איז טויט,
איז אין ים'ישער טיף פאַרזונקען,
און איר בלוט האָט דער ים געטרונקען,
דערפון איז דער ים אַזוי רויט. —
„איך גלויב דאָס ניט."

„פאַרוואָס, פאַרוואָס איז דער טייך אַזוי רויט?"
— הער זיך איין, איך וועל דאָס דיר זאָגן:
אַ שיף איז אַריין מיט אויסלענדישן ווייַן,
צום האָפן געפירט פיל טויזנטער טונען,
אָן ברעג זיך צושלאָגן, אין וואַסער אַריין,
איז דער גאַנצער וויין אין דעם טייך צערונען,
דערפון איז דער טייך אַזוי רויט. —
„איך גלויב דאָס ניט."

„פאַרוואָס, פאַרוואָס איז דער שניי אַזוי רויט?"
— הער זיך איין, איך וועל דאָס דיר זאָגן:
זיי האָבן פאָטערס און ברידער געטויט,
און פרויען און קינדער דערשלאָגן,
פון מענשן־בלוט איז דער שניי אַזוי רויט,
צעגאַנגענער שניי ווערט אין שטראָמען פאַרטראָגן,
דערפון איז דער טייך, איז דער ים אַזוי רויט. —
„דאָס גלויב איך יע".

גיי, פּאָעט

גיי, פּאָעט, גיי, ניט געטראַכט,
ביז צום סאַמע דעק פון נאַכט.
פרייִדן זאָל אַן צוואַנג דיין קול
אויפוויִיזן אונז אַלעמאָל . . .
אין די האַרץ־מדבריות שאַל,
עפּן דאָרט אַ היילונג־קוואַל,
און אין פרייִען׳ס תפיסה־טעג
ווייז אים אָן צו לויב אַ וועג.

ב. ה. אָודען

דער בשורה־טאָג

פאַרצייטן איז שומרון געווען פון אַ שונא
באַלאַגערט, פאַרמאַכט און פאַרשמאַכט;
און קרעציקע האָבן די בשורה די שיינע,
די בשורה פון אויסלייז געבראַכט.
און איצט איז דאָס לאַנד שוין דאָס גאַנצע פאַרנומען —
אַן אומגליק, אַ הונגער, אַ גרויל!
דאָך זאָל זי, די בשורה פון אויסלייז, ניט קומען
צו אונז פון אַ קרעציקן מויל.

דער ריינער זאָל ברענגען די בשורה, פון ריינעם
זאָל קומען די גאולה אַזוי;
אויב ניט — איז כאָטש ערב אויסלייז דעם שיינעם
שוין ליבער מיר אויסגיין פאַר ווייִ.

רחל

פון צער און צאָרן

איך ווייס, אין אַ נעבלדיקער נאַכט
וועל איך זיך, ווי אַ שטערן, פּלוצים אויסלעשן,
און ס׳וועט פון מיין קבר קיין שטערן ניט וויסן.
נאָר ס׳וועט מיין צאָרן לאַנג זיך רויכערן נאָך מיר,
ווי ס׳רויכערט זיך דער קראַטער פון וואולקאַנען
דערנאָך ווי ס׳איז זיין פייער אויסגעלאָשן,
און לעבן צווישן אייך כל זמן דער דונער דונערט,
און כוואַליעס כוואַליען זיך אין אָקעאַנען.
ווי, וואָלט זיך אייער גרויסער טרויער איינקנעטן אין שויס פון
גאַנצער וועלט,
און אָנזאַפּן מיט זיך דעם הימל און די ערד —
שטערן און גראָזן — און לעבן אין זיי און זיי רעגן,
זיך עלטערן מיט זיי און זיך מיט זיי באַנייען,
פאַרוועלקן מיט זיי שטום און ווידער אויפבליען —
און אָן אַ נאָמען, אָן געשטאַלט, אָן היימלאַנד,
אָן עדות זאָל ער זיין אויף אייער לייב ביז לעצטן דור;
און אָן אַ קול, אָן ווערטער זאָל ער שרייען צום הימל און צום גהינום,
און אָפּהאַלטן די גאולה פון דער וועלט.
און אַז אין סוף פון טעג וועט אויפשיינען די פאַלשע זון
פון ליגנערשער גערעכטיקייט,
באַלייכטנדיק די קברים פון הרוגים אייערע —
און, פאַלשע פּאָן, געוויקט אין אייער בלוט, וועט חוצפּאָ׳דיק
אויף די קעפּ פון אייערע רוצחים פלאַטערן;
און גאָט׳ס געפעלשטער זיגל אויף דער פּאָן פאַרקריצט

וועט אויסשטעכן די אויגן פון דער זון;
און טאַנץ פון גאוה׳דיקע פּיס, און יובל פון דעם פאַלשן יום־טוב,
זיי עלן אויפּרירן די ביינער הייליקע אין קברים —
וועט פּלוצים ס׳ליכט פון הימל נעמען ציטערן,
און ווערן שוואַרץ מיט אייער טרויער;
די זון וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פלעק פון אייער בלוט,
אַ קין־צייכן אויפן פּנים פון דער וועלט, און שוואַכקייט־צייכן
פון גאָט׳ס אָרעם דעם צעבראָכענעם.
אַ שטערן צו אַ שטערן וועט אַ ציטער טאָן:
דאָס איז דער גרויסער ליגן! ס׳איז דער גרויסער טרויער!
און גאָט פון ראַכע, אַ פאַרוואונדעטער אין האַרצן,
ער וועט זיך אויפשטעלן און אַ געשריי טאָן, —
און מיט זיין גרויסן שווערד אַרויסגיין.

דורכשלאָגן זאָלן זיך אייערע טרערן

דורכשלאָגן זאָלן זיך אייערע טרערן.
גרינגער זאָל ווערן און פרייער זאָל ווערן —
אפשר, ווער ווייסט, וועט נאָך גאָט אַמאָל געבן:
איבערגיין וועלן די פינצטערע צייטן,
אויך אונז וועט אפשר געראָטן, ווי לייטן,
בעסערס און שענערס דערלעבן.

ח. נ. ביאַליק

פּסח מצרים, פּסח לעתיד (נאָך אַ פּיוט)

בלוט און רויך און פייער פלאַמען —
גאָט׳ס מלחמה אויף די ים׳ען.
פּסח מצרים.

גאָט׳ס מלוכה און גאָט׳ס פרידן
אויף די פעלקער און אויף אידן —
פּסח פון מאָרגן.

האָס דער שוואַרצער, האַס דער רויטער
און אין יעדן הויז אַ טויטער —
פּסח מצרים.

אַ געזאַנג פון פרייהייטס־לידער —
אַלע מענשן זיינען ברידער —
פּסח פון מאָרגן.

פרייהייטס־וועג דורך זאַמד און שלאַנגען,
אָנגעהויבן, ניט דערגאַנגען . . .
פּסח מצרים.

פאַרווירקלעכונג פון גרויסן האָפן,
פריי פון זינד און פריי פון שטראָפן —
פּסח פון מאָרגן.

שרעק און אימה, שקלאַפן ציטער
און גאָט'ס שטימע פון געוויטער —
פּסח מצרים.

די גאַנצע מענטשהייט איין משפחה
און אויף אַלעמען גאָט'ס ברכה —
פּסח פון מאָרגן.

ד ו ד א י י נ ה א ָ ר ן

מיט זון צוגלייך! . . .

איבערנאַכט, מיט זון צוגלייך, האָט זיך בלי צעגליט,
האָט דער כוח פון דער ערד זיך צעעפנט. איך שטיי פאַרגאַפט.
קום, מיין פריינט, און זע, ס'איז דאָ אַ קראַפט

פון וואוקס און שפּראָצונג, ס'איז דאָ אַ קראַפט, וואָס בליט.
אין אַ וועלט פון חורבן, פאַרצוקונג און פאַרראַט, —
זע, אַ האָפנונג זיך צעשפּילט: אַ בלום און נאָכן בלום — אַ בלאַט . . .
אין אַ וועלט פון כאַאָס, זע, ווי ריטמיש, זינגענדיק, געשפּאַנט,
די ערד ציט ווידער אויף איר פאָן! שטרעק אויס דיין האַנט,
אַנטקעגן גיי, און צולהכעיס טויט, וואָס איז ווי לעבן דאָ,
הויב אויף דיין בליק! עס נענטערט זיך די שעה ,
ווען אַלע וועלן טוליען־זיך צו מאַמע־ערד, וואָס קומט
מיט ליבשאַפט און פאַרגעבונג פאַר אַלץ, וואָס שפּראָצט און זשומט;
די מאַמע־ערד, וואָס טראָגט דורך פינצטערניש פון דורותדיקן שיכט,
עקשנות פון תחית המתים — דאָס אויסגעטרוימטע ליכט . . .
דער טויט איז דאַר און קליין, טראָגט טויט פאַר זיך אַליין;
דער טויט איז אונטערטעניקייט, די אַש פון גרויסן פלאַם.
נאָר, זע, העראָאישקייט פון וואוקס און בונט פון יעדן שטאַם.
אַזוי פיל צינגער, מיילער, הענט, מיט הונגער פונם זיין,
און קיינער ווערט דאָ ניט פאַרפעלט — ניט מיין, ניט דיין !
די מאַמע־ערד אין מיילן־שפּרונג, ברענגט יעדערן זיין בלי,
און הענגט נאָך אויף אין הויך דעם טרוים פון שטערן־גלי.
וואַש אָפּ פון אויג דעם ציטערדיקן שלאָף פון לעצטער נאַכט,
ווען אין זכרון — איבער שוואַרצן יאוש־תהום,
געשוואומען זיינען טעג, ווי בלעטער, מיט אַ מוטנעם שטראָם ;
און קאָפּ־אַראָפּ, מיט אָפּהענטיקער האַנט, האָט שטום געוואַכט
דער שאָטן פון אַ וועלט, וואָס ווערט פאַרשרפהט און פאַרברענט.
הויב אויף דיין בליק, און זע, ס'איז דאָ אַ קראַפט, וואָס בויט.
עס קומט אַ טאָג, ווען אַלע, מיד פון אומקום און פון טויט,
און אַלע אַנטרונענע פון פאַרדאַרבנדיקער שווערד, —
דערזען וועלן: דער אמת שפּראָצט פון דר'ערד!
און יונג און אַלט, ווי אדם הראשון — אין הייליקן אָנגעזיכט,
זיי וועלן זיך פאַרשעמען פאַר דעם גרויסן ליכט ! . . .

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה . . .

אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה וועלן מיר ערשט אָנהויבן צו ציילן
די אידישע מאַרטירער אין רוסלאַנד, ליטע, פוילן;
די קדושים אין די געטאָס און אויף אַלע וויסטע וועגן,
וואו ס׳בערגלען זיך די קברים פון ברידער, פריינט, קאָלעגן.

אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה וועט מען ציילן אויך די שיפן
פאַרזונקענע אויף אייביק אין אַלע טיפסטע טיפן,
און מען וועט שוין ווידער אויף אַלע קאָנטינענטן
שטעלן דענקמעלער פאַר דעם סאָלדאַט דעם בישט־דערקענטן.

אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה וועט מען מוזן אַלץ פאַרגעסן,
וועט מען ווידער מיט די רוצחים פון איין שיסל עסן,
וועט מען אַלע וועלט בית־עלמינס פאַראַקערן אויף תבואה
און אין די שולן לערנען ישעיה׳ס געטלעכע נבואה.

אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה וועלן די פאָעטן ווידער
שרייבן צאַרטע ליבע־ און לבנה־לידער.
מען וועט פון אַלע ווערטער־ביכער אויסקראַצן דעם וואָרט „נקמה״ —
ווי גוט עס וועט אונז זיין „אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה״!

דניאל טשארני

פאַר קנאַל פון קאַנאָנען

פאַר קנאַל פון קאַנאָנען און בלוטיקע זיגן
ניט שעם זיך, מיין ליד; ווער, מיין שטים, ניט פאַרשוויגן!
קלינג, פערז מיינער, קלינג, פאַר פעלקער׳ס יתומים,
און פאַר מיינע שמאַכטנדע ברידער אינאיינעם.
צעטומעלטע וועלט, הויב זיך אויף, גיב אַ צייכן,
אַז אין האַרץ דאָס צווייטע זאָל קאָנען דערגרייכן.
כל זמן ס׳איז אַ בוים דאָ אויף דר׳ערד וואָס עס גרינט נאָך,

האָט מענש נאָך אַ ווערט און זיין טאָג איז באַזינט נאָך.
כ׳וועל אויפקלייבן זיינע צעבראָכענע לוחות
און קנאַל פון קאַנאָנען און אָרגיע פון רוחות.

אברהם ברוידעס

פון דער פּאָעמע „אַ נאַכט״

19 און ברענגען וועט פרידן און רו פאַר דער ערד
אַ קעניג, וואָס קומט אויף אַ שניי־ווייסן פערד.
צי דאָס איז אַ בענטשונג, צי דאָס איז אַ פלוך —
אַזוי שטייט געשריבן אין הייליקן בוך.
— והיה באחרית הימים.

געגליט האָבן שטערן און בלומען געבליט,
געזונגען אין וואַלד האָט דער פייגל זיין ליד,
געוואַרט האָט דאָס לעבן אַן אייביגקייט לאַנג
דעם קעניג אַנטקעגן צו גיין אויף זיין גאַנג.
— והיה באחרית הימים.

דורך פייער און בלוט און פאַרוויסט איז די ערד.
און וועמען האָט איבערגעלאָזן ער׳ שווערד ?
אויף וועמען וועט פאַלן זיין הייליקע שיין,
וואָס וועט ווי די זון אַזאַ לויטערע זיין ?
— והיה באחרית הימים.

אָ, קעניג, מיין דורות פאַרהייליקטער, דו,
פאַר וועמען דיין פרידן ? פאַר וועמען דיין רו ?
דאָס בלוט פון די דורות פאַרגאָסן פאַר דיר
וועט קומען און מאָנען אַן ענטפער פאַר מיר.
— והיה באחרית הימים.

מ. ל. האַלפּערן

טרייסט

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט..
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זייט נישט דער ווינט, וואָס לעשט דעם פלאַם,
נאָר בלאָזט אים אויף, און פוצט די קנויט,
וויל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט.
עס האָט געלויכט שוין ניט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין ניט איין שלאַכט
און ניט געלאָזט די פאָן פון האַנט.
עס שטייט אַן אייזן־פעסטע וואַנט
אין וויסטן, ווילד־פאַרקאַכטן ים.
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! בלאָזט אויף דעם פלאַם!

אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָפגעשלאָפט!
זאָל שפּריצן העל די לעבנסקראַפט —
אַ פייערדיקער זייל ביינאַכט.
עס זינקט די נאַכט, דער טאָג דערוואַכט
און שיקט דעם שטראַל — אַ גאָלדענע פייל —
אַ גרוס דעם פייערדיקן זייל!
אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט.

י. ל. פּרץ

אין די טעג פון משיחן

א דאָס וואָרט, וואָס ישעיהו, דער זון פון אָמוצן, האָט געזען אויף יהודה און ירושלים.

ב און סע וועט זיין אין דעם שפּעטער פון די טעג,
באַפעסטיקט וועט זיין דער באַרג פון גאָטס הויז
אין דעם אויבנאָן פון די בערג,
און דערהויבן איבער די היגלען,
און סע וועלן שטראָמען צו אים אַלע וועלטשטאַמען,

ג אונ סע וועלן גייִן אַ סך פעלקער און זיי וועלן זאָגן:
קומט און לאָמיר אַרויף צו דעם באַרג פון ג אָ ט,
צו דעם הויז פון דעם גאָט פון יעקב,
און ער וועט אונז אופקלערן פון זיינע וועגן,
אַז מיר זאָלן גייִן אין זיינע שטעגן.
וואָרן פון ציון וועט אַרויסגייִן תורה,
און דאָס וואָרט פון ג אָ ט פון ירושלים.
ד און ער וועט משפטן צווישן די וועלטשטאַמען,
און ער וועט אויסגלייכן צווישן מענגעס פעלקער:
און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אַף אַקערס,
און זייערע שפיזן אַף שניטמעסערס,
אַ שטאַם קעגן אַ שטאַם וועט נישט אופהויבן קיין שווערד,
און זיי וועלן זיך מער נישט לערנען קיין מלחמה.
ה הויז פון יעקב, קומט און לאָמיר גייִן אין דעם ליכט פון ג אָ ט!

ישעיהו, קאַפּיטל יא

א און סע וועט אַרויס אַ ריטל פון דער גזע פון ישי,
און אַ צווייג וועט פרוכפערן פון זיינע וואָרצלען.
ב און סע וועט רוען אַף אים דער גייסט פון ג אָ ט,
דער גייסט פון חכמה און פאַרשטענדיקייט,
דער גייסט פון עצה און גבורה,
דער גייסט פון דערקענונג און פון ג אָ ט ספאַרכטיקייט.
ג און זיין באַגייסטונג וועט זיין מיט ג אָ ט ספאַרכטיקייט,
און נישט נאָכן זען פון זיינע אויגן וועט ער משפטן,
און נישט נאָכן הערן פון זיינע אויערן וועט ער אויסגלייכן.
ד נייִן, ער וועט משפטן מיט גערעכטיקייט די אָרימע,
און וועט שאַפן אויסגלייך מיט רעכטפאַרטיקייט פאַר די קליינמוטיקע
פון דער ערד,
און ער וועט שלאָגן די ערד מיט דער רוט פון זיין מויל,
און מיט דעם אָטעם פון זיינע ליפן וועט ער טייטן דעם רשע.
ה און גערעכטיקייט וועט זיין דער גאַרטל פון זיינע לענדן,
און די געטריישאַפט — דער גאַרטל פון זיינע היפטן.
ו און סע וועט ווילן דער וואָלף מיט דעם לאַם,
און דער לעמפערט וועט הויערן מיט דער ציג,

און קאַלב און יונגער לייב און פּעטלינג אינאיינעם,
און אַ קליין אינגל וועט זיי טרייבן.
ז און קו און בער וועלן זיך פּיטערן,
אינאיינעם וועלן הויערן זייערע יונגע,
און דער לייב וועט עסן שטרוי ווי אַ רינד.
ח און דאָס זייגקינד וועט זיך שפּילן ביי דעם לאָך פון דעם פּיפּערנאָטער,
און איבער דער ליכט־עפּענונג פון דער האָרנשלאַנג וועט אַן
אַנטוויינטס שטרעקן זיין האַנט.
ט מע וועט נישט טון קיין בייז און מע וועט נישט פאַרדאַרבן
איבער דעם גאַנצן באַרג פון מיין הייליקטום,
וואָרן די ערד וועט זיין פול מיט דער דערקענונג פון ג אָ ט
ווי די וואַסערן באַדעקן דאָס ים־בעט.
י און סע וועט זיין אין יענעם טאָג:
דער וואָרצל פון ישי, וואָס שטייט פאַר אַ באַנער פון פעלקער,
אים וועלן די וועלטשטאַמען פאָרשטן
און זיין מנוחה וועט זיין אַ כבוד.

נפתלי גראָס

דער זיג, וואָס וועט באַפרייען די וועלט

(פון אַ רעדע, מאַי 8, 1942)

דאָס איז אַ מלחמה צווישן אַ וועלט אין קנעכטשאַפט און אַ וועלט אין פרייהייט. אַזוי ווי אין 1862 האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן ניט געקאָנט בלייבן האַלב אין שקלאַפעריי און האַלב פריי, אַזוי מוז אין 1942 די וועלט זיך אַנטשליסן אויף אַ פולשטענדיקן זיג פאַר קנעכט־שאַפט אָדער פאַר פרייהייט.

מיר ווייסן, אַז די רעוואָלוציע פון די לעצטע 150 יאָר האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט, ניט דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ניט אין קיין אַנדער לאַנד אויף דער וועלט. מיר ווייסן, אַז אָט די רעוואָלוציע קאָן זיך ניט אָפּשטעלן, ביז וואַנען מען וועט ניט איינשטעלן פול־שטענדיקע פרייהייט פון וואָרט.

עס איז אמת, אַז די אַמעריקאַנער יוגנט פילט אַ הייליקן האַס צו מלחמה, אָבער טאַקע דערפאַר, און ווייל היטלער און די דייטשן שטייען פאַר אונדז ווי אַ סימבאָל פון מלחמה, וועלן מיר קעמפן מיט

אומאויפהערלעכער באַגייסטערונג, ביז מלחמה און די מעגלעכקייט פון מלחמה וועלן אָפּגעווישט ווערן פון אונזער ערד. מיר וועלן אויס־רייניקן דעם פעסט־ווינקל פון אייראָפּע — היטלער'ס דייטשלאַנד, און צוזאַמען מיט דעם די גיהנום־גרוב פון אַזיע — יאַפּאַן.

וויצע־פרעזידענט הענרי א. וואַלעס

אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער הימן

(אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער הימן)

אָ זאָג! קאָנסטו זען אין באַגין־שיין די פּראַכט
פון געיובלטער פרייד אין פאַרנאַכטיקן בלויען?
ווי די שטרייפן און שטערן אין גרויזאַמער שלאַכט
אויפן פאָרט העלדיש פלאַטערן נאָך מיט פאַרטרויען? —
רויטער שיין פון ראַקעט, וואָס קאַנאָן שיסט אין לופט,
אונז באַווייזט, אַז די פאָן נאָך צו העלדישקייט רופט!
אָ, זאָג, איז נאָך שטרייפיקע פאָן אויסגעשפרייט,
איבער היימען פון פרייע און בראַווע צעווייט?

קאָנסט ביים ים־ברעג קוים זען, דורכן נעפּל פאַרשטעלט,
אין דער אימה'קער שטילקייט דעם שונא דאָרט ליגן;
וואָס באַוועגט זיך פון ווינט איבער בערגלעך צעהעלט,
גיט אַ ווײַ מיט אַמאָל און עס ווערט באַלד אַנשטויגן? —
ערשטער שיין פון באַגינען צעגליט זיך אַרום,
אין דעם שטראָם שפּיגלען אָפּ זיך די שטראַלן פון זון,
און מען זעט: שטערן־שטרייפיקע פאָן אויסגעשפרייט,
איבער היימען פון פרייע און בראַווע צעווייט!

פלאַטער שטענדיק, ווען מענש מיטן שווערד אין זיין האַנט
וויל באַשיצן זיין היים קעגן שונא'ס פאַרגוואַלטן;
גאָט זאָל בענשן מיט זיג און מיט פרייד אונזער לאַנד,
וואָס ער האָט אונז ביז איצטער געהאָלפן צו האַלטן.
מיר געדענקט, מיר וועלן די זיגער אַרויס,
ווייל דער גלויבן אין גאָט גייט אונז שטענדיק פאַראויס!
שטערן־שטרייפיקע פאָן זאָל זיין זיגרייך צעשפּרייט,
איבער היימען פון פרייע און בראַווע צעווייט!

פרענסיס סקאָט קי

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט — 4

הימנען

פרעזידענט רוזוועלט (פון אַ רעדע, סעפט., 1942) — 9
פרעזנסים סקאָט קי. אַמעריקאַנער הימן (אידיש: ל. פיינבערג) — 9
כינעזיש מלחמה־ליד (אידיש: ה. מייטין) — 11
איידשען פּאָטיע. אינטערנאַציאָנאַל (אידיש: ה. לייוויק) — 11
א. ק. בענסאָן. לאַנד פון רום און האָפענונג (ענגלישער הימן. אידיש: ה. מייטין) — 12
פּוילישער נאַציאָנאַלער הימן (אידיש: ה. מייטין) — 12
נפתלי הערץ אימבער. התקוה (אידיש: ה. מייטין) — 13
ש. אַנ—סקי. די שבועה („בונד") — 14
יהושע פעלאָוויץ. די שבועה (פּועלי ציון) — 14
ח. נ. ביאַליק. געמט אָן זיך מיט מוט (אידיש: י. י. שוואַרץ) — 15
ס. וו. בענעי. תפילה פון די פאַראייניקטע פעלקער (אידיש: א. אויערבאַך) — 16
ביערנסטיערנע ביערנסאָן. נאָרוועגיש פרייהייט־ליד (אידיש: ה. מייטין) — 17
יאָזעף קאַיעטאַן טיל. טשעכישער נאַציאָנאַלער הימן (אידיש: ה. מייטין) — 18
סערבישער נאַציאָנאַלער הימן (אידיש: ה. מייטין) — 18
סערביש פאָלקסליד (אידיש: מאַני לייב) — 19
אז ישיר (אידיש: נפתלי גראָס) — 20
שירת דבורה (אידיש: נפתלי גראָס) — 22
א. סורקאָוו. דער קריגער (אידיש: מאַני לייב) — 25

די מלחמה גייט

ז. שניאור. די מלחמה גייט: 1. דייטשלאַנד זינגט — 26
ז. שניאור. די מלחמה גייט: 2.ביים קלויסטער — 27
אַלעקסאַנדער בלאָק. ער (אידיש: מאַני לייב) — 28
עדנאַ סט. ווינסענט מילעי. — ניטאָ קיין אינזלען שוין ניט מער (אידיש: י. קיסין) — 29
מ. י. לערמאָנטאָוו. אַ נבואה (אידיש: מאַני לייב) — 33
סטיוון ווינסענט בענעי. 1935 (אידיש: מרדכי יאַפע) — 34

דער שונא ביי די טויערן

דזשאָן באַקסטאָן (ענגלאַנד). פאַר ד. ל., וואָס איז געפאַלן אין דער לעצטער מלחמה (אידיש: א. ניסענזאָן) — 35
אשר שוואַרצמאַן (סאָוועט־רוסלאַנד) דער שונא ביי די טויערן — 36
וואָלט וויטמאַן. קלאַפּט, קלאַפּט, פויקן (אידיש: י. קיסין) — 36
וואָלט וויטמאַן. פויק־סיגנאַלן (אידיש: ל. מילער) — 37
מאַרגאַרעט סטענלי־רענטש (ענגלאַנד) באָמבאַרדירטע שטעט (אידיש: בעריש ווײַנשטיין) — 39
י. ל. פרץ. פון יחזקאל — 40
דזשאַק קוירל (ענגלאַנד). די לעצטע מלחמה (אידיש: א. ב.) — 41
אַנטאָני סלאָנימסקי. אַלאַרם אין וואַרשע (אידיש: ש. ל. שניידערמאַן) — 41
אַלעף כץ. אַלאַרם — 43
נחום יוד. בלעטער (פאַבל) — 44

איך בין די שווערד, איך בין דער פלאַם

זייט

היינריך היינע. איך בין די שווערד, איך בין דער פלאַם (אידיש: א. רייזען) 45
א. רייזען. צום גולם 45
פראַנץ ווערפעל. דער גוטער מענטש (אידיש: א. ב.) 46
מאַני לייב. זיי בראַוו, מיין ליבער אינגל 47
מאַני לייב. די טרער פון מאַמעס 48
זישא לאַנדוי. אויב קריג איז קריג 48
זישא לאַנדוי. אַ געבעט 49
זישא לאַנדוי. אַ היינטיק וויגליד 50
זישא לאַנדוי. מאַטראָזן 51
נפתלי גראָס. סאָלדאַטן און מאַטראָזן 52
אפרים אויערבאַך. מען האָט נאָך אים געשיקט 53
אפרים אויערבאַך. אַדלערס אונזערע 54
מלכה לי. איך מיין זון וועט זיין שטאָם ניט פאַרשעמען 56
לוי גאָלדבערג. אַ שעה אורלויב 56
סאָפיאַ דובנאָוואַ. אַ מוטער (אידיש: מרדכי יאָפע) 57

גיס אויס דיין צאָרן; דאָס ליד פון האַס

איציק פעפער (סאָוועט־רוסלאַנד). אַ קללה 58
ל. פיינבערג. אָ לערן מיך האַסן דעם שונא 59
ש. ל. שניידערמאַן. אל קנא ונוקם 60
היינריך היינע. שלעזישע וועבער (אידיש: דוד פרישמאַן) 61
דוד איינהאָרן. אויף די פעלדער פון רוסלאַנד 62
דוד איינהאָרן. דייטשער פרילינג 64
ראובן אייזלאַנד. זיי וואַך, זיי קיל און רעכן 66
ראובן אייזלאַנד. צו זישא לאַנדוי 66
ראובן אייזלאַנד. אין קאַבינעטן זיצן קאַניבאַלן 67
בערטאָלד ברעכט. וואָס קריגט דעם נאַצי־זעלנער׳ס ווייב? (אידיש: מאַרטין בירנבוים) 68
סטעפאַן שטשיפאַטשאָוו. רוסישער פרילינג (אידיש: י. קיסין) 69
משה נאָדיר. רוסישע פרעסט. 70
מאָריס ראָזענפעלד. היינריך היינע 72
עמיל ווערהאַרן. דייטשלאַנד, די מערדערין פון פעלקער (אידיש: ש. ל. שניידערמאַן) 73
חיים ליבערמאַן. פון בוך „ממעמקים — פון די טיפענישן" 75
מאַשאַ קאַלעקאַ. צו דייטשלאַנד (פון ענגליש: מאַני לייב) 78
י. ל. טעלער. די תפילה פון אַ איד אין די היינטיקע טעג 79
מ. קופערשמיד (סאָוועט־רוסלאַנד). אַ בריוועלע דער כלה 80
ל. רעזניק (סאָוועט־רוסלאַנד). מאַנען און צאָלן 81
פרץ מאַרקיש (סאָוועט־רוסלאַנד). זיין מוט איז העכער פון די שטערן 82
א. שטאָלצענבערג. מוסאָליני אין רוים 83
וואָלף יונין. אַ געוויינלעכע נאַכט 84

אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט

וויליאַם שעקספיר. פון דער דראַמע „ריטשאַרד דער דריטער" (אידיש: נ. גאָלדבערג, סאָוועט־רוסלאַנד) 85
מאַני לייב. באַלאַדע פון די אידישע קראַנקע קינדער, וואָס די נאַציס האָבן דערמאָרדעט 86

זייט
וואָלף יונין. אין אונזער דור — — — 88
מ. פריד־ווייניגנער. פון דער פּאָעמע „פרונזא ווערדע" — — 88
יהואש. אַ שדים־טאַנץ — — — 89
ישעיה. אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט (אידיש: יהואש) — — 90
לאָרד באַיראָן. פון דער פּאָעמע „פינצטערניש" (אידיש: י. קיסין) 91

אין שלאַכט; די הייליקע מלחמה

ה. לייוויק. פייערדיקע שניטער — — — 92
ל. פיינבערג. געדענק פוירל האַרבאַר — — — 93
י. א. ווייסמאַן. דאָס לעצטע אויג — — — 94
יאָסיף אוטקין. מאַרש־ליד פון דער סאָוועטישער גוואַרדיע (אידיש: י. קיסין) — — — 95
אַלעקסעי סורקאָוו. אַ פּאַרגעפיל פון פרילינג (אידיש: י. קיסין) 96
סאָפיע פרעגעל. רוסישע פּאַרטיזאַנען (אידיש: י. קיסין) — — — 97
מ. א. סול. זון־פאַרגאַנג אויפן שלאַכטפעלד — — — 99
טאַדרעס קרעל (סאָוועט־רוסלאַנד). פּאַרטיזאַנער — — — 99
קאַרל סאַנדבורג. גראָז (אידיש: מענדל נייגרעשל) — — — 101
קאַרל סאַנדבורג. צו דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש (אידיש: א. ב.) — — 101
וויקטאָר הוגאָ. די רעפּובליק פון דער וועלט (אידיש: א. ב.) — — 103

פאָלק און לאַנד; אַמעריקע

א. לעיעלעס. צו ענגלאַנד — — — 104
א. לעיעלעס. אַ אידיש ליד — — — 105
יעקב גלאַטשטיין. אַ גוטע נאַכט, וועלט — — — 106
ט. ס. עליאָט. פאַרטיידיקונג פון די בריטישע אינזלען (אידיש: י. ק.) 108
ב. לאַפין. פרייטיק, ביי אַ פולער לבנה — — — 109
ב. לאַפין. די שבועה — — — 110
בעריש ווײַנשטיין. נאָך 1000 יאָר — — — 111
מאָריס ראָזענפעלד. אַ באַגריסונג צו אַ פוילישן סאָציאַליסט — — 112
י. י. סיגאַל. שטאַרקער גלות — — — 113
אַנדרע ספיר. שמע ישראל (אידיש: א. ב.) — — — 115
יצחק למדן. אַ גאָט פון אברהם (אידיש: מרדכי יאָפע) — — — 116
מ. טקאַטש. ווײַ־געשריי — — — 117
שאול טשערניכאָווסקי. אני מאמין (אידיש: מרדכי יאָפע) — — 118
שאול טשערניכאָווסקי. פון „אויף דער וואַך" (אידיש: ז. רובאַשאָװ) 119
א. ס. פושקין. צו טשאַאַדייעװן (אידיש: מ. כאַשטשעװאַצקי) — — 120
א. ס. פושקין. אַ גרוס קיין סיביר (אידיש: י. קיסין) — — — 120
טאַראַס שעװטשענקאָ. צוואה (אידיש: דוד האָפשטיין) — — — 121
י. ג. צו ליטע — — — 122
פ. ב. שעלי. אַמעריקע (אידיש: י. קיסין) — — — 123
א. רייזען. אַמעריקע — — — 124
א. ליעסין. פון „די סטאַטוע פון פרייהייט" — — — 124
לענגסטאָן יוהז. אויך איך באַזינג אַמעריקע (אידיש: א. ב.) — — — 125
וואָלט וויטמאַן. אַמעריקע (אידיש: א. ב.) — — — 126
פרענסיס סקאָט קי. אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער הימן (אידיש: א. ניסענזאָן) — — — 126

היים און וואָגלער

נפתלי גראָס. דאַכאַו — — — 128
יעקב גלאַטשטיין. דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען — — — 129

זייט

ה. לייוויק. מיין קינדישע היים אויפן טייך בערעזינע — 130
מלך ראַוויטש. היינט האָבן די נאַצי־חילות — 132
ע. קאַרמאַן. אין שטעטלעך פון מיין היימלאַנד — 134
ע. קאַרמאַן. איבער וויסטע שטרעקעס — 134
ציליע דראָפּקין. פון מיין היימלאַנד — 135
מנחם באָריישאָ. גירוש (פון דער פּאָעמע „זאַוול רימער") — 135
ז. סעגאַלאָוויטש. פון דער פּאָעמע „אַ בוים אין פוילן" — 137
מ. טקאַטש. אַ כראָניק פון וויטעבסק — 139
רופּערט ברוק. דער סאָלדאַט (פון ענגליש: ד. ל.) — 140
י. קיסין. וואָגלער פון דער ערד — 140
היינריך היינע. איך האָב געהאַט אַ שיין, ליב פאָטערלאַנד (אידיש: י. קיסין) — 141
סטעפאַן צווייג. פון דער דראַמע „ירמיהו" (אידיש: ה. ראָזענפעלד) — 141
קאַרל דזשעי שאַפּיראָ. דער וועג פון וואָגלער (אידיש: י. קיסין) — 142
עלזע לאַסקער־שילער. מיין פאָלק (אידיש: י. קיסין) — 143

דער אייביקער איד

מאַני לייב. אוי, ברידער — 144
י. י. שוואַרץ. 50 ספר־תורה'ס — 145
י. י. שוואַרץ. דמשק, צור און צידון — 146
א. ליעסין. פון „דער אייביקער איד" — 147
א. ליעסין. פון „אידיש" — 148
א. ליעסין. זאָלן זיי קומען — 148
י. נ. אַהאַספער — 149
מרדכי יאָפע. זיי און מיר — 150
מרדכי יאָפע. אַ תפילה — 150
די לייט פון בלוט און באַטרוג. (תהלים, נ"ח; אידיש: יהואש) — 150
אַ פעסטונג איז אונז דער גאָט פון יעקב (תהלים, כ"ג; אידיש: יהואש) — 153
גאָט איז מיין פאַסטוך (תהלים, כ"ג; אידיש: יהואש) — 154

געטאָ, געלע לאַטע

א. אַלמי. געטאָ — 155
א. אַלמי. געלע לאַטע — 156
יעקב גלאַטשטיין. געטאָ־ליד — 157
ה. לייוויק. כבוד, געלע לאַטע — 158
יוזעף וויטלין. צו מיינע ברידער אין די געטאָס (אידיש: ש. ל. שניידערמאַן) — 159
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. צו אַ קינד אין געטאָ — 161
נ. ב. מינקאָוו. אומפאַרשטענדלעך — 162
א. טאַבאַטשניק. פון שטאָל שמיד אויס אַ האַרץ און קום... — 163
גבריאל פּרייל. איך זע אין 1938 — 164

ווי נישט וועלן זיי ווערן

פּ. ב. שעלי. אָזימאַנדיאַס (אידיש: י. קיסין) — 165
א. מ. קליין. אין הימל (אידיש: י. קיסין) — 165
ה. לייוויק. דאָס וועט זיין אין צייט פון קץ — 167
דזשאָרדזש גאָרדאָן לאָרד באַיראָן. סנחרב'ס אונטערגאַנג (אידיש: ב. י. ביאַלאָסטאָצקי) — 168

זייט

דזשאַרדזש גאַרדאַן לאָרד באַיראָן. אין טאָג ווען טיטוס האָט חרוב געמאַכט ירושלים (אידיש: ב. י. ביאַלאָסטאָצקי) 169

דזשאַרדזש גאַרדאָן לאָרד באַיראָן. די זעאונג פון בלשצר (אידיש: ב. י. ביאַלאָסטאָצקי) 169

שלמה שוואַרץ. יהודית 171

אין קליידער פון נקמה (ישעיה, ס״ג; אידיש: יהואש) 171

ווי נישט וועלן זיי ווערן (ישעיה, נ״ט; אידיש: יהואש) 172

העלדן און קדושים

סטיוון ספּענדער. איך טראַכט כסדר וועגן די (אידיש: א. ל—ס) 174

אייזיק ראָזענבערג. טויטע גיבורים (אידיש: א. ל—ס) 175

וואָלט וויטמאַן. אָ קאַפּיטאַן, מיין קאַפּיטאַן (אידיש: א. ליעסין) 176

דזשאַן גולד פלעטשער. לינקאָלן (אידיש: א. ב.) 177

ס. וו. בענעי. דזשאַן בראַונ'ס תפילה (אידיש: א. ניסענזאָן) 178

דזשאַן העי (אַמעריקע). וועיק אינזל (אידיש: בעריש ווײַנשטיין) 180

פּאַוולאָ טיטשינאַ (סאָוועט־אוקראַינע). אַז ער איז פון פערד געפאַלן (אידיש: א. פּעפּער) 180

מאַרק שווייד: קדושים 181

א. ניסענזאָן. דאָס לעבן זינגט אפילו אין טויט 181

א. ניסענזאָן. אַ געזאַנג 183

י. קיסין. אַ תפילה צו אַרכימעדן 185

י. קיסין. הלל און עקיבא 186

ל. פײַנבערג. דער סוף פון בר כוכבא (פון דער פּאָעמע „אין קיינעמס לאַנד") 187

מאַרים ראָזענפעלד. יהודה המכבי 188

רחל. איוב (אידיש: מרדכי יאַפּע) 188

לעבן און טויט; רעקוויעם

שלום גרין. שוצקעלער־ליד 189

י. אדלער. אַ צייט־ליד 190

בער האַראָוויץ. אורלויב 190

בערטאָלד פּירטעל. אַ מוטער גייט אַוועק (אידיש: נפתלי גראָס) 191

ס. שטשיפּאַטשאָוו (סאָוועט־רוסלאַנד). אַ קאַרטל און אַ פּעקל צום פראָנט (אידיש: י. קיסין) 193

לואי אַראַגאָן (פראַנקרייך). נאַכט אין דאַנקערק (אידיש: א. ב.) 194

זשאַן ריוויע (פראַנקרייך). פון חורבן פראַנקרייך (אידיש: א. ב.) 195

עדווין אַרלינגטאָן ראָבינסאָן. טונקעלע בערג (אידיש: י. קיסין) 196

מ. טאַלאַלאַיעווסקי (סאָוועט־רוסלאַנד). מיר וויינען ניט 197

אפרים אויערבאַך. אל מלא רחמים 197

די גוטע בשורה (ישעיה, ס״א) 198

שטימען פון עבר

מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ. איז אַוועק אין קריג דער מלך (אידיש: א. רייזען) 199

נ. א. נעקראַסאָוו. ווען כ'הער זיך צו צום שרעק פון שלאַכט (אידיש: ל. ניידוס) 200

אַנאַ אַכמאַטאָוואַ. מזרח און מערב (אידיש: מרדכי יאַפּע) 200

מאַרינאַ צוועטאַיעוואַ. אַ צייט אַזאַ (אידיש: מרדכי יאַפּע) 201

מאַרינאַ צוועטאַיעוואַ. די אמתע שונאים (אידיש: מרדכי יאַפּע) 201

אַדאַם מיצקעוויטש. פון „קאָנראַד וואַלענראָד" (אידיש: מ. כמעלניצקי) 202

זייט

דעטלעוו פאַן ליליענקראָן. נאַר וואו? (אידיש: מאַני לייב) — 203
מ. י. לערמאָנטאָוו. פון דער פאָעמע „וואַלעריק" (אידיש: מ. כאַשטשעוואַצקי) — 204
לאָרד באַיראָן. דאָס געזאַנג פון שאול (אידיש: ב. י. ביאַלאָסטאָצקי) — 206
זייער גוטפריינטשאַפט מיטן טויט (תהלים, כ"ח; פון ב. וואָלדעק'ס זאַמלונג „פון דער טיפעניש פון האַרצן") — 206

פרייהייט, מלחמה און שלום

עמיל ווערהאַרן. דער טריבון (אידיש: ש. ראסין, סאָוועט־רוסלאַנד) 207
פ. ב. שעלי. פרייהייט (אידיש: י. קיסין) — 208
ש. פרוג. צו דיר, אָ פרייהייט — 209
פרידריך שילער. צום נייעם יאָרהונדערט (אידיש: ה. מייטין) — 210
יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע. פון „פאַאוסט" (אידיש: ע. פינינבערג, סאָוועט־רוסלאַנד) — 210
היינריך היינע. פראַגמענט (אידיש: דוד פרישמאַן) — 210
היינריך היינע. די שקלאַפן־שיף (אידיש: מ. ל. האַלפערן) — 211
מענדל נייגרעשל. צוויי ווערטער — 216
י. י. שוואַרץ. פון עמוס — 217
ראָמען ראָלאַן. צוויי היימען (אידיש: א. ב.) — 218
יוליאַן טואווים. נאָך־מלחמהדיק ברויט (אידיש: ש. ל. שניידערמאַן) 219
באַבעט דויטש. וואַפנשטילשטאַנד (אידיש: א. גיסענזאָן) — 219
אַרטשיבאַלד מעקליש. געאָגראַפיע פון אונזער צייט (אידיש: א. גיסענזאָן) — 220
סאַנדאָר פעטעפי (אונגאַרן). מלחמה און שלום (אידיש: ד. ל.) — 221
קלאַרא בלום (דייטשלאַנד). אַ דייטש וויג־ליד (אידיש: מאַני לייב) — 222
פאַרוואָס איז דער ים אַזוי רויט? (רוסיש פאָלקסליד, אידיש: י. קיסין) 223
רחל. דער בשורה־טאָג (אידיש: א. ליעסין) — 224
וו. י. אָודען. גיי, פאָעט (אידיש: י. קיסין) — 224

והיה באחרית הימים

ח. נ. ביאַליק. פון צער און צאָרן — 225
ח. נ. ביאַליק. דורכשלאָגן וועלן זיך אייערע טרערן — 226
דוד אײנהאָרן. פסח מצרים, פסח לעתיד (נאָך אַ פיוט) — 226
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי. מיט זון צוגלייך — 227
דניאל טשאַרני. אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה — 229
אברהם ברוידעס. פאַר קנאַל פון קאַנאָנען (אידיש: מרדכי יאָפע) — 229
מ. ל. האַלפערן. פון „אַ נאַכט" — 230
י. ל. פרץ. טרייסט מיין פאָלק — 231
ישעיה. אין די טעג פון משיחן (אידיש: נפתלי גראָס) — 231
ישעיה. קאַפיטל י"א (אידיש: נפתלי גראָס) — 232
וויצע־פרעזידענט וואָלאָס. פון אַ רעדע, מאַי, 1942 — 233
פרענסיס סקאַט קי. אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער הימן (אידיש: ב. לאַפין) 234
אינהאַלט — 235